STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08537

DERTSEYLUNGEN

Aaron Meisel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מייזעל

דערציילונגען

איקוף פארלאג
ניו־יארק, נ. י.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן פון „איקוף״
מיט דער מיטהילף פון לערער
פון די פּראָגרעסיווע שולן

A. MISSEL

DERTZEILUNGEN

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
1953

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York 3, N. Y.

אהרן מייזעל

(1936 — 1890)

פאָרוואָרט

דאָס איצטיקע בוך „דערציילונגען" פון א. מייזעל, דערשיינט מיט אַ שטאַרקער פאַרשפּעטיקונג. עס האָט געזאָלט אַרויס צו א. מייזעלס צענטן יאָרצייט (א. מייזעל איז געשטאָרבן דעם 8טן יולי, 1936). די דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין בוך, שעפּן נישט אויס אַלע איבערגעבליבענע מאַנוסקריפּטן, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט אי־בערגעלאָזט. לאָמיר האָפן, אַז די ווייטערדיקע זאַמלונגען וועלן אַזוי לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן.

א

קודם־כל, אַביסל ביאָגראַפיש:

אהרן מייזעל איז געבוירן געוואָרן אין 1890 (דעם דריטן טאָג חנוכה), אין בערעזין, מינסקער גובערניע. ער איז געווען דער ייִנגסטער אין אַ משפּחה פון זעקס קינדער. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ זייגער־מאַכער. צו צוועלף יאָר האָט דער יונגער אהרן אָנגעהויבן זיך לערנען זייגערמאַכעריי, טאַקע ביים אייגענעם פאָטער. ער איז פרי געוואָרן אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי זיך אין שטעטל. אין 1910, איז ער צוגענומען געוואָרן ווי אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי. נאָך עטלעכע חדשים דינען איז ער אַנטלאָפן און געקומען קיין אַמעריקע צו אַ רייכן פעטער אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא, דאָס איז געווען אין יאָר 1911. אַ יאָר צייט האָט ער געטאָן אין אַטלאַנטאַ פאַר־שיידענע מלאכות, דער עיקר געווען באַשעפטיקט ביי זייגער־מאַכעריי, דערנאָך איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט אָפּגעאַרבעט עט־לעכע יאָר אין אַ זייגער־פאַבריק אין ניו־דזשוירזי און צוליב קראַנק־הייט געמוזט אויפגעבן די אַרבעט. אין 1914 האָט ער חתונה געהאָט מיט סאָניע האָראָוויץ. ער האָט זיך גענומען פאַר פאַרשיידענע אַרבעטן, ביז ער האָט אין 1919 גראַדואירט די אַרבעטער־רינג לערער־קורסן און געוואָרן אַ יידישער לערער. לערעריי איז געבליבן זיין פּראָפעסיע ביז זיין טויט.

ב

אהרן מייזעל איז נישט געווען דער איינציקער, ווייל אַ סך יידישע אינטעליגענטן, דער עיקר שרייבער, זיינען אין יענע יאָרן געוואָרן לערער אין די ניי־געגרינדעטע וועלטלעכע שולן. די סיבות זיינען מסתמא געווען צווייאיקע: טיילוויז עקאָנאָמישע, אָבער אַ צאָל שרייבער (און פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן) האָבן זיך גע־

נומען צו לערעריי, ווי יידישע ליטעראַטור־שאַפער און קולטור־בויער, זיי האָבן באַגריפן דעם באַטייט פון דער ביי־געבוירענער וועלט־לעכער שול און האָבן אין איר דערשפּירט דעם וויכטיקסטן אָנשפּאַר און רעזערוו פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אמת, ביי אַ טייל יידישע שרייבער איז די שול געווען נישט מער ווי אַ מיטל, אַ פּרנסה־אַנקער ביז מען וועט פאַר זיך דערשלאָגן אַן אָרט אין דער ליטעראַטור, אָבער אַ היפּשע צאָל איז געבליבן ביי לערעריי און געטריי געדינט ביידע צווייגן פון דער יידישער קולטור — דער דערציאונג און דער לי־טעראַטור. ביי זיי איז נישט נאָר נישט געווען קיין ווידערשפּרוך צווישן די צוויי, נאָר פאַרקערט — איינס האָט דאָס אַנדערע דערגאַנצט. אָפט איז שווער געווען וויסן, וואָסער פון די צוויי קולטור־ספערעס איז ביי זיי דער עיקר, און אפשר האָבן זיי עס אַליין אויך נישט געוואוסט — ביידע געביטן זיינען ביי זיי געווען דער עיקר.

א. מייזעל האָט געהערט צו דער לעצטער קאַטעגאָריע. ס'איז באמת שווער צו צעשיידן זיין לערעריי פון זיין שרייבעריי. ער איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע און פעאיקסטע יידיש־וועלטלעכע לערער אין אַמעריקע. ער איז געווען איינער פון די געציילטע, אמת געבענטשטע, אינטואיטיווע לערער. ער האָט פאַרמאָגט אין זיין לער־נען, ווי אין זיין שרייבן, אַן אינטימקייט, וואָס האָט אים געבראַכט טאַטעדיק נאָענט צו די תלמידים. אין קלאַס־צימער איז ער געווען אַ חבר צווישן חברים, איינער פון די קינדער. עס איז נישט געווען קיין געפיל פון דיסטאַנץ צווישן דעם לערער־טישל און די שילער־בענקלעך. זיינע בעסטע פריינט זיינען געווען און געבליבן די טויזנטער תלמידים, וואָס ער האָט מיט אַזאַ זעלטענער ליבע און האַרציקער וואַרעמקייט דערצויגן. דעם גלויבן זיינעם, דעם ברען זיינעם טראָגן זיי מיט זיך ביז היינטיקן טאָג.

ער האָט אָפּגעלערנט זעקס יאָר אין ניו־היייווען, צוויי יאָר אין האַרטפאָרד, אַכט יאָר אין דער אָרדן־שול נומער איינס אין דער בראָנקס, די גרעסטע יידיש־וועלטלעכע שול אין לאַנד. ער האָט גע־לערנט אין די אָרדן מיטלשולן אין משך פון יאָרן.

א. מייזעל איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש אין זיין לערנען, ווי אין זיין שרייבן, און דעריבער האָט ער צוממייסטן געווירקט אין דער פּראָגרעסיווער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע. ער האָט נישט נאָר געלערנט אין קלאַס, נאָר ער האָט אויך געשריבן וועגן דער־ציאונג און געמאַכט אַ ווערטפולן ביישטייער צו דער יידישער שול־ליטעראַטור אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם לערער און דיכטער בצלאל פרידמאַן, האָט ער אין 1933־1934, צונויפגע־שטעלט און רעדאַקטירט כרעסטאָמאַטיעס פאַרן צווייטן און דריטן לערן־יאָר פון דער דעמאָלט יונגער אָרדן־שול. ער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל ביאָגראַפיעס פאַר קינדער וועגן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

זיין הויפּט־אַרבעט אויפן געביט פון קינדער־ליטעראַטור איז גע־ווען „די געשיכטע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־

ריקע״ (אַרויסגעגעבן פון די אומפּאַרטייאישע שולן אין יאָר 1929), — אַן אמת פּיאָנערישע אַרבעט אין יענער צייט. ביז דעמאָלט איז קיין געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע, געשריבן פאַר קינדער, נישט דערשינען אין קיין שום שפּראַך. מייזעל האָט די אַרבעט געשריבן אויפן אויפטראָג פון דער ניי־געבוירענער פּראָגרעסיווער שול־באַוועגונג, וועלכע האָט שוין דעמאָלט גלייך ביי איר אויפקום פאַרשטאַנען, אַז יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע דאַרפן העלפן פאַרוואָרצלען דאָס קינד אין אַמעריקע און אים באַקענען מיטן לעבן און מיט דער געשיכטע פון די יידן אין לאַנד. דאָס איז דעמאָלט געווען אין שאַרפן קעגנזאַץ צו דער גאַנצער יידישער דערציאונג אין לאַנד, וואָס האָט געוואָרצלט דער עיקר אין דער אַלטער היים און אין דער אַלטער יידישער געשיכטע און נעגירט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע. א. מייזעל האָט זיין מיסיע דורכגעפירט מיט אַ סך פלייס און פעאיקייט. אויב עס איז נישט געווען קיין גרינטלעך ווערק, באַזירט אויף אייגענער פאָרש־אַרבעט, איז עס אָבער פאַר יענער צייט, ווען די יידישע געשיכטע־פאָרשונג איז נאָך געווען אין אירע וויקעלעך (און דורכאויס אַ יודאַאיסטישע), געווען אַ וואָרטפּולער אויפטו. דער סטיל איז געווען אַ לייכטער, שיר נישט אַ בעלעטריסטישער. דאָס בוך האָט דאָס אַמעריקאַנער יידישע קינד צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין דער רייכער פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער לעבן, אונדזערע קאַמפן און דעם גאַנצן גרויסן פּראָצעס פון אונדזער איינגלידערן זיך און ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון אַמעריקאַנער לעבן.

די יידישע שול, ספּעציעל די פּראָגרעסיווע יידישע שול, איז איצט אַ סך רייכער, אַ סך זיכערער, אַדאַנק דער אַרבעט פון א. מייזעל און די פון זיין דור. זיין בייטראָג איז געווען און געבליבן אַ דויערנדיקער.

ג

אין דער ליטעראַטור איז א. מייזעל אַריינגעקומען כמעט אין דער זעלבער צייט, וואָס אין דער יידישער שול, און אויך דאָ איז זיין צושטייער געווען אַ דויערנדיקער און זיינע טריט זיינען נישט פאַרמעקט געוואָרן.

ער האָט דעביוטירט אין יאָר 1921, אין דער „נייע וועלט־עמעס״. און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די פּראָגרעסיווע צייטונגען און זשורנאַלן אין לאַנד. אין 1927 איז דערשינען די ערשטע זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען, „דער ווייסער בער״, און אין 1939, (נאָך זיין טויט) — זיינע „געקליבענע דערציילונגען״ (קאָאָפּעראַטיווער פאַלקס פאַרלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אָרבעטער אָרדן). אין 1934 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע „אויף נייער ערד״, און אין 1935 — אַ דראַמע „הוּאווערוויל״. אין כתב־יד זיינען געבליבן צענדליקער דערציילונגען, פון וועלכע די איצטיקע זאַמלונג איז בלויז אַ טייל.

א. מייזעל געהערט צום נייעם דור יידישע אַרבעטער־שרייבער, וואָס זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אַרום 1920, און

געשפּילט אין איר אַזאַ וויכטיק־דעצידירנדיקע ראָלע די לעצטע 35 יאָר. ער האָט געהערט צו די יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך גרו־פּירט אַרום „פּראָלעטפּען". ער האָט געדרוקט זיינע דערציילונגען און לידער אין דער „פרייהייט", אין זשורנאַל „האַמער" און אין אַ גרויסער צאָל אַנדערע אויסגאַבן, וועלכע האָבן צוריקגעגעבן דער יידישער לי־טעראַטור אין אַמעריקע דעם טאָן, וואָס עס האָבן אין איר געשטעלט די ערשטע אַרבעטער־דיכטער ביים סוף פון יאָרהונדערט.

דאָס איז אין תוך געווען די אויפגאַבע, וואָס די פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור האָט פאַר זיך געשטעלט די לעצטע 30 יאָר: צו־ריקפירן די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע צו דעם הומאַניזם, צו דער פאַרבונדנקייט מיט די פאָלק־מאַסן, צו דער אידייען־אַנגעזעטיקט־קייט, — צו דעם, וואָס זי איז געווען ביי איר אויפקום און אין איר ערשטער בלי־תקופה, אין לעצטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט. מיר זאָגן צוריקפירן, ווייל די אַלע דאָ־דערמאָנטע שטריכן זיינען פאַרווישט געוואָרן אין די ערשטע צוואַנציק יאָר פון היינטיקן יאָר־הונדערט, ווען די ליטעראַטור האָט אויפגעהערט אָפּצושפּיגלען דאָס יידישע מאַסן־לעבן אין אַמעריקע. — ווען דער אַרבעטער, ווי אַ פּערסאָנאַזש אין דער ליטעראַטור, איז פון איר כמעט ווי פאַרשוואונדן, ווען די שרייבער האָבן זיך אָפּגערוקט פון די פאָלק־מאַסן און זיינען פאַרלוירן געוואָרן אין דזשאַנגל פון זייער אייגענעם איך; ווען די ליטעראַטור האָט רעפלעקטירט די צעטומלטקייט און די אויסגעוואָרצלט־קייט פון אַ דינעם שיכט פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע, ווען זי האָט פאַרלוירן איר קלאַסישע האַפּערדיקייט און איז זיך פאַרגאַנגען אין יאוש און פאַרלאָרנקייט; ווען זי האָט זיך אָפּגעקערט פון דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט און זיך געשפּייזט מיט דער זיס־פּיינפולער בענקעניש נאָך דער אַלטער היים.

די נייקייט וואָס די יונגע אַרבעטער־שרייבער האָבן געבראַכט מיט זיך ביים אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן איז געווען אַ צוזאַגנדיקע, אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע. און די יונגע שרייבער זיינען נישט געווען אַליין — צוזאַמען מיט זיי איז געקומען אַ פּלעיאַדע רייפע וואָרט־קינסטלער פון פריער, וואָס זיינען מיטגעגאַנגען און ווידער געבוירן געוואָרן אין דער נייער יונגער ליטעראַרישער באַוועגונג. די לי־טעראַטור האָט צוריק אָנגעהויבן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די אַר־בעטער־ און פאָלקס־מאַסן, איר טאָן איז געוואָרן מוטיקער, האָפער־דיקער, זי איז באַווירקט געוואָרן פון די געראַנגלען אין אַמעריקאַנער לעבן, אין יידישן לעבן, זי איז אַליין געוואָרן אַ פאַקטאָר אין די געראַנגלען. עס איז געווען אַ צייט פון גרויסע אָנהייבן, פון אַ גרויסן מעשה־בראשית.

ד

א. מייזעל האָט געהערט צו דער גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון זיידן מ. ווינטשעווסקי און געהאַט זייערע וואָרצלען אין דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַמעריקע. ער איז

געוועזן צווישן די יונגע, וואָס כאָטש אַליין נאָך אַנהייבער, האָבן זיי געהאָלפן פאַרקערעווען אַ ליטעראַטור, שלאָגן וואָרצלען און צוריקגעבן די ליטעראַטור צו דעם יידישן מאַסן־לייענער. זיי האָבן אויסגעדרייט די ליטעראַטור מיטן פּנים צום אַמעריקאַנער לעבן.

צווישן די יונגע אַרבעטער־שרייבער האָט מייזעל פאַרנומען אַן אייגנאַרטיק אָרט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געזונטן רעאַליזם, אַ פּעאיקייט, נישט נאָר צו דערציילן אַ מעשה, נאָר צו מאָלן מענטשן מיט עטלעכע געציילטע שטריכן. כאָטש ער האָט אַלעמאָל געשריבן דורכאויס ווי אַן אינעווייניקסטער, מיט אַ באַשטימטער ניט באַהאַלטענער עמאָציאָנעלער איינשטעלונג צו זיינע העלדן — ליבע צו די אונטערדריקטע און האַס צו זייערע אונטערדריקער, האָט דאָס אים נישט געשטערט צו בלייבן עכט און אָביעקטיוו אין זיין שילדערונג פון מענטשן און סיטואַציעס. דער עיקר גייט אים אָן דער דערשלאָגענער, אונטערדריקטער מענטש, פאַר אים וויל מייזעל זיין אַ מליץ־יושר, אים וויל ער אַרויסהייבן און די עוולה וואָס ווערט קעגן אים באַגאַנגען, וויל ער פאַרמשפּטן. ער שילדערט דעם האַרבן, כמעט אומגליקלעכן, צוזאַמענשטויס פון דעם „גרינעם" מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. און כאָטש דער פּראָצעס פון איינבירגערן זיך, פון באַהערשן די סביבה איז אָפט אַ וויטיקדיקער, קומט דער מענטש ביי מייזלען אַלעמאָל אַרויס דער וואָס באַזיגט דעם קאָשמאַר פון די נייע אומשטענדן און ווערט דער באַלעבאָס איבער זיי. דאָס האָט געגעבן זיינע דערציילונגען אַ באַשטימטע „אַמעריקאַנישקייט", אַ באַשטימטע דאַאיקייט, ווייל דער ניצחון איבער די באַדינגען פון אַמעריקאַנער לעבן, מיט וועלכע דער ניי־געקומענער האָט זיך געראַנגלט, האָט אים געגעבן דאָס רעכט און דאָס געפיל פון אַ מענטשן וואָס האָט געשלאָגן וואָרצלען, וואָס איז דורך געראַנגל געוואָרן אַ טייל פון לעבן. אָט דאָס געפיל האָט געהאָלפן אָפּשוועכן די נאָסטאַלגיע נאָך דער אַלטער היים, אָדער דעם פּאַטאַליזם פון מוזן שלום מאַכן מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, וואָס זיינען געוועזן אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון 1900־1920. פון דעם האָט אויך אַרויסגעשטראַלט אַ באַשטימטער אָפּטימיזם און אַ גלויבן, שטריכן וואָס כאַראַקטעריזירן זיין גאַנצן שאַפן.

דאָס מיינט ניט, אַז א. מייזעל, פּונקט ווי אַ גרויסע צאָל אַנדערע פּראָגרעסיווע שרייבער, האָבן נישט געשריבן וועגן דער אַלטער היים, אָבער דאָס איז געווען אַ מין אונטערציען אַ סך־הכל, אַריינפאַסן אין אַ ראַם, אין אַ פּאַטערן די פריערדיקע יאָרן כדי צו קאָנען אָנגיין ווייטער. מייזעלס דערציילונגען „נאָקעטע פיאַטעס" (פינף פון זיי זיינען אַריין אין דעם באַנד „געקליבענע דערציילונגען", פון 1939, און אַכט פון זיי — די ערשטע אַכט — גייען אַריין אין איצטיקן בוך) שילדערן דאָס לעבן פון די קינדער אין דער אַלטער היים. זיי זיינען געשריבן מיט אַ דינער צאַרטקייט און עס אָטעמט פון זיי מיטן טעם פון די קינדער־יאָרן אויף די באָרוועסע פיסלעך, מיט „לוסטעס ברויט מיט געפּרווירענע עפּל". זיי אָטעמען מיט קינדערשער פאַרלוירנקייט,

מיט „פֿינטלדיקע אויגן" פֿון קינד, וואָס איז געכאַפּט אין אַ פֿאַסטקע פֿון אומשטענדן, וואָס ער שאַפֿט זיי נישט, אין אַן אומגוטער וועלט, וואָס ער פֿאַרשטייט זי נישט. א. מייזעל איז אפֿשר צום צאַרטסטן דאָ, בײַם שילדערן די קינדער, אָבער איבער די דערציילונגען, ווי איבער אַלע אַנדערע, איז אויסגעשפּרייט אַ דינער הומאָר, וואָס לאָזט אים נישט ווערן צו סענטימענטאַל און לאָזט אים נישט פֿאַרלירן פֿון אויג דעם ציל פֿון זײַן שאַפֿן — העלפֿן דעם לייענער דערשפּירן די קאָמפּליצירטע סביבה און זי גובר זײַן.

ער פֿאַרמאָגט מערסטע שטריכן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ ליטעראַטור, וואָס שטייט נאָענט צום לעבן פֿון די פֿאָלק־מאַסן: אַ ליבע צום מענטשן, אַן אַקטיוון הומאַניזם, אַ האָפֿערדיקייט, דאָס אויפֿדעקן די אוממאָראַלישקייט פֿון פֿאָלקס־אונטערדריקונג און פּראָטעסט קעגן דער עוולה, — וואָס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען. די שטריכן האָט מייזעל איבערגענומען און געמאַכט פֿאַר זײַן אייגנס. וואָלט ער נישט אַזוי יונג געשטאָרבן (קוים פֿופֿצן יאָר פֿון אַקטיוו ליטעראַריש שאַפֿן), וואָלט ער זיי מסתּמא פֿאַרפֿולקומט און געפֿונען פֿאַר זיי אַ נאָך ריפּערן קינסטלערישן אויסדרוק.

ה

דער „איקוף"־פֿאַרלאַג איז צופֿרידן אַרויסצוגעבן און צו ברענגען צום ייִדישן לייענער אַ טייל פֿון די איבערגעבליבענע שאַפֿונגען פֿון א. מייזעל, פּונקט ווי ער איז צופֿרידן העלפֿן אָפּהיטן יעדן טייל פֿון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור־ירושה אין אַמעריקע.

אַ צאָל פֿרײַנט און די משפּחה פֿון א. מייזעל האָבן געהאָלפֿן, דאָס בוך זאָל אַרויס, אָבער די הילף וואָלט נאָך אַלץ נישט מעגלעך געמאַכט די דערשײַנונג פֿון בוך, ווען נישט פּרוי סאָניע מייזעל. איר אומדערמידלעכע אַרבעט, איר שטילע, געדולדיקע אײַנגעשפּאַרטקייט, אַז די דערציילונגען זאָלן נישט בלײַבן אויף תּמיד פֿאַרגעסענע אין כּתבֿ־יד האָבן געהאָלפֿן, אַז דאָס בוך זאָל פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן. דאַנקען איר דערפֿאַר איז נישט שייך, אָבער וויסן דאָס — דאַרף מען. איר שותּפֿות מיט א. מייזלען, איר שטילער, דויערנדיקער חבֿרשאַפֿט האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען, וואָס זײַנע דערציילונגען קומען צו אונדז איצט און ברענגען צו אונדז אויפֿדאָסנײַ די זעלבע האַרציקייט, די זעלבע באַגלויבטקייט און פֿאַרליבטקייט אין מענטשן און אין זײַן געראַנגל און אין זײַן חלום, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט יעדע שורה, וואָס ער האָט געשריבן.

א. גאָלדבערג

אַפּריל, 1953.

דער קנייפּער

אייזיקל איז געווען מײנער אַ חדר־ייִנגל, גערופן האָט מען אים: אייזיק דעם פּיעקערס.

זיין טאַטע איז געווען אַ בעקער, אָבער ניט פונעם פּראָסטן סאָרט. בעקערס געווײנלעכע זיינען ביי אונדז געווען אַ סך; יעדע כוואַטסקע ווייבל האָט פּודיקלעך מעל אויפן פלייצע געטאַסקעט, אויסגעבאַקט זשיטניצע און קאָרן־ברויט און פאַרקויפט גראָשנדיק אויף פונטן. אייזיקס טאַטע האָט געבאַקן בלויז בולקעלעך, לעקאַך און טאָרטן. ער איז געווען אַ פּיעקער...

און זייער שטוב איז געווען אַ פּיעקאַרניע.

זייער הויז איז געשטאַנען אין אַ זייט מאַרק, לעבן טייכל, מיט אַ גלעזערנער טיר, וואָס האָט זיך אַליין, פון זיך, פאַרמאַכט דורך אַ שטריק מיט אַן אָנגעבונדענעם ציגל, וואָס איז געווען צוגעריכט פון אַ זייט. אַזעלכע טירן זיינען געווען אַ זעלטנהייט, פאַר זיי האָט מען געהאַט גרויס דרך־ארץ...

מיר, ייִנגלעך, האָבן זיך טאַקע איבערגענומען מיט דעם:

— אייזיק, דעם פּיעקערס, לערנט ביי אונדז; מיט דער גלעזערנער טיר, אַ־האַ...

איז ביי עמיצן אין שטוב אַ חולה געווען, איז מען געגאַנגען אין פּיעקאַרניע נאָך אַ רפואה. די גלעזערנע טיר האָט מען שטיל, מיט אַן ענייוותדיק ציטערל אָפּגעעפנט און רחמנותדיק געבעטן:

— אַ בולקעלע, אַ דריי־קאָפּיקענע.

די בולקעלעך זיינען געווען פרישע, לאַנגע, ווייסינקע, דאָס אינ־ווייניקסטע — שיטער און צאַרט, ווי פּוך־פּעדערן. חלה איז ביי אונדז אויך אַ מאכל געווען, נאָר אַ געווײנלעכער, אַ שבתדיקער, אָבער אַ בולקעלע איז גאָר עפּעס אַנדערש...

און אייזיקל, מיט זיין דין קוויטשיק קולכל, האָט עס געקאָנט אַזוי אײדל אויסציען:

— אַ בולעע־טשקע...

דעם ריח פון בולקעס, לעקאַך און טאָרטן פלעגט אייזיק ברענגען אַלעמאָל מיט זיך אין חדר. די זיסקייט האָט אונדז געקיצלט און גע־רייצט. דאָס ווייסע „בולעטשקע" אין פּאַפּיר פאַרוויקלט, וואָס ער פלעגט אַלע מאָל ברענגען אויף אָנבייסן, האָט אונדז פאַרשעמט: אונ־דזער אָנבייסן איז געווען אַ געפּראַרענער עפּל מיט ברויט...

אינדערפרי, לויפנדיק אין חדר, פלעג איך זיך מיט אים אָפט באַגעגענען. זיינען מיר שוין אינאיינעם געלאָפן דעם איבעריקן וועג; בײדע — לאַנגע, דינע אויסגעצויגענע יינגלעך; איך — אין אַ צי־צענעם העמדל, אַ בלויען, מיט ווייסע רונדע אייגעלעך. איז אַלץ אויף מיר צו־גרויס געווען — דאָס העמדל, די הענט, די פיס; האָב איך מיין אומגעלומפּערטע גרויסקייט אַליין שווער געפילט, געשעמט זיך מיט איר און צוגעפינטלט נאָכאַנאַנד מיט די אויגן.

אייזיקל פלעגט עס גלייך באַמערקן:

— פינטעלע, פינטעלע! וואָס פינטלסטו אַזוי מיט די אויגן?

אַ ביטערינקער איז געווען אייזיק. ער האָט געוואוסט, אַז ער מעג, פאַר זיין רייצן זיך וועט מען אים ניט טשעפּען; פאַר אַן אַנדערן האָבן מיר געהאַט נעגל קעצישע, אַן אָנפאַל פון קליינע בייזע װעלפלעך. פאַר אים — גאָרניט: דער זיסער לעקאַכדיקער ריח פלעגט אים באַשיצן און אונדז פאַרשעמען און פאַרטרייבן.

איך האָב ליב געהאַט פונדעסטוועגן צו קומען און אַריינקוקן דורכן פאַרקאַן און זען וואָס טוט זיך דאָרט. איך פלעג גיין מיטן ברעג פון טייכל, טונקען די נאַקעטע פיאַטעס אינעם מוטנע־לויפנדיקן וואַסער, אויפהויבן שטיינדלעך און וואַרפן זיי אויף ביידע זייטן, איבער די ערד־ווענט, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַרן שמוציקן שטראָם.

צווישן די שטאַכעטן פלעג איך דעם פנים אַריינקאַרטשען; קוקן אויף די קלאַפּטערס האָלץ מיט דער זילבערנער בעראָזענער קאָרע, אויף דעם מעל־שטויב, וואָס פלעגט פריילעך־טענצלענדיק פון איב־ וויניק זיך אַרויסזיפּן, אויף אייזיקלס טאַטן, דעם בעקער, אַ ייד, אַ קורצער, אַ פלייציקער מיט אַ שיטערער בלאָנדער באָרד, וועלכער האָט זיך אַרומגעעסקט אַרום געפלאָכטענע שטרויענע קאָרבן. פון די קאָרבן איז אַ ריח געגאַנגען פריש, זיס און קיצלדיק פאַרן גומען...

איז, אַז אייזיקל פלעגט מיך דערזען, פלעגט ער גלייך אָנהייבן:

— פינטעלע, פינטל! וואָס פינטלסטו אַזוי מיט די אויגן?...

דעמאָלט פּלעג איך אויפהייבן אַ שטיינדל פון דעם דעק פון טייכל, אַ מעסט טאָן זיך, אַ קרים געבן דעם פּנים, אַוועקוואַרפן דאָס שטיינדל אויף דער אַנדערער זייט און אַוועקשפּאַצירן ווייטער...

***

זיצן מיר אין חדר אַרום טיש, שאָקלען זיך, דער רבי — מיט אונדז צוזאַמען. אין צימער איז אַ ריח פון יוכט, פון די כאָמוטן און זאָטלען, וואָס דער בעל־הבית פון שטוב, אַ ייד אַ בעל־עגלה, טראָגט אַריין פון שטאָל. אַ שמירה פון גנבים. אייזיקלס פּיעקאַרניע־ריח איז אויך דאָ צווישן אונדז, יוכט און לעקאַך מישן זיך אויף צוזאַמען אין איבל און רייצעניש.

אויפן פענצטער זיינען אויסגעלייגט די לוסטעס ברויט מיט די געפּראָרענע עפּל, דער מאַמעס אַנבייסן. צווישן זיי — דער רייכער מחותן: אייזיקס בולעטשקע, אין פּאַפּיר איינגעוויקלט...

איז, ניט־ווילנדיק, הויבן זיך אויף די אויגן פון חומש. אַ קוק אַהין צום ווייסן מחותן. דאָס האַרץ ווערט פאַרחלשט און די אויגן הייבן אָן צו פינטלען.

און אַז מען כאַפּט אַריין אַ מינוט, גייט מען צו צום פענצטער, אַ גריזשע דעם עפּל, אַ ביס דעם ברויט און מען קוקט זיך איין, וויפיל ס'איז נאָך אויף שפּעטער געבליבן...

אייזיקל כאַפּט אויך אַריין אַ ביס.

ער קנייפּט; מיט די פינגער קנייפּט ער זיך אַריין אין דער פּוכעדיקייט פון זיין בולקע, געלייגט אין מויל און געשלונגען גלאַט, ניט צעקייטערהייט.

נאָכדעם שאָקלט מען זיך ווייטער ביים חומש. ס'איז דאָנערשטיק. פאַרהערט דער רבי די חברה פאַר דער גאַנצער וואָך. צעשראָקענע יינגלעך זיצן שטיל. אין דער לופט אַ געמיש פון צוקער און יוכט. ס'קיצלט ביים גומען. קינדערשע הערצער זיינען אומרואיק און בייז.

איך זיץ לעבן אייזיקלען. דער רבי פרעגט און איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערן.

— ויתן, און ער'ט געבן, לך, צו דיר, מטל, פונעם טוי... ומשמני?...

— פאַרטייטש!

— זאָג שוין! וואָס שוויגסטו? דו...

דער רבי איז אין כעס אָבער זיינע לעבעדיקע אויגן, וואָס זיינען

אַריינגעפּאַסט צווישן אַ געוואוקס פון האָר, שמייכלען און לאַכן אָפּעט. ס׳שפּיציקל פונעם קלינעוואַטן בערדל בויגט ער צווישן די פינגער אַרויפצוצו און ער בייסט עס אין חוזקדיקן געדולד...

— נו?...

איך פינטל מיט די אויגן, אייזיקל באַמערקט עס באַלד.

— פינטל, פינטעלע, וואָס פינטלסטו אַזוי?

אַזוי רעדט ער מיר אין דער פּלייצע אַריין און דער אָטעם פון זיין מויל — לעקאַך מיט טאָרט.

איך פאַרלייג די האַנט אַהינטער, אונטער מיין ציצענעם העמדל, מיט די ווייסע רונדע אייגעלעך און דערלאַנג מיט די פינגער מיין פלייש.

און ווען דער רבי קוקט אויף מיר, און איך שוויג קעלביק־תמעוואַטע, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, קנייפּ איך אָן מיט די פינגער שטיקלעך פלייש און צופּ זיי הין און צוריק מיט ווייטיקדיקן טעם.

— ויתן לך, נאַ! מטל, נאַ! ומשמני נאַ־נאַ!...

שטשיפּל איך אַזוי, ביז וואַנען אויגן גיסן זיך אָן מיט טרערן, באַקן צעפּאַרבן זיך פון היץ און דער רבי גיט ענדלעך אַ געשריי:

— גוי!...

**
*

ביידערנאַכט קום איך צוגיין אַהיים.

מיין מאַמע איז אַ גוטע: נאָכן עסן נעמט זי מיך צו זיך אויפן ליעזשאַנקע אַרויף. אַ בלעכערן לעמפּל האָט זי פאַר אַ דרייער אייבגעהאַנדלט, ציגדט זי עס איצטער אָן. מיט וואָס קאָן מען אַ קינדעריש האַרץ דערפרייען, אויב ניט מיט אַ פריילעכן שפּאַסיקן ליד:

יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך צענומען;
תשעה־באָב די חתונהקע, קיינערז׳ניט געקומען.
געקומען דער פעטער שניאור
דורכן הויכן טויער.
געקומען דער פעטער הערץ!

אָט אַזוי זינגט מיר צו די מאַמע אויפן ליעזשאַנקע זיצנדיק, און איך קוועל גאָר אָן פון גליק.

נאָכדעם הייבט זי אָן באַקוקן און באַגלעטן דאָס אייגענע קינ־דערשע לייבל. אַ מאַמע האָט הנאה דערפֿון.

ביים ליכט פֿונעם בלעכענעם לעמפּל, וואָס זעט אויס, ווי אָן איבערגעקערטע לייקע, באַמערקט זי די סיניאַקעס, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע פֿינגער אויסגעקניפּט און זי נעמט מיך אויף אַ פֿאַרהער:

ווער האָט דאָס דיר געמאַכט? אַ חדר־יינגל? דער רבי? זאָג.. זאָג...

איך ענטפֿער ניט גלייך. אַ באַליידיקונג שטיקט מיר אין האַלדז; אויף וועמען — ווייס איך ניט. נאָכדעם שיס איך אַרויס:

— אייזיקל!

— וועלכער?

— דעם פּיעקערס...

— פֿאַרוואָס?

— איך ווייס ניט פֿאַרוואָס...

— וואַרט, זונעלע, וואַרט, מאָרגן וועל איך אין חדר אַריבערגיין; איך וועל זען דעם אייזיקלען. אַ קנייפּער — זאָל ער רייסן זיין איי־גענע פֿלייש.

כ׳האָב ליב מיין מאַמען: אַ באַליידיקונג — ענטפֿערט זי גלייך אָפּ מיט שאַרפֿקייט און בייסיקייט. איך קאָן עס ניט, איך בייס זיך אַריין אינעווייניק און שוויג...

אויף מאָרגן איז די מאַמע שוין אין חדר.

— רבי! אייזיקל דעם פּיעקערס האָט מיין קינד אויף סיניאַקעס צעקנייפּט. אַ קנייפּער — זאָל ער זיך רייסן זיין אייגענע פֿלייש...

און זי פֿוילט זיך ניט און קאַשערט אַרויף מיך ציצן העמדל אַרויפֿצוצו און צייגט אַלעמען מיין נאַקעט לייב.

הווילקייט איז קאַלט, ס׳טרייסלען מיר זיך אַלע גלידער. אייזיקל זיצט נאָענט לעבן מיר. זיין אָטעם — לעקאַך, „בולעטשקעס", ס׳גיט מיר אַ קלאַפּ אין קאָפּ דער ריח פֿון צוקער און יוכט.

— אַ שבועה פֿון גאָט: פֿינטעלע האָט עס אויסגעטראַכט. כ׳האָב אים ניט געטשעפּעט. זאָל ער זאָגן ווען?

— נעכטן, ווען כ׳האָב ניט געוואוסט...

דעם רבינס לעבעדיקע אויגן צווישן אַ וואַלד האָר, קוקן אַרויס ווי כיטרע חיהלעך. זיי שטויסן זיך שוין עפּעס אָן.

— זאָל ער שווערן, אַז אייזיק האָט עס געטאָן...

די מאַמע גיט צו מוט:

— ס'איז דאָך אַן אמת, שוועד, זונעלע, שוועד!

איך ליג אַרויף די הענט אויפן חומש. מיין בלויע אויג גיט אַ לויף איבערן חדר, איבערן פענצטער, וואו ס'ליגן די אָנגעגריזשעטע עפּל מיט די לוסטעס ברויט, דער מאַמעס אָנבייסנס און אייזיקס בולקע, מיט די אָנגעקניפּטע שטיקער פוך.

— אַ שבועה פון גאָט!...

און איך פאַרגיי זיך אין אַ געוויין...

נקמה

ביי אונדז אויפן הויף האָט מען קיינמאָל ניט געפלאַנצט און ניט געבויט; איינמאָל נאָר האָבן מיר, קינדער, אויסגעטראַכט אַ גאָרטן און פאַרזייט אים מיט ביינדלעך פון אוגערקעס, עפל, פלוימען און באָקסער. אונדזער חבר פּיזוקע האָט ערגעץ וואו אַ פּאָר ציבעלעס געקראָגן און אין דער ערד אַריינגעזעצט. (גרינע זאַנגען־ציבעלעס מיט פּוקלעס פון אויבן — די שענסטע זאַך וואָס מיר האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן). האָט עס אָבער קיין לאַנגע יאָרן ניט געהאַט: חזירים פון טייך זיינען געקומען, צעטראָטן און געמאַכט דערפון בלאָטע.

גרינס איז געוואַקסן אויף די דעכער, און שוועמלעך אין די אויסגעפוילטע לעכער אין שטאַלן. און שטיבער האָט מען מיט ליים פאַרפליאַסקעט און פאַרקלעפּט.

נאָר איינמאָל אין יאָר, צו די האַרבסטיקע ימים־טובים האָט ביי אונדז מיט פרישן געהילץ געשמעקט: טאַטעס האָבן סוכות אין בלאָטע געבויט.

איז עס ביי אונדז, קינדער, אַ גרויסע שמחה געווען. מיין טאַטנס סוכה איז געווען אַ גרויע, אַ וואָכעדיקע: דאָס אַלטע פירהויז, מיטן אַראָפּגעריסענעם דאַך האָט מען מיט לייסטלעך באַלייגט, אויבן סכך אַרויפגעשאָטן, די וואַסער־צעבערס, אין וועלכע ס׳זיינען אויפן דעק פליישׂ־קאָלירטע ווערימלעך אַרומגעפּויזעט, האָט מען פון דאָרטן צוגענומען, דעם צעפוילטן דיל מיט זאַמד באַשאָטן און אַ סוכה איז געווען פאַרטיק.

בעסער איז שוין געווען יאָשע דעם שענקערס סוכה, וואָס אין איר אויפבוי האָבן מיר אַלע אָנטייל גענומען. צווישן דריי הינטער־ווענט (אונדזערע, דעם שענקערס, און אַ ברוגז־וואַנט פונעם שכן פון אַ צווייטן הויף) האָט זי זיך געטוליעט. איז אָבער די זון דאָרט קיינמאָל ניט צוגעקומען און דאָס טאָפּיקע פירקאַנטיקע שטיקל ערד האָט אונדזערע באָרוועסע פיס געכליאָפּטשעט און צווישן די פינגער זיך אי־

בערגעזייט, און אַז מיר פלעגן אַהיים קומען, פלעגן מאַמעס זיך צעשרייען:

— חזירים פון בלאָטע, וואו זייט איר געווען? געוואַלד! ס׳איז דאָך צו שרייען שמע־ישראל...

האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מ׳שרייט; אָבער אַז צעגן רודערטע בלאָטע מאַמעס האָבן זיך ניט געקאָנט איינשטילן, האָבן מיר צעשראָקענע ציגעלע־פּנימלעך אָנגעשטעלט און מיט נעבעכדיקייט אָן ווערטער זיך געבעטן:

— שאַ־שאַ, אָבער וואָס זיינען מיר שולדיק?

און ס׳האָט געצויגן דאָס האַרץ אַרויסלויפן זען, ווי ס׳בויט זיך די לעצטע בעסטע סוכה; שמואל דעם איינבינדערס...

„איינבינדער" האָט ער זיך גערופן, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן הילצערנעם שרויפשטאָק (ווייסע הילצערנע צוויי באַקן מיט אַן אַריינגעקאַרבטן גראָבן פלאָקן) וואָס איז ביי אים אין ווינקל אָן אַ שטאָך מלאכה געשטאַנען. שמואל האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט. די פרנסה־געבערן איז געווען זיין ווייב טאַנע מיט איר מאַמען — קורץ־פעסלדיקע ווייבער, ווי וואַסער־צעבערלעך, אויף קורצע גראָבע פיס, מיט אויסגערונדיקטע פליישיקע לבנה־פּנימער. קורץ זיינען זיי געווען, אָבער באַוועגלעך (שיין איז געווען צו קוקן, ווי זיי האָבן מיט די הענט־קלעצלעך די דייזשעס ברויט געקנאָטן, ברויט־בעקערס זיינען זיי געווען) און פון דער אַרבעט האָבן זיי זיך איינע צו דער אַנדערער מיט קוויטש־קולכלעך איבערגעוואָרפן, אַ שאַרפער קוויטש פון אַנהייב מיט אַ הייזעריקן אויסצי ביים סוף:

— טאַ־נע־ע!

— מאַ־מע־ע!

מיר יינגלעך, האָבן זיך אויסגעלערנט דעם ווייבערישן קוויטש איבערצוקרימען. ניט שטאַרק ליב געהאַט האָבן מיר דעם איינבינדערס משפּחה. ער אַליין, אַ געלינקער, אַ שטילינקער, מיט אַ שיטער ציגן־בערדל, האָט אין די אויגן אַ שפּאַט־פינטעלע פאַרמאָגט, וואָס האָט אונדז אויפגערעגט מער ווי צאָרן און געשריי. די איבעריקע זיינען געווען דורכאויס ווייבער. דאָס מיידעלע זייערס, זעלדע, אויך מיט וועלגער־פיסלעך און אַ לבנה־פּנים, האָט זיך געוואָלט צו דער חברה אונדזערער צוקלעפּן און צוזאַמען אויפן פלויט קריכן (אין פּאַווזשאַרניקעס שפּילן, אָדער ביי די שכנהשע פּוילישע קינדער צאַצקעלעך בעטלען)

אָבער מיר פלעגן זי פון זיך פאַרטרייבן און זי פלעגט קוויטשען אויפן ווייבערשן קול:

— מאַ־מע־ע!

איז שוין צווישן אונדזערע מאַמעס און דעם איינבינדערס הויז אויך קיין שלום ניט געווען. מאַמעס פלעגן אונדז באַשטראָפן. אָדער זיך איינשטעלן פאַר אונדז. די בעקערינס, מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, ערשט פון דייזשע אַרויס, פלעגן ווי סטופּעלעך אַרויסקאַטשען זיך און קוויטשען אויפן קול:

— ריסטאַנטן! ניט אויסצוהאַלטן! אַ בראָך זיי אין די הענטלעך אַריין...

און דער געלער איינבינדער איז אַהינטער זיינע ווייבער געשטאַנען; פון פוילקייט, אָדער בלוט־קאַלטקייט, האָט ער זיך אין דער גאַנצער מעשה ניט געמישט, אָבער דאָס שפּאָט־פינטעלע אין אויג האָט זיך געשפּילט און מיר האָבן ניט געוואוסט וועמען און וואָס ער האָט געמיינט...

ניט אַלע מאָל זיינען אָבער פאָרגעקומען קריגערייען; ערב יום־טוב האָט, געוויינלעך, געבראַכט שלום צווישן די ווייבער. דאָס האַ־וועניש פון היינט, און יום־טובדיקע דערוואַרטונג אויף מאָרגן האָט דעם הויף ענגער צווישן זיך געקניפּט.

איז אין אַן ערב יום־טובדיקן פאַרנאַכט, האָט מיך די מאַמע פאַר אַ הענטל גענומען; אין דער אַנדער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ טשוהון אָנגעפּאַקט מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ און ברויט־סקאָרינקעס, עסן־אָפּפאַל, וואָס קאָן נאָך פאַר אַ קו צוניץ קומען און מיר האָבן עס אַוועקגעטראָגן צו טאָנען (אַן אייגענע בהמה האָט זי פאַרמאָגט) צו פאַרקויפן.

פאַרטיק געוואָרן מיטן מסחר, האָבן זיך ווייבער נאָך ניט פאַנאַנדער־געגאַנגען; גערעדט, איבערגעשלאָגן איינע די אַנדערע, ביז דער געשפּרעך איז אַוועק וועגן די קינדער...

— ס׳בחורל אייערס, קיין עין־הרע, ס׳וואַקסט!

— וואָס רעדט איר! קיין עין הרע, אַ געראָטעניש, דער רבי איז שוין צו־ווינציק פאַר אים.

— אַ פאַרשוין!

איך בין געזעסן אין אַ ווינקעלע און געהערט די ווייבערשע זאַבאַ־באָנעס, גרויסע בלויע אויגן האָבן זיך מיט דערבידעריקונג אָנגעגאָסן, איך האָב אויסגעזען ווי אַ קליינער אַרעסטאַנטל, וואָס ליידט און ווייס אַליין ניט פאַרוואָס און פאַר ווען...

— און זעלדעלע אייערע, אַ צימעס אַ מויד.

— אַ גערעטעניש!

— אַ פאַרשוין!...

טאָנע איז געווען די ערשטע, וועמען דער געדאַנק איז איינגעפאַלן; זי האָט אים אַרויסגעשאָסן פון זיך מיט אַ קוויטשל און מיט אַ פּאַטש פון די הענט:

— אַ פּאָר! זעלדעלע און דאָס בחורל אייערס, חתן־בלה. אַזאַ יאָר אויף מיר סאַראַ שידוך...

צו באַשטעטיקן אירע ווערטער, האָט זי דער מאַמען אירער פאַר אַן עדות גערופן:

— וואָס זאָגסטו? מאַ־מע־ע...

מייך מאַמע האָט אויך איינגעשטימט, כאָטש זי האָט איר התפעלות אינעווייניק פאַרשטיקט. די שוואַכע אויגן אירע האָבן גענומען טרערן:

— ס'וועלן נאָך אַ סך וואַסערן אַוועקלויפן ביז וואַנען מ'וועט פון „זיי" דערלעבן עפּעס אַ שטיקעלע נחת...

און דער געלער איינבינדער, ווי אַ דאַרער האָן, איז אַהינטער די ווייבער געזעסן, פון פוילקייט, אָדער ווייסבלוטיקייט האָט ער זיך אין געשפּרעך ניט געמישט, אָבער דאָס שפּאַט־פּינטעלע אין אויג האָט זיך געשפּילט און געשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

אויף מאָרגן האָט זיך שמואל דער איינבינדער גענומען בויען זיין סוכה.

אויפן הויף האָט פאַרשמעקט מיט פעך פון סאָסנאָווע לייסטלעך און ברעטלעך; דער פרישער ווייסער קאַליר פון יונג־האָלץ האָט אונדז פאַרבלענדט די אויגן; געוואַוינט געוואָרן זיינען מיר צו זען קראַקוועס, מיט מאָך אָנגעשטאָפּטע, שוואַרצע, פּוילווערדיקע, צעפוילטע. דער פוילער איינבינדער, וועלכער האָט זיין חתן־געשאַנק, דעם שרויפ־שטאָק, פאַרגעסן אין ווינקל, האָט זיך צו דער אַרבעט גענומען מיט מאָדנעם ברען; און מיר, חברה, זיינען פון וויטן געשטאַנען, מיט הונגעריקע מייזן־אייגעלעך געקוקט און ביסלעכווייז זיך נענטער צו־געריקט, צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אַרבעט: עפּעס דערלאַנגט, צוגענומען, אַוועקגעטראָגן; אַלץ אויף שטום־לשון, ווי אָפּגעמאַכט צווישן זיך.

— וואָס געווען איז געווען! איצט צו דער אַרבעט...

און ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַזוי, אַז איך בין לעבן זעלדען געשטאַנען. איך דערלאַנג איר אַלץ צום האַנט און זי — צום טאַטן.

קוויטשעט זי צו מיט איר מאַמעס קול:

— טאַ־טע נאַ־אַ־אַ...

אַלע זיינען מיר באַרוועסע: הילקע, פּיזוקע, שלום, זעלדע. כליאַפּ־טשען זיך די פּיס אין שיטערן טוואַן, באַשפּריצן זיך די אָפּגעדעקטע איקרעס. אָבער אויפן וואַרעמען פלייש טריקנט זיך שנעל אָפּ די בלאָטע און ס׳בלייבן גרויע זאַמד שטרייפעלעך. שטייען מיר, ווי יונגימלעך אַרום שמואל דעם איינבינדער, קוקן אים אין די אויגן אַריין: וואָס געווען איז געווען, איצט זיינען מיר אַלע פאַראייניקט אין דער אַרבעט.

אָבער דער געלער איינבינדער איז הפּנים שוין צופיל פאַרדאַרבן: אינמיטן אַרבעט־ברען גיט ער מיטאַמאָל אַ קוק אַרונטער, זיין בליק פאַלט אויף מיר (שוין אַ מזל אַזאַ), דאָס שפּאַט־פינטעלע אין אויג צעשפּילט זיך און ער גיט אַ זאָג צו זיך אין ציגן־בערדל אַריין:

— אַ! דאָס חתנדל איז אויך דאָ? וואָס מאַכסטו?

איז נאָך אים ווייניק, וואָס מיין לײַדנדיק אַרעסטאַנטן־פּנימל ווערט בלאַס, די אויגן — צעפּוזשעט, דער געלינקער וויצלט זיך ווייטער:

— אַ, זעלדעלע! געפעלט דיר דאָס חתנדל? סאַראַ פאַרשוין! ווי אויסגעפּוצט! קיין עין־הרע...

און ער קוויטשעט דאָס לעצטע וואָרט אַרויס, ווי זיין וויב טאַנטע. איך אַנטלויף. די נאַקעטע פּיאַטקעס מײַנע טראָגן מיך ווי פון אַ פייער. איך באַהאַלט זיך אין קלייטל, אונטערן בעט, אָבער די אומ־רואיקייט אין מיר לאָזט מיך ניט איינזיצן, איך לויף אום ווי אַ פאַרסמטע מויז איבער אַלע ווינקעלעך.

שפּעטער, ביים פּלויט, באַגעגנט מיך חברה (הילקע, פּיזוקע און אַלע) מיט אַ נייעם לידל:

— אַ רעגן, אַ רעגן!

— די כלה געלעגן!

— דער חתן געקומען,

— די כלה גענומען!

לכבוד יום טוב האָבן מיר ליימענע ניסלעך אין דער מאַמעס אויוון אויסגעבאַקן. חברה שפּילט זיך און מיך שיקט מען אָפּ צו זעלדען.

— גיי! זי איז דיין כלה...

און אַז איך דערזע פון וויטנס דעם איינבינדערס שיינע סוכה, ווייס, אין גרינס אויסגעפּוצט, וואָס שטייט און חנדלט זיך אין בלאָטע,

כאַפּט מיך אָן אַ ווילדער כעס. כ'וויס אַליין ניט וואָס איך טו און לאָז זיך לויפן מיט אימפּעט צום אָרט, וואו איך האָב פריער געבויט אַ שיינע זאַך און מ'האָט מיך דאָרט אַזוי שרעקלעך באַליידיקט...

איך בוטשקע מיטן קאָפּ די לייסטלעך און ברעטלעך; איך רייס פלעקלעך פון דער ערד און צעשטער מיט פאַרגעניגן דעם גאַנצן בנין. אין שטוב טומלט זיך שוין. מאַמע און טאַטע קוויטשען זיך איבער:

— טאַ־נע־ע־!

— מאַ־מע־ע!...

אָבער ס'שטעלט מיך קיין זאַך ניט אָפּ; ווי אַן עקסל אַ צערייצטער בין איך, און ווער קען מיך אָפּהאַלטן! מיט יעדן קרעכץ פון אָפּ־געשפּאָלטענעם לייסט רייסט זיך אַ פאַרלייכטערונג־זיפץ פון האַלדז אַרויס:

— נאַט איך, נאַט... דעם געלן איינבינדערל! דער חברה! אַלע־מען, אַלעמען! ניט פאַרגונען האָט איר אַ ביסל גוטסקייט אַ באָרוועסן אינגל, טאַ נאַט איך, נאַט...

פרנסה

דער שכנותדיקער הויף צו אונדזערן, איבער וועלכן פּיוּוקע האָט געקעניגט, איז געווען שמאָל און קויטיק און האָט אַלעמאָל געשמעקט מיט פיש און מיט טאַראַנעס.

פּיוּוקע אַליין האָט קיין חשק ניט געהאַט אָנצוהאַלטן דאָרט אַ מלוכה. איבער וועמען? אַז פון די הײַזלעך (וואָס זײַנען באַרג־אַראָפּ צום טײַך געלאָפן, און אויסגעזען, ווי אַ חברה הויקערס, אײנער קלענער פון אַנדערן) ביזן הויכן פּאַרקאַן איז געווען מיטן האַנט צו דער־לאַנגען און קיין לעבעדיק וועזן (אַ חוץ מענטשן) האָט מען דאָרט ניט געטראָפן. הינט, חזרים און אַנדערע הימלאַזע, וואַנדערנדיקע באַשעפענישן האָבן דאָס ענגע הויפל אויסגעמיטן און אַפילו קיין וואָרים האָט אין דער בלאָטע ניט געלעבט. פּיוּוקע פלעגט זיך אַלע־מאָל איבערפּעקלען איבערן דעכל פון אַ שטאָל און קומען שפּילן צו אונדז.

דער הויף איז געווען אַ ירושהדיקער; פּיוּוקעס זיידע האָט אין זײַן צוואָה די נחלה צעטיילט צווישן זײַנע קינדער: דאָס שטיבל ביים טײַך — דעם אײדעם, דאָס מיטל־שטיבל — אַ זון, נחמנען, און די אויבערשטע שטוב, מיט גלעזערנע טירן צום מאַרק — פּיוּוקעס טאַטן, דעם עלטסטן זון.

האָט פּיוּוקעס משפּחה געצויגן חיונה פונעם הויף. דער אײדעם (מיט אַ רויטן גאַרטל איבערגעבונדן איבער די לענדן) האָט געטריבן אַ פּאַראָם איבערן טײַך. נחמן האָט פּאַרקויפט פיש און פּיוּוקעס טאַטע — טאַראַנעס מיט שנאַפּס.

און פּיוּוקע האָט אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן אין די געשעפטן. אונדז, די חברים זײַנע, האָט ער אויך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט: אין אַ מאַרק־טאָג פלעגן מיר אַלע, באָרוועסע, צעטראָגענע, היטלעך אינדערהויך אַרויפגערוקט, שטיין אַרום דער גלעזערנער טיר און שלעפּן די פויערים פאַר די פּאָלעס פון זייערע סוויטקעס:

— עי, טשאַלאָוועק!

— טשויעש!

— הארעלקא!

דעם טייטש פונעם לשון האָבן מיר אַפילו ניט גוט פאַרשטאַנען; אָבער ס'האָט אין מערסטע פאַלן געווירקט און מיר פלעגן ווייטער רייסן די העלדזלעך שרייענדיק:

— טשו—יעש!...

אינעווייניק האָט די קונדן באַדינט פּיזוקעס מאַמע (אַ יידענע אַ קליינטשינקע, אַ צענויפגעשטעלטע, הויט־און־ביינער). זי פלעגט מיטן האַרב אינדערהויך, דעם קאָפּ אַראָפּבויגן, איבערן שטוב אַרומ־פאַרען זיך, אָנגיסן די שקאַליקלעך און דערלאַנגען די טאַראַנעס; פּיזור־קעס טאַטע (אַ ייד מיט אַ שיטער באַקן־בערדל, וואָס האָט גערעדט מיט אַ בלעכענעם קול) האָט זיך צו קיין זאַך ניט געטויגט. אַפילו אַרויס־וואַרפן די אָנגעשכורטע, צעהוליעטע פּויערים איז אויך געווען דער יידינעס מלאכה.

דורך דער גלעזערנער טיר פלעגן זיי אַריין און דורך אַ זייטיקער טיר, צום הויף־צו, פלעגן זיי איבער אַ הויכן שוועל אין בלאָטע אַרויס־פליען. פלעגן זיי ליגן אין בלאָטע מיט מוטנע צעשוואומענע פּיש־אויגן, קרעכצן, בורטשען עפּעס אונטער נאָז בייזעס, באַליידיקטעס: און אַז איינער פלעגט זיך אויפשטעלן, אָנשפּאַרן זיך צום פאַרקאָן און דערזען די יענע זייט טייך, אַ לאַנקע פלאַך, גרין, מיט זאַמד־וועגן צו דערפער און פעלדער, פלעגט זיך די ביינקשאַפט אין אים מיט שכור־ביטערניש צעמישן און ער פלעגט זיך פלוצלונג פאַנאַנדער־זינגען מיט אַ הייזעריקן געשריי:

— דאַ — מאַי כאַטשעטסיאַ־אַ־אַ!...

אונדז, קינדער, האָט דאָס שיכורע געזאַנג נחת פאַרשאַפט און מיר פלעגן עס נאָכקרימען:

— כאַ—טשעט—סיאַ—אַ!...

און אַז ס'פלעגט זיך אַ „טרעוואָגע" מאַכן, מ'האָט זיך אויפן בראַנפן־אַקציזניק געריכט, פלעגט אונדז פּיזוקע אין געאייל אַלעמען צונויפ־טרייבן, די מאַמע זיינע פלעגט אונדז אונטער די אַרבע כנפותלעך און העמדלעך פאַרבאַהאַלטן די פלעשער שנאַפּס און אַרויסשיקן פון שטוב מיט אַן איבערגעשראָקענער שושקעריי:

— גיכער, קינדערלעך! גיכער, — גיכער...

דאַמאָלט פלעגן מיר אַלע אויפן דעכל אַרויפקריכן, כלומרשט

כליאַסטשען דעם שנאַפּס פונעם פאַרחתמעטן פלעשל, קרעכצן, בורטשען אונטער דער נאָז און צעגאַרגלען זיך מיט אַ הייזעריקן געשריי:

— כאַ—טשעט—סיאַ—אַ—אַ!...

***

קיין שלום איז אין פּיוזוקעס הויף ניט געווען.

דער זיידע, וועלכער האָט דעם מאַיאָנטעק ערלעך צעטיילט, האָט ניט געהאַט אין זינען די געוויינלעכע מענטשלעכע שוואַכקייטן, ניט־פאַרגינערײַ און דאָס וועלן פאַרכאַפּן פאַר זיך די גאַנצע וועלט. ווען ער וואָלט אויפשטיין פון קבר און אין הויף אַריינקוקן, וואָלט ער דער־הערט קולות, קללות, זידלערייען און אַמאָל אויך אַ בראַזג אין פענצטער מיט אַ שטיין.

די מאַנסביל נאָך ווי עס איז: נחמן און ישראל (פּיוזוקעס טאַטע) ביידע ברידער, ענלעך איינער צום צווייטן, ווי ראַבע עלטערע הינער, מיט געלע שיטערע בערדלעך און ס'גאַנג — היפּעריש, ווי ציפּקעלעך אויף אַ הויף. אין פרנסה האָבן זיי זיך ווייניק געמישט. אין קריג איז מען געגאַנגען אַהינטער די ווייבער מיט אַראָפּגעלאָזענע נאַרישע הענט און אַז מען האָט זיך געטראָפן, האָט מען הינעריש געפּינטלט מיט די אויגן אין די באַקן־בערדלעך אויפן צעטרייסלטן קין־באָק האָבן זיך געפּאַכט.

די אָנפירערנס זיינען געווען די ווייבער. פּיוזוקעס מאַמע (די צונויפגעשטעלטע הויקערדיקע יידענע) האָט פאַרמאָגט אימפּעט און מוט; די פישערקע (אַ הויכע, אַ דאַרע, אויף שוואַכע פיס) האָט געהאַט לשון. מיר קינדער, זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון די ווייבער און געהאָלפן אָנפירן זייערע מלחמות.

דעם אמת געזאָגט, מיר זיינען געווען איינזייטיק. פּיוזוקע האָט אונדז צו זיך אָנגערופן. נאָך יעדער מלחמה פלעגט זיך די פישערקע ביים פאַרקאַן אַוועקשטעלן און צו אונדז אויפן הויף אַריבערשרייען:

— ממזרים, גנבים! אויסגעקאַרעניעט זאָלן זיי ווערן...

פּיוזוקע האָט אונדז איינגערעדט, אַז די פישערקע איז פון איר געשעפט שטיין־רייך געוואָרן און אַז אינדעראמתן געהערן גאָר די פיש צו זיי.

אייגענע גבירים האָבן מיר פיינט געהאַט; מאַמעס האָבן וועגן זיי גערעדט מיט קנאה. אמתע נגידים האָבן ווייט פון אונדז, אויף דער „גאָלדענער" גאַס געוואוינט. וועגן יענע האָט מען ניט גערעדט...

וועגן וואָס האָט מען זיך ניט אַרומגעקריגט? וועגן פיש, וועגן פאַראַם, צוליב אַ שפּאַן ערד צווישן שטוב און שטוב. אויפן דאַך זיצנדיק האָט אונדז שוין פּיווקע „באַאַרבעט”, מיר זיינען געווען מיט אים.

זיינען פאַרויס געגאַנגען די ווייבער, נאָך זיי די מאַנסבילן, מיר קינדער ביים עק; און אַז קולות פלעגן שוין אויסגעקוויטשיקט ווערן און ווייבער האָבן זיך פון אָרט געריסן, האָט פּייווקע געגעבן אַ צייכן און מיר — בראָזג מיט שטיינער אין שויב.

און די פישערקע האָט נאָכדעם איבערן פאַרקאַן געפּלוכט:

— ממזרים, הינט! אויסגערונען זאָלן זיי ווערן...

***

מיר זיינען אויפן דעכל געזעסן. איך האָב אַ לוסטע ברויט מיט אַ געפּרוירענעם עפּעלע געביסן. פּיווקע האָט מיר געקוקט אין מויל.

— ווילסט אַ ביס?

— איך וויל.

פּיווקע איז אַלע מאָל זשעדנע אויף אַ פרעמדן ביסן. איצט אָבער האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס. ציינער האָט ער גרויסע, וואָס קאַשערן אַרויף די ליפּ. מיט זיי האָט ער אָנגעכאַפּט ביז די שוואַרצע ביינ־דעלעך אינדערמיט.

ס׳האָט מיר ווי געטאָן און איך האָב זיך באַליידיקט:

— פּיווקע! אַזוי פיל?...

ער האָט מיר גאַרנישט געענטפערט; נאָר די אייגלעך זיינען ביי אים בלוי געוואָרן, ווי פלעשל־גלאָז און די סליונע האָט ער מיט זיינע ליפּן באַלעקט.

איך האָב זיך שוין געוואָלט איבערבעטן און געזאָגט:

— פּיווקע! וועסט אָפּגעבן אַ ביס שפּעטער צוריק?...

ער האָט מיט שלעכטקייט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין. די אויגן זיינען נאָך אַלץ פּוסט־בלוי געווען.

— פאַרוואָס?

— כ׳האָב ניט. די מומע האָט אָפּגענומען אונדזער פּרנסה. דו בעט ביי איר.

און ער האָט אונדז דערציילט, אַז דער פעטער נחמן האָט צו די פיש נאָך גענומען פאַרקויפן שנאַפּס און טאַראַנעס און אַז די גוים זיינען אַלע אַוועק צו אים.

פֿאַרענדיקט די מעשה האָט ער, ווי די מאַמע זיינע, מיט אימפּעט און מיט גאַל:

— מען שוויגט... אַ וועלט קוקט און שוויגט!

עס האָט אונדז אָנגערירט; מיר אַלע אויפֿן דעכל האָבן זיך דערפֿילט שולדיק: סטייטש, ווי דערלאָזט מען אַזאַ זאַך?

האָבן מיר זיך אַראָפּגעגליטשט מיט די נאַקעטע פּיאַטעס פֿון דעכל אַראָפּ און גלייך זיך צו דער אַרבעט גענומען:

— עי טשאַלאָוועק!

— טשויעש!

— האַרעלקאַ, דאַ...

אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿן: דער ריח פֿון פֿיש, די געשיילטע קופּקע זילבער־שאָלעכץ, וואָס איז אַלע מאָל אין בלאָטע געלעגן, לעבן נחמנס שוועל האָט צו זיך דעם פֿויער געצויגן מיט צוואַנגען.

און אַז ס'איז דער סקאַנדאַל געקומען און מיר זיינען ביים עק פֿאַרענדיקט די מעשה האָט ער, ווי די מאַמע זיינע, מיט אימפּעט גענומען און געשטופּט אים צו דער פֿישערקע מיט האַסט און מיט גאַל:

— נאַ! די פּרנסה האָסטו צוגענומען; עסן גיב אים, טרינקען גיב אים, דעם הונגעריקן. נאַ...

די וויבערשע טענה האָט מיך צענומען; ס'האָט זיך דערמאָנט דאָס איינגעביסענע צעפּוילטע עפּעלע ביז די שוואַרצע קערנער אַריין; איך האָב געוואָרפֿן דעם ערשטן שטיין.

שפּעטער האָבן מיר זיך צום פֿעטער נחמנען גענומען.

האָבן מיר אים באַגלייט אין שול אַריין און פֿון שול אַרויס מיט שטיינדלעך און הוראַס. ער אינדערמיט, אַ צעפּלאַטערטע ראָבע הון, דעם האַלדז אַריינגעצויגן מיטן באָרד, ווי מיט אַ פֿליגל פֿאַרשטעלט. מיט היפּנדיקע טשיפּקע־טריט. און מיר — פֿון אַלע זייטן.

פּיוּוקע, דער קונדס, האָט זיך ביטערער פֿון אַלעמען אָפּגערעכנט. אַ פֿולע קעשענע שטיינדלעך האָט ער געהאַט צוגעגרייט און געציילט זיי מיט ציין־געשטשירעטקייט איינס נאָכן אַנדערן.

— נאַ, פֿיש!

— נאַ טאַראַנעס!

— בראָנפֿן אַ שקאַליקל!

דאָס יידל האָט קיינמאָל ניט געענטפֿערט צוריק. אַפֿילו קיין איבע־ריקע בייזקייט האָבן מיר אויף אים ניט באַמערקט. ער האָט, ווייזט

אויס, דעם נייעם פּעקל צרות געטראָגן אויף זיך, ווי אַן אמתער ייד דאַרף טראָגן...

נאָר איינמאָל האָב איך אים מיט אַ שטיינדל צו־קונציק דערלאַנגט. גוט־האַרציקע מענטשן האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט. די מעשה איז דערגאַנגען צו מיין טאַטן.

און ווען דער טאַטע האָט מיך מיט אַ רימען־פּאַס שטאַרק געשלאָגן און צווישן די שמיץ — געלערנט מוסר, אַז אין פרעמדע עסקים זאָל איך זיך קיינמאָל ניט אַריינמישן, האָב איך זיך צעבונטעוועט און מיט העזה, און טרערן געמישט, האָב איך אים צוריק געענטפערט:

— אָבער ער האָט דאָך ביי זיי די פּרנסה אָפּגענומען! די פּרנסה...

כאַרסאָן און מיקאָלאַיעף

מיט מאירקען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט דורך אַזאַ צופאַל:
אין שטעטל ביי אונדז האָט אויסגעבראָכן אַ זומער־פאַרנאַכטיקע שרפה. די אַלטע הילצערנע אַכסניה־שטוב, וואָס איז אין מיטן מאַרק געשטאַנען, ווי אַ פאַרבריהטע יידענע, די הענט אויף די באַקעס, ברייטער ווי העכער, האָט זיך פלוצלונג צעשפּילט מיט רויטינקע פלאַמען; זיינען פייער־צונגען געקראָכן דורך די פענצטער, געלעקט די שוואַרצע אויסגעפּוילוועטע געזימסן און געהויבן זיך אַרויף צום דאַך און סטרעכע, אויסמישן זייער גלאַנץ מיטן פלאַם פון דער זומער־פאַרנאַכטיקער שקיעה.

מיין מאַמע, וואָס האָט מיך דעמאָלט פאַר אַ הענטל איבערן מאַרק געפירט (זי איז געגאַנגען עפּעס איינקויפן מיט איר קליינעם מוזיניק) האָט זיך געצאַפּלט און גענומען מיך שטיף ציען פאַרן הענטל:

— אַן אומגליק געשען! אַ שרפה! לאָמיר לויפן, זיך ראַטעווען...

אַ קליינינקער בין איך נאָך געווען און כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען די סכנה; אָבער די אַרומיקע אימה האָט מיך אָנגעשטעקט, כ׳האָב געהויבן די באָרוועסע פיסלעך און נאָך דער מאַמען, אַ האָז נאָך דער האָזנטע, שנעל געלאָפן.

אויפן הויף ביי אונדז האָט מען זיך שוין געפּאַקט: קישן, קאָל־דרעס, ספרים און כל־ערליי שטוב־מכשירים האָבן זיך געבונדן אין פּעק צוזאַמען; טירן זיינען אָפן געשטאַנען און שטיבער האָבן זיך פון זייער האָב און גוטס געליידיקט...

די מאַמע האָט מיט איין האַנט אַ גרויסן פּאַק געשלעפּט, מיט דער צווייטער — מיך געהאַלטן, געצויגן נאָך זיך, און פאַר די איבעריקע קינדער אַ געשריי נאָך זיך איבערגעלאָזן:

— קינדער, אַהין! צום טייך! צום וויהאָן!

ביים טאָפּיקן ברעג טייך, וואו ס׳איז געוואַקסן גראָז אין נאַסקייט, וואו עס האָבן זיך געפּאַשעט גענדז און גאַנערס, האָבן מיר זיך שפּע־

טער אַלע געטראָפן. ס'איז מאָדנע געווען צו זען דאָ אונדזער קאָנאָפּע (אויף וועלכער איך האָב מיט מיין ברודער שימעלען געשלאָפן), טאַטע־מאַמעס בעטן, דעם וואַרשטאַט מיט די אַרומגעפּיילטע ברעגן, אויף וועלכן קיין געציגן זיינען שוין איצט מער ניט געלעגן...

מיט אונדז צוזאַמען האָבן זיך אויפן ברעג געוואַלגערט אונדזערע הויף־שכנים און נאָך שכנים פון אַרום. קינדער, ווי ווערים, האָבן זיך אין די פּעקלעך געראַיעט, ווייבער האָבן וויינענדיק־פרום דעם בראָך אויסגעזונגען, טייך־ברעג האָט מיט ביינאַכטיקע כוואַליעלעך צוגעפּליושקעט און אַנטקעגן אונדז (פון דער שטעטל־זייט) האָט גע־שמאַלצענער קופער געזעצט זיך אין שטויבן און איבער דער זומער־דיקער נאַכט זיך געפּאַרבט.

לעבן אונדז, אין קופּע, איז געזעסן אונדזער שכנטע עשקע (וואָס וואוינט אויפן צווייטן הויף). זי האָט מיט דער מאַמען שותּפות גע־שלאָסן און ביידע האָבן, וויגנדיק זיך, צוגעזונגען:

— אַ בראָך! אַן אומגליק! חורבן־ירושלים! אַלץ גייט אַוועק מיטן רויך...

און איך, אַ האָז אַ צעצאַפּלטער, האָב מיט עשקעס יינגל, מאירקען, אויך אַ שותּפות געשלאָסן: ביידע זיינען מיר אין אונדזער הילצערנעם פסחדיקן קאַסטן (וואָס זיין טירל עפנט זיך פון אינדערהייך, אויף האַלב) אַריינגעקראָכן, און פון דאָרט, דאָס טירל אויפן קאָפּ הויבנדיק, גע־קוקט אויף דער וועלט אַרום...

האָבן מיר אויך, ווי די מאַמעס, געזונגען און צוגעוויגט זיך דערביי:

— אַ בראָך! אַן אומגליק! אוי, וואָס וועט איצטער זיין?...

די מאַמעס, אויף אונדז קוקנדיק, האָבן געגאָסן נחת אינעם אומ־גליק און אין זייערע וויטערדיקע טענות אונדז אויך אַריינגעשלעפּט אין קאָן:

— פאַר די בידנע קינדערלעך, רבונו של עולם, העלף...

נאָכדעם זיינען מיר, אויסגעמאַטערטע פון וויינען, אַנטשלאָפן גע־וואָרן אין קאַסטן; אַרומגענומענע, ווי ברידערלעך, האָבן מיר דאָרטן אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג, אַז מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן מיר שוין די מאַמעס אַרום זיך ניט געטראָפן; די שרפה האָט זיך אויסגעשפּילט און דער עולם איז געווען פאַרנומען מיט טראָגן צוריק די אַרויסגעראַטעוועטע באַלעבאַטישקייט אין די נעסטן אַריין.

זיינען מיר, ווי צעפּוזשעטע קליינע גענדזלעך (וואָס די מאַמע־גאַנדז האָט זיי אַליין איבערגעלאָזן) איבערן טאַפּיקן ברעג טייך צוריק אַהיים געלאָפן. איינער דעם אַנדערן האָבן מיר געהאַלטן שטיף פאַר די הענט, און מיט שרעק געקוקט אויף די זייטן אַרום: אין פאַרטאָגיקן טומאַן האָבן פון דער שטעטל־זייט געסטאַרטשעט אין דער הויך די אויסגעשרפּהטע ציגלבע אויוונס און קוימענס פון הייזער, וואָס די ווענט זיינען ביינאַכט אוועק מיטן פייער; דער טייך האָט פאַרטאָגיק גע־פּליושקעט און לאַנגזאַם אויסגעוויקלט זיך פון אַ מילכיקער דעק; און די שטעטלדיקע גענדז־משפחות, ווי גאַרנישט געשען, זיינען מיט געוויינ־לעכער גאַגאַטשעריי און פליגל־געפּלאַטער, געגאַנגען אויף פּאַשע צום „וויהאָן”, אויפן טאַפּיקן ברעג.

האָבן מיר, יינגלעך, זייער זיכערקייט געשטערט. (ניט מיט אַ כיון חלילה). איז דער גאַנצער אַנטקעגן אַרויס אונדז אַפּטרייבן; זיין שנאָבל האָט ער אויסגעשטעקט אַנטקעגן אונדזערע נאַקעטע פּיאַטקעס (ער האָט גלייך געכאַפּט אונדזער שוואַכן אָרט). זיינען מיר אין שרעק געלאָפן און דער גאַנצער נאָך אונדז. די באָרוועסע פיס זיינען אין טאַפּיקייט געזונקען און נעבעכדיק האָבן מיר זיך ביידע געבעטן:

— מאַ־אַ־מע־ע־ע...

אינדערהיים האָבן מיר אויסגעפונען, אַז די שטיבער אונדזערע זיינען פון דער שרפה ניצול געוואָרן; די מאַמעס, פאַרהאָרעוועטע, האָבן זיך גענומען ברענגען אין אָרדענונג די צערודערטע נעסט. ס'איז צוריק געשטאַנען אויפן אָרט דעם טאַטנס וואַרשטאַט, דער פּסחדיקער קאַסטן, די פּאַליטורטע קאַנאַפּע. ס'האָט אויסגעזען ווי די מאַמעס ווילן אָפּווישן מיט אַ כיון די סליאַדן פון דער צעטומלטער משוגענער נאַכט...

אָבער איך מיט מאירקען האָבן עס ניט געקענט פאַרגעסן; די נאַכט אויפן „וויהאָן” האָט אונדז פאַרבונדן. מיר זיינען פון דעמאָלט אָן געוואָרן שטאַרקע חברים, פריינט...

**
*

מאירקעס מאַמע איז אַ ברויט־בעקערין און זיין טאַטע איז שטענדיק אין דער פרעמד, אין אַ שטאָט אַזאַ, וואָס מאירקע אַליין וויס ניט אַקוראַט איר נאָמען, — כאַרסאָן אָדער מיקאַלאַיעוו...

אין שטוב ביי זיי בין איך אַן אָפּטער אַריינגייער. איך האָב ליב צו קוקן אויף די דייזשעס טייג, וואָס ווערן בריהש געקנאָטן פון מאירקעס מאַמען. (אַ יידענע אַ הויכע, אַ פלאַכע, מיט אַ לענגלעכן

פּנים פון אַ פאַרהאַרעוועטער שקאַפּע). ס'איז מיר אויך אָנגעגעם צו קוקן אויף דער ברוינער קאַרע מיט די שוואַרצע קימל־פּינטלעך, וואָס פאַרציט זיך אויף די ברויט־לאַבנס ווען זיי גייען הייס אַרויס פון אויוון.

אויף יום־טוב קומט מאירקעס טאַטע צופאָרן פון די ווייטע שטעט אַהיים. דעמאָלט לויפט מאירקע צו מיר, באַהאַלטן זיך אַהינטער אונדזער פסחדיקן קאַסטן. (ער שעמט זיך פאַרן טאַטן). נאָכדעם גנבענען מיר זיך ביידע, די אויגן מייזנדיק־פאַרשפּיצט, צו באַקוקן דעם גאַסט...

דער טאַטע זיינער — אַ קורץ יידל, מיט אַן אויסגעקעמטער באָרד, לאָזט זיך דוקא שנעל דערקענען; אַ פריילעך, אויפגעלייגט יידל איז עס, מיט אומלויפּנדיקע פלוטעוואַטע אייגעלעך, די געלע באָרד איז צו לאַנג פאַר זיין נידעריקן וואוקס, און די רויטע גראָבלעכע ליפּן זעען זיך פון דער האַריקייט אַרויס, ווי צוויי ווענטלעך פון אַ פאַרשייטן מויל־פּיל.

ער פּאַקט אונדז און קיצלט הינטער די פּאות:

— שקצים, וואָס מאַכט איר?

לאַכן מיר: כי־כי־כי; קיין ווערטער האָבן מיר ניט; מיר ווייסן ניט, וואָס צו זאָגן.

— שקצים, דערציילט עפּעס.

פילן מיר, ווי צוגעלאַשטשעטע קעצעלעך, אָבער ס'יידל איז אַן אומבאַקאַנט אַזאַ, מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי זיך אים צו פאַרטרויען.

אָבער אויסהערן, וואָס ער דערציילט (פון דער זייט אַזוי, פון אַ ווינקעלע) זייגען מיר אַלעמאָל בעלנים; איבערהויפּט, אַז די מעשה גייט פון יענער שטאָט, וואָס מיר אַליין פלאָנטערן זיך נאָך און ווייסן ניט אַקוראַט איר נאָמען: כאַרסאָן אָדער מיקאָלאַיעוו...

אינדערהיים ביי אונדז פּרואווט אַפילו מיין טאַטע פאַרמינערן די חשיבות פון דעם אָנגעפּאָרענעם גאַסט. מיט אַן „עט" פאַרשוועכט ער די וואונדער מעשות, וואָס דער גאַסט דערציילט, און גיט אָנצוהערעניש אַז ס'קען גריילעך זיין, ס'איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, לא היה ולא נברא...

— אַ גאַסט איך שטעטל! ישראל איז שוין דאָ! געבראַכט דער ווייב זיינע קויטיקע וועש אויסצוואַשן, און די קינדער אויף יום־טוב געבראַכט — באַיקעס...

מיין טאַטע איז אַ שטילער איינגעהאַלטענער ייד, וועלכע האָט פיינט צו מישן זיך אין יענעמס עסקים, און דאָך דוכט זיך מיר, אַז

בנוגע מאירקעס טאַטן איז ער שטאַרק אומגערעכט, און טאַקע ניט קיין — פאַרגינער:

— ישראל דער קורצער האָט אַ לאַנגע צונג ביזן גאַרטל און זי גייט ביי אים אויף ספּרוזשינעס.

אָבער איינס צום אַנדערן איז ניט שייך: אַז ס׳קומט יום־טוב און אונזערע משפחות טרעפן זיך (די ווייבער האָבן זיי אויפגעקניפּלט: סוכות קויפן מיר אַן אתרוג אויף שותפות און די אַנדערע יום־טובים גייט מען איינער צום צווייטן אויף כיבוד) זיצט מיין טאַטע, אַ שווייגער, אַן איינגעהאַלטענער, מיט אַ נעבעכדיק־תמעוואַט שמייכעלע און שלינגט די מעשות פון פרעמדע ווייטע מקומות, וואָס ישראל האָט צו דערציילן.

קומט צורייד וועגן רעגנס, דערציילט מאירקעס טאַטע, אַז דאָרט ביי זיי איז אויך געווען אַ רעגן, אָבער ניט קיין פשוטער — אַ רעגן מיט מעסערלעך. ווי אַזוי? גאַנץ איינפאַך: אַן אָקרענט איז געשוואומען איבערן ים, אָנגעגרוזשעט מיט מעסערלעך, איז אַ שטורעם־ווינט גע־קומען און דערטרונקען דעם אָקרענט; זיינען נאָכדעם די וואָלקנס געקומען אָנטרינקען זיך אין ים, האָבן זיי זיך אָנגעזופּט מיט די אונטערגעגאַנגענע מעסערלעך. איז נאָכדעם אַ רעגן געפאַלן איבער זייערע מקומות, און דער רעגן — גאָלע ווייסע, ביינערנע מעסערלעך...

דעם טאַטנס נעבעכדיקע מינע צעקרימט זיך, ווערט זויערלעך. מאירקעס אייגעלעך צעבלישטשען זיך, ווי ביי זיין טאַטן; מיינע, פיל איך, אויך...

רעדט מען וועגן עשקעס געשעפטן (די ברויט־דייזשעס), דערציילט ישראל, אַז זייערע ברויטן זיינען דאָרטן אַנדערע: אָן אַן ערך גרעסערע; אַריינגעזעצט זיי אין אויוון, צעוואַקסן זיי זיך און מען קען זיי שוין צוריק ניט אַרויסנעמען. איז וואָס־זשע טוט מען? זיינען טאַקע די אויוונס צוויי־טירלדיקע, אינעם ערשטן טירל אַריין, פון דעם צווייטן, גרעסערן אַרויסגענומען...

שפּילן דערביי צו ישראלס פלוטעוואַטע אויגן און די פייפלדיקע ליפּן שמייכלען מחיהדיק. קוקט ער פון דעם טאַטנס זייט צו אונדז (צו מיר מיט מאירקען) און מיר ענטפערן אים מיט אַ פאַרגנבעטן בליק צוריק: מיר גלויבן און זיינען צופרידן...

נאָכדעם דערציילט ער אַ מעשה (ס׳קומט דעמאָלט צורייד וועגן חולאתן, מיחושן) ווי דאָרטן האָט איינער זיך אַליין אויסגעקורירט: מיט אַ מעסערל זיך אַליין דעם בויך אויפגעטרענט; אַרויסגענומען די

איינגעוויטן, אויפגעלייגט, צורעכט געמאַכט, מיט נאָדל־פּאָדעם, צוריק פאַרנייט און פאַרטיק...

איך מיט מאירקען מאַכן כי־כי־כי (געפעלט אונדז דער איינפאַל) און דער טאַטע מיינער, די נעבעכדיקע מינע זיינע בייט זיך אויף אַן אומגעדולדיקער קינדיש־באַליידיקטער, און ער מאָנט שטיל:

— כ'מייק, ר' ישראל, ווי אַזוי איז עס מעגלעך?...

אָבער מאַלע וואָס דער טאַטע איז אין ספק; איך מיט מאירקען גלויבן; מיר זעען דעם רעגן, וואָס גיסט זיך מיט מעסערלעך, די לאַבנס ברויט, וואָס גייען דורך דער אַנדער זייט טירל, דעם מאַן, וואָס פּאַרקעט זיך אין זיינע איינגעוויטן, און אַז מיר פאַרגלייכן אונדזער לעבן דאָ, מיט די וואונדערס, וואָס געשעען אין יענע מקומות, פאַר־בענקט זיך דאָס האַרץ און ציט אַהין, צו זען אַלץ מיט די אייגענע אויגן.

און נאָך יום־טוב, אַז מאירקעס טאַטע זיצט שוין צוריק אין בויד, אָנגעפּאַקט מיט שטרוי, אויפן האַנט אַ קלומיק, וואָס די ווייב האָט אים מיטגעגעבן, און זיינע פלוטעוואַטע אייגעלעך זיינען איצט אויס־געלאָשן, פאַרטראַכט, לויפט אַ פריער מאירקע צו מיר, באַהאַלטן זיך אַהינטער אונדזער פסחדיקן קאַסטן (ער שעמט זיך צו זעגענען זיך מיט זיין טאַטן). נאָכדעם גנבענען מיר זיך ביידע צום בויד מיט מייזיש־פאַרשפּיצטע אייגעלעך.

דאָס יידל דערקענט אונדז באַלד און שיקט אונדז פון בויד די לעצטע גערוסן:

— שקצים, זייט געזונט...

רירן זיך סקריפּענדיק דעם בעל־עגלהס רעדער און מיר שיקן מיט די אויגן דעם לעצטן גרוס, אַן ווערטער:

— אַהין, קיין כאַרסאָן און מיקאָלאַיעוו...

***

מאירקע האָט מיר, דעם ערשטן, אַ סוד פאַרטרויט:

— זיי קלייבן זיך אַרויס פון דאַנען; דער טאַטע נעמט זיי איבער אין זיינע מקומות.

נאָך יום־טוב האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פּאַקן; איך האָב געהאָלפן, וויפיל כ'האָב געקענט; אָוועקגעשענקטע שיריים האָב איך געשלעפּט צו זיך אין שטוב: וואַזאָנעס, אַ מולטער, אַ ברויט־דייזשע, נאָכדעם

האָבן זיך ווייבער געזעגנט, געוויינט און זיך געקושט, אויף זיי קוקנ־דיק, האָב איך אויך פון מאירקען אַזאַ אָפּשייד גענומען.

און צום ערשטן מאָל איז ביי מיר אַ שלעכט געפיל צו מיין חבר געבאָרן געוואָרן אין האַרצן; ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז די אויגן פינקלען ביי אים חוזקדיק פלוטעוואַטע, ווי ביי זיין טאַטן:

— אַהאַ! איך פאָר אַהין קיין כאַרסאָן און מיקאָלאַיעוו! און דו?...

האָב איך דאָס שלעכטע געפיל טיף אין זיך פאַרטאַיעט; כ'בין נאָכן וואָגן נאָכגעלאָפן, ביז וואַנען די סקריפּנדיקע בעל־עגלהשע רעדער האָבן מיך איבערגעיאָגט און געלאָזן ווייט הינטער זיך.

נאָכדעם האָב איך זיך הינטער דעם פסחדיקן קאַסטן פאַרשטעקט, געזעסן דאָרט, ווי אַ פאַרסמטע תיהלע, און אין די בלוטן האָט אַ דאָרשטיקע פאַרברענטע צונג נאָכאַנאַנד געלעקט, געלעקט:

— כאַרסאָן און מיקאָלאַיעוו...

אַ פֿאָרשטעלונג

שפּילער זיינען צו אונדז זומער־צייט אַראָפּגעקומען; האָבן זיי דאָס גאַנצע שטעטל באַצויבערט, פֿאַרכּאָפּט.

איינער פון זיי (אין אַ לייב־קאָלירטן, שמוציקלעכן קאָסטיום) איז געווען אַ „לויפער״. („סקאָראָכאָד״ האָבן מיר אים אין אונדזער לשון אַ נאָמען געגעבן). איז ער אַ סך מאָל אַרומגעלאָפן די קלומבע אין פּריצישן גאָרטן. לכּבוד דעם שפּיל האָט מען צוגענומען די בייזע הינט פון דאָרטן. בערדיקע יידן, מיט הויט, ווי אַ קאָרע, האָבן זיך מיט אויס־געפּוצטע פּריצים און פּריצטעס אין געזעמל פֿאַרמישט. און נאָכן שפּיל איז אַ דין מיידעלע, אויך אַ קונצנמאַכערן (געזאָגט האָט מען, אַז זי איז אַ געגנבעטע קינד און מ׳האָט זי אַ לאַנגע צייט געוויקט אין מילך, אירע ביינער זאָלן ווייך ווערן) אומגעגאַנגען מיט אַ טעצל אין האַנט און געקליבן גראָשנס צווישן דעם עולם.

נאָכדעם האָט אַ צווייטער שפּילער (אין אַ געלן קאָסטיום) באַוויזן אַנדערע קונצן.

ער האָט אויף אַ שפּיץ פינגער שטעקנס, שטולן און לייטערס אַרומגעטראָגן. אויפן שטול און לייטער האָט ער שפּעטער דאָס דין מיידעלע אַרויפגעזעצט און געטראָגן זי אינדערהייך. נאָכדעם האָט ער די אַלע זאַכן אויף אַ צאָן אויפגעהויבן, אויפן שטערן געהאַלטן, און דער עולם אַרום האָט געמאָסטן זיין ציטער, געשלונגען דעם וואונדער און ניט געקענט אָפּרייסן זיך פון דעם פֿאַרכּאָפּנדיקן שפּיל.

מיר, קינדער, זיינען דאָרטן אויך געווען. (ווי אַנדערש? אַזאַ שמחה גאָר אָן אונדז...) און אַז מיר זיינען צוריק אַהיימגעקומען, האָבן מיר דיזעלביקע קונצן פאַר זיך אַליין איבערגעשפּילט: אַרום אונדזער פֿאַרקאָן, ווי דער סקאָראָכאָד, אַרומגעלאָפן, פלעקער געטראָגן אויף די שפּיץ־פינגער, אויפן צאָן גענומען, אויפן שטערן — אויך, און — ס׳איז געגאַנגען אַ גאַנג, קונצנמאַכעריי איז געוואָרן אונדזער פאַך.

מאַמעס האָבן אויף אונדז געשריען, טאַטעס האָבן זיך מיט קאַנטשי־קעס פֿאַרמאָסטן, געיאָגט פֿון שפּיל אַוועק:

— קאַטלעצאַנים! אַ שפּיל אויסגעקלערט! פּלעקער גאָר! מ׳קען דאָך געניזקט ווערן, די בייזע שעה זאָל נישט זיין...

אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפֿן; פֿאַרכאַפּט געוואָרן — האָבן מיר פֿאַר דעם אַלץ געקענט איבערטראָגן; ס׳האָט בלויז אויסגעפֿעלט אַן עולם פֿאַרערער — באַוואונדערער, דאָס אַנטציקטע אויג.

און אונדזער חבר הילקע האָט זיך צו דעם אויך דערטראַכט:

— אַ שפּיל זאָלן מיר מאַכן אין שפּייכלער, ווי אין אַן אמתן צירק. קנעפּלעך וועלן מיר רעכענען פֿאַר דעם אַריינגאַנג. מ׳וועט צאָלן! נישקשה, ס׳וועט זיין ווערט...

דער פּלאַן איז אונדז געפֿעלן געוואָרן, און מיר האָבן זיך פֿאַר אים גענומען. דער שפּייכלער — אויף אונדזער שטיקל הויף איז ער געשטאַנען, אַ בנין מיט אַן אָראָפּגעריסענעם דאַך, אָן פֿענצטער, אָן טיר און שוועלן; אַריינגיין אַהין — האָבן מיר געדאַרפֿט פֿאַרלייגן די הענט אויפֿן צעפֿוילטן טיר־לייסט און געבן אַ שפּרונג. אינווייניק איז געווען דער אומצוכט פֿון פֿויערים, וועלכע פֿלעגן צוליב זייערע באַדערפֿענישן אַהין פֿאַרבלאָנדזשען. אָבער איין זאַך: זון האָט געהאַט גענוג לעכער דורך וואַנען זיך צו גיסן. ליכט איז דאָרטן געווען...

פּייוּוקע האָט געטאָן די שוואַרצע אַרבעט: געשלעפּט זאַמד, אויס־געשאָטן אויפֿן דיל און ברעטער צעלייגט. הילקע האָט צונויפֿגעשטעלט די קאָמפּאַניע קונצנמאַכער (וואָס מער „כחות" האָבן מיר געוואָלט אַריינציען, געבן עפּעס רעכטס); שלום איז אַוועק צעפּויקן דאָס שפּיל אויף דער וועלט.

— קומט צו אונדז. אַ קנעפּל — דער אַריינגאַנג. סקאַראַכאָדן וועלן זיין און קאָטערינקעס. ס׳וועט זיין גוט...

אויף צעפּויקן אַ זאַך איז שלום געווען אַ מאדים: אומעטיקע אייגלעך, אַ נעבעכדיק פּנים און אַ בעטלדיקע מינע, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט יעדן ווידערשטאַנד און געמאַניעט צו זיך:

— קומט! ס׳וועט זיין גוט...

איז דער עולם טאַקע געקומען; איבערן טיר־לייסט האָבן זיך געלייגט הענטלעך און מיט אַן אונטערהאַטשקע איז מען געשפּרונגען אינדערהייך. דורך די שטענגלעך פֿון דאַך האָט זיך ליכט געפּאַסעוועט אויף ווייסע זילבערנע שטיקער און געשפּילט אויף פּנימער, אויף

נאַקעטע קויטיקע פיסלעך, אויף ציצענע העמדלעך, געוויקטע אין ברוד. מאַמעס האָבן דעם טומל דערשפּירט און אונטערגעבורטשעט בייז:

— אַ הינטישע חתונה! שלעפּערס פון דער גאָרער וועלט! וואָס נאָך האָט מען דאָרטן פאַרקאָכט?...

שלום איז אַרומגעגאַנגען צווישן חברה, (ווי דאָס דין, געגנבעט מיידל, מיט די מילך־אויסגעוויקטע ביינער) און אויף אַ טעצעלע די קנעפּלעך געקליבן; מיר, קונצנמאַכער, האָבן זיך געטוליעט, ווי צע־שראָקענע לעמער, און אומרו האָט געברענט אין די אויגן און מיט איבערגעפּלייצטן אומגעדולד געשפּאַרט.

דער ערשטער אַרויסצוטרעטן איז געווען פּיוּוקע:

ער האָט געשפּילט דעם שטאָט־משוגענעם (ברוך בורטשע); בורטשע איז געווען אַ בחור אַ פאַרוואָקסענער, אַ כמורנער, אַ גלייכגילטיקער, וועלכער האָט זיין טאָרבע, איבער קרויע־בלוע טראַנטעס, אַלעמאָל גע־טראָגן, כדי איינצומאַנען די צינזן פאַר זיין משוגעת, ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך. ס׳ביסל פרייד האָט מען פון אים געמוזט מיט שטיינער אַרויסציען; מיט שטיינער און קלעפּ האָט מען אים אויסגע־לערנט לידלעך און אַרויסרופענישן אויפן חשבון פון די שטענדיקע בעלי־בתים. ס׳פלעגט אָבער ניט לייכט אָנקומען: אַפריער פלעגט ער זיך צעבורטשען, די שאַרפע ווייסע ציינער אויסשטשירען און ערשט נאָכדעם פלעגט ער זיין געזאַנג אָן טעם, מיט אַ מינע פון „עט! זאָל מיינס איבערגיין" אָפּפּטרן:

— אַז די מיל דרייט זיך,

דרייען זיך די רעדער...

פּיוּוקע האָט געשפּילט ניט שלעכט, איבערהויפּט ווען עס איז געקומען צום שטשיר מיט די ציינער. די לידלעך האָבן גאָר שטאַרק ביים עולם אויסגענומען. מ׳האָט נאָך און נאָך געפאָדערט.

— כאַניע, דער מולער, מאַכט אַן אויוון,

אָפּצובראָטן פּעטע פליגן...

נאָך אים בין איך געווען דער צווייטער שפּילער.

איך האָב געדאַרפט זיין רפאל דער קאַטערינשטשיק, דער בייזער ייד מיט אַ בעלמע אויף זיין אויג און דאָס צווייטע אַ קאַסאָקע. מיטן פאַרגעשטעלטן שפּילקעסטל אויף איין פוס, בין איך אַרומגעגאַנגען צווישן עולם, געדרייט לאַנגזאַם דאָס הענטל, געפּינטלט מיטן בעלמע־דיקן אויג און געצויגן לאַנגזאַם דעם אומעטיקן ניגון:

— נאַ טשטאָ מניע מאַט ראָדי־לאַ־אַ־אַ,

— נאַ טשטאָ מניע באַג סאָזדאַ־ אַ־אַל...

און שלום איז, ווי אַ שאָטן, נאָכגעגאַנגען נאָך מיר (ער האָט עס געדאַרפט שפּילן רפאלס ווייב, אַ קליינטשינקע בלאָס־נעבעכדיקע יידענע, וועלכע פלעגט זיך ווינטער־צייט רירן פון זינען). אין האַנט האָט ער געטראָגן אַ פאַרגעשטעלטן קאַנאַריק־־שטייגל און געבעטן ביים עולם אָכצנדיק:

— גיט אַ נדבה! גיטס, גיטס...

שפּעטער איז געקומען דער סקאָראָכאָד מיט אַלע איבעריקע קונצן.

הילקע, מיט נאַקעטע שמוציקע פּיאַטקעס, איז געפלויגן אַרום און אַרום דער וועלט, ווי אַ טייוול. ער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ גרינעם שאַליק און פאַרבונדן זיך אַרום די לענדן. אַ קלייניגקייט, אָבער ס'האָט געמאַכט אַ רושם! דאָס, און זיין שפּיציק פייגלש פּנים, האָבן אים געמאַכט אויסזען, ווי אַן אמתער קונצנמאַכער. נאָך אים — מיר אַלע, ווי רוחות, האָבן מיט שטעקענער, מיט פלעקער און שטולן, אויף די פינגער, אויף די קליק־ציינער פון דער לינקער זייט מויל, זיך צעלאָזן; פאַרוואָרפן די קעפּ אויף צוריק, די מיילער אויסגעקרימט, די ברוסטן אַרויסגעשטעלט, די אויגן איינגעביסן אינעם מינדסטן קער און ריר, האָבן מיר זיך געדרייט, געקרייצט, געכאַפּט קונצן־טריטלעך הין און צוריק; דאָס האַרץ איז געווען אומרואיק, ס'האָט אַנגעקוואָלן פונעם פאַרטאַיעטן שושקען צווישן אונדזער עולם געסט, וועלכע האָבן, ווי גרויסע יידן אין אַ גוט־אַנגעהייצער באָד, געשמאַק געריבן מיט די פלייצעס און באַגייסטערט געסודעט זיך:

— גוט אַזוי! אַהאַ, גוט...

אָבער דאָס לעצטע שפּיל איז געווען דאָס בעסטע.

ס'האָט געשפּילט כעמע (דעם שוסטערס ייִנגל). ניט קיין אונדזער־ריקער, פון אַ וויטן פרעמדן הויף. כעמע איז געווען אַ באַהעלפער ביים חזן ימים־נוראים אין שול, און הילקע האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג. אַ ייִנגל מיט אַ לענגלעכן ווייסן רעטאַך־פּנים און אונטערן הויט האָבן זיך ווי פּעדים, געשפּרייט דינע אָדערלעך. ער איז אַרויס מיט אַ שטעקן אין האַנט, אַנטאַפּנדיק, ווי אַ בלינדער די טריט. שלום (ווי דאָס דין געגנבעט מיידעלע) האָט אים אונטערן אָרעם שטיל־נעבעכדיק געפירט. אָפּגעשטעלט זיך, האָט ער זיך אויפן שטעקן אָנ־געשפּאַרט, די אויגן בלינד אויפגעריסן, טיף אָפּגעקרעכצט און איין

האַנט איבער דער צווייטער האַט זיך, ווי אַ סמיק איבער אַ פידעלע צעשפּילט:

וואָס טויג מיר מיין לעבן,
וואָס טויג מיר מיין געלט.
אַ בלינדער אויף ביידע אויגן,
פינצטער איז אים זיין וועלט...

אַ קרעכץ — און ווייטער געזונגען און צוגעשפּילט:

— רחמנות האָט ווער,
און גיט זיך אַ קער.
— אַ בלינדער אַ־י־י־י!...

ער האָט געשפּילט דעם בלינדן יידן, וועלכער איז ניט לאַנג ביי אונדז געווען, געזונגען אויפן מאַרק און אַלעמענס הערצער צעוויקט.

שלום איז דערוויל אַרומגעגאַנגען צווישן עולם מיט אַן אָנגע־שטעלטער דלאָניע און אויף זיין אופן געמאָנט:

— שענקט אַ נדבה! שענקטס! שענקטס...

און די מאַמעס אונדזערע, וועלכע זיינען געשטאַנען לעבן שפּיכ־לער, צוגעצויגן פון אונדזער פאָרשטעלונג, האָבן זיך מיט די פאַר־טוכער געריבן די אויגן, געזוכט פונדערווייטנס אונדזערע שפּילער, און שטילערהייט געשושקעט זיך צווישן זיך:

— וואָס קאַטלעצאָנים קענען אויסטראַכטן! אַ גוואַלד...

אַ מלחמה

דורך די אָפֿענע פֿענצטער האָבן זיך אין שטוב געקליבן פֿליגן; זיי האָבן זיך אין שוואַרצע קופּקעלעך געחברט אויפֿן ווייסן טישטעך, וואו ס׳האָבן זיך געוואַלגערט ברעקלעך פֿון דער שבתדיקער אויפֿגעגנאַשטער חלה; אַ טייל נאַרישע פֿליגן האָט זיך געעסקט אויפֿן טישטעך פֿונעם צווייטן טיש, וואו ס׳זײַנען געלעגן איבערגעדעקט דעם טאַטנס וואָכעדיקע געציַיג. איין פֿליג, אַ פֿעטע, אַ שוואַרצע און אַ רוגזדיקע, האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ פֿאַרברודיקטער שויב, געזשומעט אַרום די ברעגן און געפּרואווט זיך ניט אַנדערש ווי דורכן גלאָז דורכקריכן.

דער טאַטע, זיין אויבער־בגד — אַ טלית־קטן, אויפֿן קאָפּ — אַ פֿאַרפֿעדערטע צעקנייטשטע יאַרמולקע, איז געזעסן מיט מיר (דער קליינער מוזיניק) און מיט אַ פֿאַרגעגעצטן שבת־פֿאַרנאַכטיקן נאָכשלאָף, געלערנט אַ בלעטעלע פּרק.

איך (דאָס מוזיניקל) האָב גאָר קיין חשק ניט געהאַט, געקירעוועט אַלע ווײַלע דעם קאָפּ צו דער שויב, וואו די רוגזדיקע פֿליג האָט זשומענדיק געריסן זיך אַרויסצוגיין. פֿון דער צווייטער זייט פֿענצטערל, וואו ברוך האָט זיך אין זון־גאָלד שטילערהייט געשמאַלצן, האָבן מיך פֿאַרשייטע חברשע וואונקען חלשותדיק געמאַניעט:

— קום אַרויס! נו, גיכער! זיך שפּילן...

אָבער דער טאַטע האָט מיין אומגעדולד גאָר ניט באַמערקט; צעשאָקלענדיג זיך אינעם פֿליגלדיקן טלית־קטן מיטן איינטאָניקן ניגון פֿון אַ געשמאַקן פֿאַרגעגעצטן נאָכשלאָף, האָט ער מיך, זיין מוזיניק, פֿעכיק נאָכגעשלעפּט נאָך זיך:

איזהו גיבור — הכובש את יצרו. (ווער איז דער העלד? ווער ס׳באַצווינגט זיין יצר־הרע) איזהו חכם? (ווער איז דער חכם?...).

ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט אין די דראָבנע שפּיציקע אותיותלעך פֿון די פֿאַרשיידענע מפרשים, און איך האָב

דערווייל צייט געהאַט אָפּצוקערן דעם קאָפּ און אויסזוכן מיין העלד, וועלכער האָט נאָך אַלץ זשומענדיק־איינגעשפּאַרט געריסן זיך דורכן שויב אין גאַס.

די פענצטער האָבן זיך דערווייל אויסגעלאָשן; נאָר אַנטקעגנ־איבער האָט דער פּוילישער קאַסטשאָל מיטן הויכן צלם־שפּיץ געפלאַ־קערט אין גאָלדיקער שרפה, און די שטובן אַרום אים האָבן זיך בי־דעריקער געשאָטנס און אויבן געברענט. אַרום פענצטער האָבן חברשע נאַקעטע פּיאַטקעס פאַרשייט אַרומגעטאַנצט און געמאַניעט צו זיך:

— ס׳ווערט שפּעט! קום גיכער! שפּילן...

דער טאַטע האָט מיט אַ פעביקער בייטש אַלץ געטריבן:

— איזהו גיבור, הכובש את יצרו. איזהו חכם... גיכער! נו, זאָג...

מיין באָרוועס פּיסל האָט זיך אונטערן טיש געדרייט אויף דער פּיאַטע, אויסגעטענצלט דעם אומגעדולד, וואָס האָט געברענט אין די בלוטן, און די פינגער האָבן פלינק, באַהאַלטן פון טאַטן, געפּאַקט אין הויפן די שוואַרצע ראַיעס פליגן, וועלכע האָבן גענישטערט די טרוקענע ברעקלעך שבת־חלה אויפן טיש.

אַזוי איז עס געגאַנגען, ביז וואַנען דעם טאַטנס אויג האָט מיינע שפּיצלעך באַמערקט און די פּאַרנאַטיקע, שבת־הייליקע רו איז גע־וואָרן (צוליב דעם מזיניקל) צעשטערט:

— שייגעץ! וואָס קאָמאַנדעוועסטו? וואָס דרייסטו זיך? איזהו גיבור, ווער איז דער גיבור? זאָג אַ וואָרט...

אָבער איך האָב זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן; איין קוק אויפן העלד, וועלכער האָט נאָך אַלץ זשומענדיק מלחמה געהאַלטן מיט דער שויב (ווי זוכנדיק ביי אים מיטגעפיל און דערמוטיקונג צום קאַמף) האָב איך זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון בענקל, העזהדיק אַ דריי געטאָן זיך אויפן נאַקעטן קנאָפּל און אויסגעשאָסן אומגעריכט פאַר זיך אַליין:

— טאַטע, כ׳וויל מער ניט! כ׳וויל ניט...

און ווי אַ קליינער שדל אַנטלאָפן דורך דער אָפענער טיר אין גאַס...

**
*

אַלע שבת צו נאַכט האָבן זיך אונדזערע קינדער געשפּילט אין מלחמה.

ס׳פּלאַץ איז געווען לעבן טייך! אַ זאַמדיק פעלד, אויסגעברייטערט צוליב אַ פּלוצעמדיקן אויסבייג פון ברעג. פון איין זייט — אַ קריסטלעכער מאָהילניק, פאַרוואַקסן מיט גרינס און מיט צלמים, פון דער צווייטער זייט — דאָס וואַסער, וואָס האָט אינווייניק קאָכנדיק געבורבלט און אויף דער אויבערפלאַך געלאָפן אין קנייטשיקע שווינדלדיקע שפּיגל־רעדלעך. אויפן ברעג זיינען געלעגן געהילץ־שפּאַלן, פון וועלכע מיר האָבן געבויט פעסטונגען און דער שונא האָט זיי צעשטערט.

אַהין בין איך איצט געלאָפן, אַ צעטומלטער (נאָכדעם, ווי כ׳האָב ניט געפאָלגט דעם פּרקס עצה). ס׳מויל אויפגעעפנט, ווי ביי אַ זשאַבע, און אַז איך בין געקומען, האָב איך שוין געטראָפן די מלחמה אין פולן גאַנג.

ס׳זיינען דאָרטן געווען הילקע, שלום, פּיזול, זשאַמע און אַ סך אַנדערע. איז צווישן זיי דאָרט געווען אַ יינגל, וואָס מ׳האָט אים גערופן פיש.

פיש איז געווען זיין פאַמיליע נאָמען; געוויינלעך רופן מיר זיך ניט מיט אונדזערע צווייטע נעמען, ניט אַלע וויסן אַפילו, וואָס דאָס מיינט. אָבער פיש איז געווען אַן אויסנאַם: אַ יינגל, וואָס האָט געוואוינט אויף דער גויאישער גאַס, מיט אַ בוים אויפן הויף און גרינע געפאַרבטע לאָדן אויף די פענצטער און פאַרמאָגט אַ שטאַל מיט אַ הוידלקע (דאָס האָבן מיר, חברה, אויך אויסגעפונען און פאַרזוכט). זיין טאַטע איז אַ וואַלד־אָנגעשטעלטער און עסקט זיך טאַקע אַלע מאָל אַרום די שפּאַלן; אַ רונדיק יידל, מיט אַ קיילעכדיקן פעכיק־שוואַרצן בערדל, רונדע באַקן, טראָגט אַלעמאָל לאַנגע געזונטע שטיוואַלעס. שטענדיק — אַרום ברעג טייך מיט אַן אַרשין אין האַנט. אַז ער גייט טראָגט ער דעם קאָפּ אינדערהויך און די פּיס אַנטקעגן; דער יינגל איז אין דעם טאַטן געראָטן: אויך אַ רונדער און אַ רויטינקער; שיך טראָגט ער אַפילו אינמיטן זומער; ס׳רעקל איז פאַרשפּיליעט אויף מעשענע קנעפּ, צום היטל איז צוגעשפּיליעט אַ קאָקאַרדע (ער לערנט זיך אין אַ שקאָלע) און אַלע רופן אים: פיש...

אַז איך בין געקומען, האָט מיר פיש גלייך באַשטימט אַן אָרט אויף דער פעסטונג, וואו איך האָב פון אויבן געדאַרפט שטיין און מיט אַ שטעקן אָפּטרייבן דעם שונא, וועלכער האָט געוואָרפן שטיינער און געפּרואווט זיך צוגנבענען נעענטער איננעמען די ווינקלעך און איינוואַרפן דעם בנין, וועלכן מיר האָבן באַשיצט.

איז די אַרבעט געווען אַ לייכטע: באַרוועסע פיס זיינען פלינקע. דער גראָבער פוס־פינגער טאַפּט אָן דעם מינדסטן שפּעלטעל און אַ פּיאַטקע שטייט זיכער אויף געזעגטן האָלץ און גליטשט זיך קיינמאָל ניט אויס.

אַנטקעגן מיר, צווישן דעם שונא, איז געשטאַנען פּיש; באַקן צעפּלאַמטע, אויגן בלישטשענדיקע, ליפּן — פּלייש פון אַ זאַפטיקן פּרוכט. אונדזער עולם קינדער איז אָן אַנדערער: אַז ער צעקאַכט זיך באַהאַלט זיך דאָס פאַרב אין די באַקן און די ליפּן ווערן פאַרביסן, בלאַסער, טריקענער...

מיר זיינען שווייגנדיקע; פאַרביסענע שלאָגן מיר זיך אינדערשטיל. פּיש רייסט דעם גאַרגל:

— אַ־האַ־אַ־אַ! חברה, נאָך מיר...

קריכט חברה, ווי נאַרישע שעפּסן, אין סכנה. איך פּאַכע מיטן שטעקן. די פּיאַטע איז צוגעקלעפּט צום האָלץ. עס מונטערן מיך אונטער, פון איין זייט — דער וואַלד פון צלמים, פון דער צווייטער — די שפּיגלדיקע קרייזן פונעם קאָכיקן אונטערוואַסערדיקן גרונט.

מער פון אַלעמען רייצט מיך פּיש; ער איז דער פירער; אָן אָנגעהאַנגען בלעכל איז ביי אונדז אַלעמאָל אַ סימן פון מאַכט, איבערהויפּט נאָך אַ קאָקאַרדע מיט מעשענע קנעפּ. רייצט מיט דער שטייפקייט זיינער, די אַריינגעריסנקייט, די זאַפטיקע ליפּן פון פּרוכט־פּלייש; דאָס האָט ער דאָך איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער מלחמה, און דער עולם גייט נאָך אים ווי נאַרישע שעפּסן, צום שלאַכט...

איך צילעווע זיך מיטן שטעקן אין זיין היטל־שטערנדל; אָבער פּיש איז ספּריטנע: ער קריכט אין פייער און מיידט אויס אַ קלאַפּ. צעקאָכטערהייט פאַרנאַכלעסיק איך אינגאַנצן די באַשיצונג פון דער פּעסטונג; חברה פאַרגנבעט זיך צו די ווינקלעך, שלעפּט איינציקע שפּאַלן פון די ווענט, און איך — די פּיאַטע פאַרשטייפט אויף איין אָרט, זוך מיט די אויגן נאָר פּישן, פונקט אַזוי ווי די מלחמה וואָלט געווען בלויז צווישן מיר און אים...

דערווייל האָט מיר געטראָפן אַ שטיין אין קני; כ'האָב ניט געזען, ווער עס האָט געוואָרפן, אָבער כ'בין געווען זיכער, אַז דאָס איז ער, פּיש. איז ניט דער ווייטיק און סכנה, נאָר די באַליידיקונג האָט מיין פייערדיקן בלוט איבערגעזויפּט; איך האָב אָפּגעלאָזן די פּיאַטע, שטאַרק איבערגעבויגן זיך און מיטן שטעקן אין האַנט, אין דער צעטומלטער טונקלקייט, מיין שונא געזוכט.

איבערגעבויגן זיך און אַראָפּגעפאַלן! די פּיאַטע האָט דעם אָנהאַלט אָפּגעלאָזן, האָט זי שוין ניט געקענט כאַפּן אויף צוריק; געפאַלן בין איך צו דער ערד, אויף פּישעס שוך...

די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט. פּיש מיט אַ פולן האַלדז, און נאָך אים די נאַרישע שעפּסעלעך, האָבן געמעקט:

— הו—רא־אַ!

אַז איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אַריינגעקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין, האָט מיך עפּעס אַ מאָדנער ציטער צעטרייסלט, ווי פון אַ רויען בייסיקן פראָסט. אין די אויגן זיינען געלאָפן טרערן, אָבער איך האָב זיי געטריבן אויף צוריק. אָנשטאָט דעם האָב איך אַנטקעגן אים אַ קרומע בייסיקע ליפּן־מינע אויסגעשטעלט און געשריען פון בלוט:

— איי, דו!

— וואָס איז?

— פאַרן פוס האָסטו מיך אַרונטערגעשלעפּט!

(דאָס איז געווען קעגן אונדזערע מלחמה־געזעצן).

— וואָס רעדסטו עס, איך?!!

די באַקן האָבן ביי אים געפלאַמט, די אויגן געבליצט, די ליפּן מיט פולער זאַפטיקייט זיך אָנגעגאָסן; ס'היטעלע מיט קאָקאַרדע איז געווען נאָכלעסיק פאַררוקט אויף אַ זייט.

ער האָט זיך צו מיינע חברים אַ קער געטאָן, געגעבן אַ לאַך צו זיי מיט אַ פאַרריסענעם שטייפן געלעכטער, און נאָכדעם — צוריק צו מיר, אַ וויש מיט דער האַנט איבער מיין קאָפּ און אַ לייכטען שטויס אָפּ פון זיך:

— גיי אַוועק! שטרויענער יון, העלד! פאַרלאָרן, איז פאַרלאָרן...

און דעמאָלט האָב איך שוין ניט געוואוסט וואָס איך טו: איך האָב זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, דאָס היטעלע מיטן קאָקאַרדע געטראָטן מיט די פיס און מיט אַ צערייצטקייט געשריען:

— אַן רחמנות, פּיש! אַן רחמנות...

יינגלעך (נאַרישע שעפּסן) האָבן אונדז געוואָלט צענעמען. אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזן. מיט נקמהדיקע פויסטלעך געקראַכן פּישן גלייך אין פּנים אַריין און געשריען:

— אַן רחמנות, פּיש! זאָל איך אַזוי לעבן, אַן רחמנות...

אויפן שיפל

מיר בײדע, איך מיט מײן חבר הילקע, האָבן אָפּגעבונדן פון שטריק אַ שיפל, געגנבעט אַ פּאָר װעסלעס און אַװעקגעלאָזט זיך שיפלען איבערן טײך.

קײנער פון די הײמיקע האָט ניט געװאוסט װאוהין מיר זײנען אַװעק. אין שטעטל האָט דעמאָלט געגענעצט דער שבת, און די טאַטעס מיט די מאַמעס האָבן גערוט, געשנאָרכעט נאָזיקע זמירות, שלאָפנדיק אין פינצטערן אַלקער. ס'האָט זיך זײ אַפילו ניט געחלומט, אַז די ײנגלעך זײערע, צען־יאָריקע אומרואיקע שטיפערס, געפינען זיך איצט אַרום טײך...

ס'שיפל איז געװען אַ קלײנס, פונעם מין „נשמה־פאַרדאַרבער", פון קאָרע־הויט אויסגעפורעמט, גלאַטע, רונדע גלידער. פּלאַץ צו זיצן נאָר פאַר צװײען, און פילבאַר איז אָט דער „נשמה־פאַרדאַרבער", װי אַ האָז: אַ קלײן רירל, און ס'שיפל גיט זיך אַ בויג, אַ נערװעזן צאַפּל, דערלאַנגט שיר־שיר מיטן ראַנד צום גלאָזיקן װאַסער פון טײך.

די צײט איז געװען אַ פאַר־פסחדיקע; דער טײך אונדזערער, אַלעמאָל ניט זײער ברײט, ניט טיף, אַ בלוי, שמײכלענדיק אויג צװישן צװײ ברעמען: אײן ברעם — גריך, די צװײטע אַ קויטיקע, האָט זיך איצט פון װעסנעדיקן איבערפלוס, צעהוליעט און צעגאָסן. ס'אויג האָט ניט געקענט כאַפּן דעם װײטן פעלדיקן ברעג; און דאָ, בײם זוים־שטעטל, האָבן זיך אין מוטנעם אויפגעבורעטן װאַסער, װי זקנים, ביז צו די קני, געשװענקט װענט פון שפּײכלערס און שטאַלן, פּאַליעס פון שטיבער, קלעצער, װי צעפּוילטע פּיענעס, טאַרטשענדיקע פון דער ערד, אַרום װעלכע ס'װאַסער האָט געשוימט און געזאָדן, געשלונגען ריטשקעלעך, װעלכע זײנען שרײענדיק־טומלענדיקע, צעהוליעטע נאַראָנים, געלאָפן אין טײך, געקנײטשט כװאַליעס און צוגעפּאַטשט מיט זײ, ברוגזלעך כליאָפּטשענדיק צום ברעג.

מיר האָבן זיך אַרומגעשיפּט אַ לאַנגע צײט; אינמיטן־דער־װאָך,

אין דער צייט, האָט דאָ געקאָכט מיט לעבן: באַרקעס האָבן זיך גע־הרזשעט מיט משאות אין די שוואַרצע פעכיקע פּוזעס, גרויסע „דובן" האָבן איבערגעפירט מענטשן, פערד, וועגענער מיט פאַרריסענע האָלאַב־ליעס, איבערן טייך. פליטניקעס האָבן געבונדן קלעצער און באַפּעלצטע, גרין־באַגאַרטלטע פּאַליעסער וואָסער־אַטאַמאַנעס האָבן זיך אַרומגעשיפט, געהרעבעט ווּעסלעס מיט אַ געזונטן צוקרעכץ און געריסן העלדזער מיט גראָבע הייזעריקע שטימען; איצט אָבער, לכבוד שבת, איז אַ פרומע, רבנישע מידקייט געלעגן אויסגעשפּרייט איבערן טייך, אונטערגע־שמייכלט, געמאַכט צום נאָר די פאַרלאָזענע שטומע שיפן און פליטן; נאָר ס'וועסנעדיק וואָסער האָט זיך ניט געקענט איינשטילן; ריטשקעלעך האָבן אינדערוואַכעדיק געטומלט, און כוואַליעס האָבן זיך געקנייטשט, אָנגעלאָפן און געפּאַטשט ברוגזלעך־כליאַפּטשנדיק צום ברעג.

אָפּגעמאַטערט זיך, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט רוען אויף אַן אינדזל אינמיטן טייך. דאָ האָבן אונדזערע נאַקעטע פּיסלעך געזונקען אין קלעפּיקער געדיכטער בלאָטע פון פלאַכן פעלד, וואָס האָט זיך אונטערן וואַסער אונטערגעטויכט און קריכט שוין צוריק אַרויס. שוואַרצע פויגלען, מיט הויכע דאַרע פיס, זיינען אַרומגעשפּרונגען איבער די קאַמעס ערד און געקראַקעט אויפן קול. פּונקט אַנטקעגן אונדז אין שטעטל, האָבן זיך שוין די פענצטער פון דער מויער־שול מיט פאַר־גייענדיקן זון־פייער אָנגעצונדן, און די שויבן, ווי פלאַכע אויסגעקלאַפּטע גאָלד־בלעכן, האָבן געפלאַמט.

אָפּגערוט זיך, האָבן מיר ווייט „ס'נשמה־פאַרדאַרבערל" אָפּגעשטופּט פון ברעג. מיר זיינען געפאָרן אויף אַן אָרט, וואו זומער־צייט האָט זיך אַ קאַנאַט איבערן ברייט פון טייך געצויגן, געריבן זיך איבער דובאָווע פרענטן און געשלעפּט אַ שווימנדיקן פּאַראָם. מיר זיינען צו־געפאָרן צום „הושענות־פּלאַץ", צום קעסל־גרוב, צום שווים־אָרט; הילקע איז געזעסן ביים רודער, און איך האָב מיט דער ווּעסלע געשטופּט.

דערווייל האָט אויפן דעק פון שיפל גענומען זיך קלייבן וואַסער; אויבן זיינען אַרומגעשוואומען גרינע שעמעוודיקע אויגעלעך פון פעטקייט און אויל. אונדזערע באַרוועסע פּיסלעך האָבן זיך שוין אינגאַנצן געטונקט אין וואַסער, פינגער, פּיאַטקעס האָבן זיך געזעזן, און בלעזל־דיקע שטרעמעלעך זיינען פון ערגעץ־וואו צוגעקומען אַלץ נייע, אומ־געריכטע, נאָכאַנאַנד.

דער ערשטער האָט עס באַמערקט הילקע:

— זע... די שיף רינט; אַ סכנה. לאָמיר פאָרן וואָס שנעלער אַהיים.

האָבן מיר זיך אַ נעם געטאָן אַרבעטן מיט אַלע כחות. הילקע בײם רודער, און איך מיט דער װעסלע; געסאָפּעט, געשטויסן דאָס װאַסער, אַרײנגעשטאָכן אַ טיפן קאַרביקן שניט אין גלאָזיקן פלאַך פון טײך.

ס'איז געװאָרן שפּעטלעך. אַנטקעגן אונדז, אין שטעטל, האָבן זיך די פענצטער פון מויער־שול אויסגעלאָשן און מיט בלינדקייט זיך פאַרצויגן. ס'װאַסער איז געװאָרן אומרואיק־שװאַרץ. מיר האָבן נאָך געקענט זען דעם ברעג מיט הײמישע שטאַלן און שפּײכלערס, נאָר ס'איז געװען זײער װײט; פון װײטנס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר הערן דעם אומרואיקן קול פון רוטשײעס און דאָס כליאַפּטשען פון כװאַליעס צום ברעג.

רופט זיך אָפּ הילקע, מײן חבר, מיט די אײנגעצויגענע באַקן און אָפּגעהוילטע צײנער, צו מיר אַזוי:

— הער זיך אײַן, איך װעל דעם רודער האַלטן און טרײַבן, און דו לײדיק אויס מיט דער װעסלע ס'װאַסער פון שיף.

האָב איך אים געפאָלגט.

הילקע האָט געהרעבעט און דעם רודער געהאַלטן, און איך האָב די בלאָטקעס אַרויסגעפּלעסקעט, מיט די גרינע, שעמעװדיקע אײגלעך, װאָס זײנען פון אויבן אַרומגעשװאומען. איך האָב געאַרבעט געשװינד, אײַלנדיק, ביז װאַנען די דין־ברעטלדיקע װעסלע האָט זיך איבער־געבראָכן אויף צװײען, אַרויסגעפאַלן פון האַנט און אַװעקגעלאָזן זיך שװימען מיטן שטראָם.

— אוי! װאָס'טו עס געטאָן?

הילקע האָט אויף מיר אַ געשרײ געגעבן מיט אַ צערײצטן יונג־הינטלדיקן קול. זײנע אויגן זײנען גרויס געװאָרן און מאָדנע גרין.

— זעסט ניט? כ'בין ניט שולדיק. ניט מיט א כיון צעבראָכן. ס'איז אַן אומגליק געװען.

דאָס װאַסער האָט דורך אַ באַהאַלטענעם שפּעלטל שטיל־בורבלענדיק אַרײנגעשטראָמט. ס'שיפל האָט זיך, װי אַ בעכערל, גענומען אָנפילן. דער ראַנד האָט שוין דערלאַנגט צום גלאָזיקן װאַסער פון טײך.

אַ רגע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז הילקע האָט זיך אונטערגעגעבן און האָט דעם רודער אָפּגעלאָזן. זײנע שיטערע, אָפּגעדעקטע צײנער, אויף אַ צעשראָקענעם פּנים, האָבן זיך מיט מיר אַזוי װי גערײצט:

— מילא, פאַרפאַלן! אומשטײנס געזאָגט, װאָס ס'איז דאָ צו פאַר־לירן: דעם קױטיקן הויף, דעם טאַטנס שטיבל, די אָפּטרעטן בײם ברעג טײך...

נאָר הילקע האָט זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעגעבן. די גרויסע גרינע אויגן האָבן הונגעריק געקוקט פונדערווייטנס צום הימישן ברעג. רופט ער זיך אָן צו מיר אַזוי:

— הער זיך איין. איכ׳ל האַלטן דעם רודער, און דו זיץ שטיף, ריר זיך ניט און שריי...

האָב איך געפאָלגט.

געדענק איך, אַז מיינע קולות זיינען דעמאָלט געווען עפּעס מאָדנע: ניט די ליפּן האָבן זיך אַ ריר געטאָן, ניט די ליפּן און די ציינער; אַ קוויטש אַ ווילדער, אַ פאַרשטיקטער, האָט זיך געריסן פון דער רעכטער זייט האַלדז, געריבן זיך פּעפּערדיק אַרום די פלייש־ווענטלעך און אַרויסגעשפּרונגען, געטאַנצט איבערן וואַסער, דורך אַ ווינטל פון אַ פאַרקרימטער ליפּ:

— אי־י־י־י ההה!.

הילקע האָט צוגעהאָלפן; מיט אַ פאַרטויבטן שלוקערץ פון אַ קרעכצנדיקן חזן, אַ געוויין, וואָס רייסט זיך אַליין, ניט ווילנדיק, פון הארצן.

— האָ־אָ־האָי...

נאָר קיינער האָט אונדזערע קולות ניט דערהערט. דער נאָך־שלוש־סעודותדיקער עולם איז איצט אין מויער־שול באַשאָטנט געוואָרן, און אונדזערע טאַטעס האָבן קיין זאַך ניט פאַרדעכטיקט; ס׳האָט זיך זיי אַפילו ניט געקענט חלומען, אַז די יינגלעך זייערע, צען־יאָריקע אומרואיקע שטיפערס, געפינען זיך אַרום טייך.

דער ראַנד פון שיפל האָט זיך, ווי אַ ליפּ, מיטן וואַסער שוין קוים אָנגערירט. די מוטנעקייט האָט געדרייט גרויסע שווינדלדיקע רעדער און געוואונקען צו זיך.

האָב איך דעמאָלט אויפגעהערט צו שרייען, און געזאָגט צו הילקען מיט אַ שטילן געוויין:

— הילקע, מיר שטאַרבן, מיר ווערן דערטרונקען. וואָס וועט זיין?...

און צו דער מאַמען האָב איך דעם לעצטן הילפס־געשריי אַרויסגעשיקט:

— מאַמע, העלף!...

נאָר הילקע האָט קיין מאַמען ניט געהאַט, נאָר אַ שטיף־מאַמען. ער האָט די שיטערע ציינדלעך פאַרקריצט:

— ביוניע, שוויג... דריי זיך ניט; וועסט דאָס שיפל איבערקערן.

הער זיך איין: איך וועל דעם רודער האַלטן, און דו נעם אַראָפּ ס׳היטל, פּרואוו זיך אויסשעפּן ס׳וואַסער פון דעק.

האָב איך אים געפאָלגט.

דאָס צעקנייטשט יידיש היטעלע האָב איך פון קאָפּ אַראָפּגענומען, און מיט דעם, ווי מיט אַ קריגל, וואַסער געשעפּט, איבערגעגאָסן איבער דער פּאַרענטשע, מיט איילנדיקע, טרייסלענדיקע פינגער, און וויטער מיטן היטעלע אויליק וואַסער געכאַפּט; און הילקע האָט דערווייל מיט דער פאַרבליבענער וועסלע די שוואַרצקייט געשטויסן און אַריינגעשניטן אין שאַרפן גלאָזיקן קאַרב.

אַט פליט נאָכאַנאַנד דער וואַסערדיקער פלאַך. ס׳באַווייזן זיך שוין הינטער־ווענט פון באַקאַנטע שפּייכלערס און שטאַלן, קלעצער טאָרט־שענדיקע, באַוויסט מיט פּיענע; ס׳הערט זיך דאָס אַלצאייניקע שטיפן פון כוואַליעס, כליאַפּטשענדיק קונציק צום ברעג.

דאָס שיפל פליט אימפּעטיק צו, שנײדט זיך איין מיט דער נאָז אין ווייכער טאָפּיקער בלאָטע; דער ראַנד גיט זיך אַ בויג און אַ טרייסל. מיר פאַלן אַריין אין פלאַכן וואַסער ביים ברעג פון אונדזער היים.

— אַהאַ! אָנגעקומען! דערגרייכט פון וואַסער אַרויס! געראַטע־וועט!...

אַנטלאָפּענע

רואיק האָט זיך אונדז, חברה באָרוועסע פּיאַטקעס, אויפן שותּפות־דיקן הויף געלעבט, האָט דער מזל אָנגעטראָגן אַ נייעם חבר, ברוכקע דעם שרייבערס...

אַ יינגל אין אונדזערע יאָרן, אויך אין די ניינער־צענער; באַקאַנט האָבן מיר זיך אַרום דעם גלחס גאָרטן, וואו מיר האָבן געריסן גרינע אַגרעסלעך, דורך שטאַכעטן, מיט אַ ארייַנגעשטעקטן דינעם הענטל. זיין הויז איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן גאָרטן, אַ שמאָל געסל, מיט צעשורהטע בלאָטע־פּאַסן, פון דורכפּאָרנדיקע גויאישע וועגענער, איבּ־מיטן. ער האָט טאַקע אויף די גרינע אַגרעסלעך געהאַט די חזקה.

אונדזער שלומקע דער יתום, מיטן רינענדיקן אויער און צעוויקטער מאָרדע, האָט זיך דער ערשטער צו אים צוגעשאַרט און מיט אַ אָרימן קולכל געבעטלט:

— אַגרעסן קלייבן... אַ פּאָר אַגרעסלעך...

און הילקע, דער „פּראַקטישער", האָט אים אָנגעבאָטן:

— קום צו אונדז, אויפן הויף, זיך שפּילן. מיר האָבן אַ „פּאָזשאַ־רנע" אַן אייגענע און שקצים גיבן אונדז אומזיסט צאַצקעלעך. קום!...

איז ברוכקע געווען ניט פון די וואָס לאָזן זיך לאַנג בעטן און ער איז טאַקע געקומען.

זיינען מיר שוין אַלע צוזאַמען אויפן גרין־מאָכיקן דעכל געזעסן און ברוכקע, דער נייער חבר אונדזערער, אינמיטן.

אַ מאָדנער יינגל איז ברוכקע, גאָר ניט קיין אונדזעריקער. רעדט ער, איז ס'ציגנגל זיינס, ווי אַ קופּערן שטויסל אין אַ סטופּע, וואָס קלאַפּט פּעפּער און צעבלאָזט אויפן ווינט. זיין קולכל אַ פריילעכס, ווי טייכלדיק וואַסער, וואָס בורבלט אַרום פּאָליעס און באַלעקט זיך מיט אַ כליאָפּ. אַלץ ווייס ער, וואָס עס טוט זיך אויף אונדזער הויף, אויפן צווייטן, אויפן דריטן; אָקאָרשט געקומען און וויל שוין איבעראַנדערשן דעם גאַנצן סדר, וואָס איז מיטן גרינעם מאָך פּאַרטריקנט געוואָרן דאָ, אויפן הויף.

צעשרייען זיך די מאַמעס.

— היל—קע—ע!

— ש—לום!

— פיוו—קע!

צאַפּלען מיר זיך אויפן דאַך, ווי העזלעך, און די באָרוועסע פּיאַט־קעס הייבן זיך שוין אָן צו גליטשן אַרונטער, אָפּענטפערן אויפן מאַ־מעשן רוף.

נאָר ברוכקעס גרוי־קעציִשע אויגן צעשטעלן זיך מיט עיגולדיקער שטייפקייט און ס׳צינגל מאַלט שנעל, ווי אַ שטויסל אין סטופּע:

— „פּאַזשאַרניקעס״! ניט קריכן אַראָפּ! זאָל מען ווייטער שפּילן! אַ־האַ־אַפּ!

בלייבן מיר שוין זיצן, געפּלעפּטע פונעם נייעם חברס ניט־געע־הערטער העזה. אַפילו פּיווקע „סקאַלאַזוב״ ווייזט, ניט וועלנדיק, זיין מורא אַרויס:

— וואָס זאָל מען טאָן אַז די מאַמע רופט —

— מאַלע וואָס זי רופט! —

אַזוי ענטפערט אָפּ ברוכקע מיט אַ האַנט־מאַך, ווי אַ דערוואַקסן קאַלטבלוטיק יידל, און פויזעט אַוועק בריהש איבערן פייכט־ברעטיקן דאַך.

— הילקע!

— שלום!

— פיווקע!

מיר זיצן מיט אויפגעשפּיצטע אייגלעך, צוטומלטע ראָצן, און רירן זיך ניט פון אָרט.

ברוכקען שלאָגט מען אין דער היים, דער טאַטע זיינער שלאָגט אים. אַ דאַרער בייזערדיקער ייד, מיט אַ שאַליק אַרום האַלדז, אַ לאַנגלעך־בלאַס פּנים, מיט בייזער פאַרשלאָפנקייט צווישן די קנייטשן, ווי אויפגעוועקט פון אַ שלעכטן חלום, און מיט געפּלאָנטערטע פּיס. אַז ער שלאָגט אים, וואַרפט ער אים אַוועק אויף דר׳ערד און זעצט מיט די געפּלאָנטערטע בושל־פיס איבער אַלע חלקים פון קערפּער, וואו ס׳מאַכט זיך, און סאָפּעט מיט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ. ברוכקע רעוועט דעמאָלט גראָב, מיט אַן איינגעשפּאַרטן טרובע־קול, וואָס דרייסט די אויערן און מאַכט זיין טאַטנס צעוואָסערטע גרויס־ עיגולדיקע אויגן גרעסער און פוסטער. אונדז האָט מען אויך געשלאָגן, נאָר ניט אַזוי... אַז ס׳האָט זיך געעפנט אַ פענצטער אין אַפּטייקערס שטוב, זייגען

מיר אַריבער פון דאַך אויפן פלויט, געזעצט זיך רייטנדיק און ביים אַפּטייקערס קינדער גענומען זיך בעטלען:

— באַליעס, גיב אַ צאַצקע...

— נאַנקע, אַ צאַצקעלע...

ברוכקע איז צוזאַמען מיט אונדז געזעסן און געבעטלט, נאָר גאָר אויף אַן אַנדער אופן: ער, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט „גיב", איז געווען אַ שטייפקייט אין זיין קול, אַ מין מאָנונג און אויפפאָדערונג, ווי ער וואָלט אַליין אַ חלק אין די צאַצקעלעך געהאַט; מיר האָבן דעם „גיב" אויסגעוויינט, ער האָט אים אויסגעקרייעט, און צו אים זיינען טאָקע געדיכטער געפאַלן שווערדלעך אָן הענטלעך, פערדלעך אָן פיסלעך, פייפלעך און טרובעלעך. ער האָט זיך אָבער ניט באַ־נוגנט; ס'העלדזל האָט נאָכאַנאַנד געגאָרגלט מיט אַ צונג־צוכליאַפּ און איינגעשפּאַרטקייט:

— באַליעס, גיב!

— נאַנקע, נאָך... נאָך...

שפּעטער אָבער, אַז ס'קומט צו דער חלוקה, איז ברוכקע אַ געוויינלעכער שותף, איינער פון אונדזערע. זיין הונגער צום אַפּטייקערס צאַצקעלעך האָט זיך איינגעשטילט. דער גאַנצער אוצר איז אַוועק אויף שמירה צו מיר, דעם קלענסטן און שוואַכסטן, און איז פאַרשטופּט געוואָרן אין קלייטל, אונטערן קאַסטן, אין אַ לאָך...

קלייבט זיך דער נייער חבר אוועקצוגיין און מיר ווילן אים ניט לאָזן: בעטן מיר זיך: אפשר נאָך אַ שפּיל אין „פּאָזשאַרניקעס"? אפשר אַ גיי צום טייכל? אַ פּאָר צום גרינעם, שטיל־דאָרפיקן ברעג טייך, אַריבערן פּאַראָם?

אָבער ברוכקע האָט קיין צייט ניט: אין צווייטן עק שטעטל, לעבן קוזניע, וואו קינדער שניידן זאַמד מיט האַקמעסערס און פּאַקן אין קעסטלעך אויסצופוצן הויפן און דילן, איז היינט אַ מלחמה. ער, מיט זיין „חברה" ייִנגלעך און שקצים, אַנטקעגן אים אַ צווייטע פייַנטלעכע חברה. איז דאַרף מען אַלץ צוגרייטן, העלצער, פלעקער, קופּעס שטיינער, ס'זאָל נאָכדעם ניט אויספעלן. ער איז אַ פירער. אפשר ווילן מיר, וועט ער אונדז אין חברה אַריינעמען; אַז ניט, קענען מיר זיך אַזוי גיין, קוקן אַהין...

גייך, גיין — נישט, כאָטש ס'ווילט זיך און ס'האַרץ ציט... לעבן קוזניע איז דער בית־עולם. אַ רואיקייט דאָרטן! שטילקייט פון פּאַר־קאַנעס, זאַמד און קברים. און דער האַמער אין קוזניע קלאַפּט אויס

שטיקער קינדערשע מורא און צעדריבלט אין דער פוסטער לופט, שלומקען דערמאָנט זיך זיין טויטע מאַמע, פּיווקען — זיין פעטער, דער פישער, וועמען אַ פויער האָט אָראָפּגעשטופּט פון שיפל אין וואַסער. נאָר, גיין — ניט: אַ מלחמה איז צו העזהדיק און גיין אַהין איז צו ווייט...

אויף מאָרגן, ווען ברוכקע קומט ווייטער צוגיין, באַפאַלן מיר אים, ראַצן אָנגעשפּיצטע, מיט נייגעריקע פראַגעס:

— נו? די מלחמה, ווי אַזוי איז געווען?...

ער, מיט זיין פריילעכן שטויסל־צינגל:

געוואונען. זייער „חברה" אויפן זאַמד, מיר — אויף די פּאַרקאַנעס. „קריוואונען" געפּלעט דעם קאָפּ „קאָסאָיען" צעבלוטיקט אַ ליפּ. פאַריאָגט זיי צום בית־עולם, שבת בייטאָג נאָך אַ מלחמה. אַז איר ווילט, קען איך אייך אין „חברה" אַריינבעמען. אַז ניט, קענען מיר אַזוי גיין, קוקן אַהין...

פּיווקע קען זיך מער ניט איינהאַלטן, ער גיט נאָך:

— ברוכקע אין „חברה" נעם מיך אַריין...

זיצן מיר ווייטער אויפן גרין־מאַכיקן דעכל און שמועסן, ברוכקע אינמיטן.

ער גייט באַלד אַוועק, אין דער גבירישער גאַס גייט ער איצט. גוואָרנאַנטקעס זיינען דאָרטן אין די הייזער פאַראַן: אויסגעפּוצטע מיידלעך, מיט לאַכנדיקע אויגן, וואָס קומען פון פרעמדע שטעט. איז גיבן זיי אומזיסט ביכלעך מאָדנע, מיט בילדלעך שיינע, ניט אַזעלכע ווי מען לערנט אין חדר, און אַז מען וויל, לערנען זיי אויס לייענען פון די ביכלעך, מעשות פון בערן, פון וועלף און האָזן, פון באַנען, וואָס לויפן אַליין מיט פאַרע און מאַכן טשו־טשו. אַז מיר ווילן, קאָנען מיר אויך אַזעלכע ביכלעך קריגן, אויב מיר וועלן גיין מיט אים.

ביכעלעך אַזוינע ווילט זיך האָבן זייער שטאַרק, נאָר גיין אויף דער גבירישער גאַס איז העזהדיק, כאָטש ס'ציט. דאָרטן וואַקסן אַלטע נגידיש־אָנגעכמורעטע ליפּעס; אין האַרבסט הודזשען זיי ברוגזדיק און באַשיטן די גאַס מיט טרוקענע געלע בלעטער, וואָס הורבען זיך לייכט־וואָגיק און קנאַקן אונטערן באָרוועסן פוס. איין שלומקע, דער יתום, מיטן רינענדיקן אויער און בעטלענדיקן קולכל, האַלט ניט אויס. ער בעט זיך:

— ברוכקע! נעם מיך. איכל מיט דיר גיין...

זיינען זיי אינצווייען אַוועקגעגאַנגען און געקומען צוריק מיט ביכלעך אין די הענט.

זיצן מיר ווייטער אויפֿן גריך־מאַכיקן דעכל און ברוכקע דער־ציילט אונדז אַ שפּאָגל־נייעם סוד:

— איר ווייסט? כ'קלייב זיך באַלד אַנטלויפֿן פֿון דער היים...

— האַ־אַ־אַ?

— אַזוי!

— טאַקע? ווי אַזוי?

— צופֿוס וועט ער נעמען און אַנטלויפֿן: אין אַן אַנדער שטאָט, אין אַ גרויסער שטאָט. דאָרטן איז אַלץ אַנדערש, די שטיבער, די גאַסן, די מענטשן. די שטיבער זיינען דאָרטן געפּאַרבטע, שיין־געפּאַרבטע, ניט ווי ביי אונדז דאָ, און די גאַסן זיינען געברוקירטע, מיט שטיין אויסגעבעטע פֿון אָנהויב ביזן סוף. און אַן אסטראָג אין דאָרטן פֿאַראַן און אַ „סוד" און אַ שטוב, וואָס רופֿט זיך „קאַזנאַטשייסטווע" איז דאָרטן אויך פֿאַראַן. ער האָט זיך ניט לאַנג מיט אַ ייִנגל פֿון „שטאָט" געטראָפֿן, האָט יענער געטראָגן אַ קאָקאַרדע אין היטל, גילדענע קנעפּ, אַ ייִנגל אַזוי ווי אַלע, און איז געגאַנגען, ווי פּריצל אָנגעטאָן. ער האָט שוין מיטן ייִנגל אָפּגעמאַכט, וואו זיי וועלן זיך דאָרטן טרעפֿן. שפּעטער אַביסל וועט ברוכקע, ווי אַ גאַסט, אויף יום־טוב אַהיים קומען צופֿאָרן, מיט גילדענע קנעפּ, מיט קאָקאַרדע אין היטל. וואָס וועט דער טאַטע אויף אים דעמאָלט זאָגן? וועט ער זיך אפשר שלאָגן? יע?...

מיר קוקן אויף אים, ראַצן אָנגעשפּיצטע, מיט נייגעריקע אויגן. ברוכקע רוקט זיך פֿון אונדז ווייט־ווייט אָפּ, ווערט עפּעס מאָדנע גרויס.

טאָמער וועט ער פֿאַרבלאָנדזשען?

— פֿאַרבלאָנדזשען... ווי אַזוי? אַז דער וועג איז אַ גלייכער. גיי גלייך — גלייך נאָך די טעלעגראַפֿישע סלופּעס און דער דראָט ציט זיך אַוועק אַהין, אַזש ביז דער „קאַזנאַטשייסטווע" אַריין...

— איז האָט ער גאָר ניט מורא? טאָמער ביינאַכט אַליין?

ברוכקע מיטן שטויסל־ציגל, וואָס קלאַפּט אינווייניק אויף די באַקן אין דער ברייט:

— האַ? ער? מורא? ניט פֿאַרן בית־עולם, ניט פֿאַר שדים און ניט ביינאַכט אַליין.

— איז עס טאַקע אויף אַן אמת? ער גייט?

— אַוודאי, אויף אַן אמת! אויב מיר ווילן, קען ער אונדז צו זיך אין חברה אַריינגעמען, ווער ס'וויל, קאָן גיין מיט אים.

ווען עס ווערט נאַכט און מיר קריכן אַראָפּ פון פּאַרקאַן, שטעלן מיר די באָרוועסע פּיאַטעס אויף דער ערד און מיר צעלויפן זיך איינציקערווייז אַהיים. אויף דער משופּעדיקער קאַנאַפּע, וואו איך שלאָף, צווי פּיסלעך העכערע, צווי אונטערגעהאַקטע, ליג איך און קלער און האַלט אָפן די אויגן. ס'וועגטל פון קאַנאַפּע איז מיט ברוינעם פּאָליטור אויסגעשמירט, איך טונק אַ פינגער אין שפּייעכץ און שרייב אויפן ברוינעם וועגטל. דער לאָק טריקנט די ווערטער אָפּ און איך שרייב איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

ברוכקע! ברוכקע אַנטלויפט פון דער היים...

* * *

צווייען האָבן מיר זיך געלאָזן איבעררעדן: איך און שלומקע דער יתום, מיטן בעטלער־אויג און ריבענדיקן אויער. זאַלבעדריט זיינען מיר אַנטלאָפן פון דער היים...

באָרוועסע, מיט איינגעשמוצטע פּיאַטקעס, היטלעך אַנגערוקט אַריבער די פּאות, האָבן מיר זיך אַראָפּגעגנבעט פון הויף צום ברעג טייך, פאַרביי ברעג און דורך קאַנאַוועס טאַפּיקע אַריבערגעכאַפּט זיך צום צווייטן עק שטעטל. דורך אַ זאַמדיקער גאַס, באַצייכנט מיט קלאָען־טריט פון דער סטאַדע, וואָס קערט זיך דאָ אום אַלע פאַרנאַכט פון פעלד איבער פּאַרקאַנעס און צום דאָרפישן קאַלווראַט, וואָס האָט אונדז געעפנט דעם וועג צו דער ברייטער וועלט...

אויף יענער זייט קאַלווראַט האָבן מיר זיך צוגעזעצט אָפּרוען און ברוכקע האָט אונדז געפּראַוווט צוגעבן מוט:

— אַז מירן קומען אַהין... אירט שוין זען! ססשש... אַן אַסטראָג, אַ „סוד”, קאַזנאַטשייסטווע, און גאָלדענע קנעפּ וועלן מיר טראָגן, גאָלדענע קנעפּ...

דער וועג איז געווען אַ שמאָלער; פון דער רעכטער זייט — קאָרן־פעלדער, שלאַנקער זאַנג מיט אָנגעגאָסענעם קעפּל, הויך ביז אונדזער יינגלשן וואוקס, אינעווייניק האָט עמיצער געטשירקעט, ווער — האָבן מיר ניט געוואוסט. פון דער צווייטער זייט — נידעריקער זייט — אָנגע־וואקסן ווילד־גראָז, וואָס האָט זיך געבאַרשטן אַראָפּ, טיפער, ביזן טייך, וועלכער האָט זיך אַהערצו געצויגן, ווי אַ בלויער גלאַנציקער עק פון אַ חיה, וואָס איר קאָפּ איז געלעגן צווישן פּאַליעס און אָפּטרעטן דאָרטן אַרום אונדזער הויף...

פון ווינט האָט דער טעלעגראַפּישער דראָט געזשומעט און ברוקקע האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין:

— אין דראָט איז אַ טרייבל פאַראַן. דורכן טרייבל לויפן איצט בריוועלעך גלייך אין קאַזנאַטשייסטווע אַריין...

— איז, אַז מיר זאָלן זיך אין טרייבל אַריינגנבענען, וועלן מיר גלייך אַהינצו קומען צופליען.

פליען איז דעמאָלט געווען אַזוי לייכט און ס'האָט זיך געוואָלט, נאָר ברוקקע האָט ניט דערלאָזט:

— מ'קען ניט, מ'קען ניט! אַ בריוועלע — יע, נאָר מיר — ניט...

אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אינעם ערשטן דאָרף, זיינען מיר שוין פאַרמאַטערטע געווען! די קנעכלעך האָבן וויי געטאָן און די פיאַטקעס די באָרוועסע, און אין האַרצן האָט געחלשט, עסן האָט זיך געוואָלט.

דער דאָרף איז געווען אַ בלאָטיקער און דער בלוי־גלאַנציקער עק פון טייך האָט זיך שוין אויך באַהאַלטן. די פויערים אין לאַפּטיעס, מיטן גראָב־לייוועטענעם ריזה, האָבן שלומקען דערמאָנט די היים, דעם שענק, וואו אַרום אַן אומגעהובלעוועטן טיש זיינען פויערים געזעסן, געטרונקען בראָנפן, פאַרביסן מיט טאַראַנעס און באַלעקט זיך מיט ליאָק. ער האָט זיך פאַרבענקט, איך צוזאַמען מיט אים.

מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט און שטילערהייט גענומען וויינען.

מען האָט דעמאָלט געדאַרפט אָנקוקן ברוקקען. ווי אַ קרעמין האַרט איז ער געוואָרן. זיינע גרוי־קעצישע אויגן האָבן זיך צעשטעלט מיט עיגולדיקער שטייפקייט און שפּאָט:

— משיחלעך... גאָלדענע קנעפּ האָט זיך אייך געוואָלט! איי, איר!...

און מיט גוטן האָט ער אונדז געפּרוּווט איינרעדן:

— וואַרט! מיר וועלן אַהין קומען צוגיין... איבער ברוקירטע טראָטואַרן וועל איך אייך נעמען שפּאַצירן. אַלץ איז דאָרטן אַנדערש, ווי ביי אונדז; שענער און בעסער. און פאַזשאַרניקעס וועלן מיר דאָרטן ווערן, אמתע, מיט מעשענע היטלעך און אָדלערלעך. שטיוול וועלן מיר טראָגן מיט לאַקירטע כאַליעוולעך. אַהינצו איז שוין ניט וויט; באַלד וועלן מיר אַ גאָלדענעם שפּיץ פון „קאַזנאַטשייסטווע" פון דער־ווייטנס דערזען; קומט!...

* * *

ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן: איך און שלומקע דער יתום האָבן זיך אומגעקערט אַהיים צוריק פון מיטן־וועג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען ברוכקען געבראַכט צופירן; אַ געבונדענעם אין שטריק, אויף אַ סקריפּנדיקן פויערשן וואָגן, מיט אַ נייעם גלאַנץ אין די גרוי־קעצישע אויגן, נאָך העזהדיקער און פאַר־שלאָסענער, ווי געווען.

אַז מיר זיינען געגאַנגען צום גלחס גאָרטן רייסן גרינע אַגרעס־לעך, האָבן מיר געזען, ווי ברוכקע ליגט אויף דער ערד און דער טאַטע זיינער, דער ביינערדיקער ייד מיטן בייז־פאַרשלאָפענעם פנים, זעצט אים מיט די שפּיצן פיס אין די ריפּן־ווינקלעך. ברוכקע האָט אַראָפּ־געצויגן אַ פאַרעקשנטן ברעם און דורך אַ שפּעלטל געקוקט מיט חוזק און פאַרביטערטקייט צו אונדז...

אונדז האָט מען אויך געשלאָגן, נאָר ניט אַזוי...

געוועזענע קינדער

איך פֿאַרשטיי ניט, ווי אַזוי דער אַלטער מיכל האָט אויסגעפֿונען, וואו איך וואוין. שוין אַזאַ צייט, אַז איך האָב זיך פֿון מיינע „לאַנדס־לייט" דערווייטערט. אָבער מיט מיין דערווייטערן זיך, האָב איך זיך נאָך ניט אויסגעשלאָסן פֿון כלל; הפּנים, אַז דער געטרייער „לאַנדסמאַן" פֿונעם אמתן אמאָליקן מין, האַלט חשבון פֿון יעדן טראָפּן אייגן, היימיש בלוט און לאָזט עס ניט אַוועק פֿון אויג.

אַזוי, אין אַ זונטיק בייטאָג, לאָזט ער זיך אומגעריכט אַריין, דער־לאַנגט מיר אַ „שלום־עליכם", אַן אַלט־מאָדישע ציטערדיקע האַנט, פֿלייסט זיך מיין דלאָניע ריכטיק פֿאַרקוועטשן, אַז מען זאָל זיך גלייך דערמאָנען, ס'איז ניט סתם אַן אַלטינקער, נאָר דער אַמאָליקער מיכל דער גביר. ער קוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט אַ היימישקייט און גוטסקייט און די אַלטע שיטערע ברעמען זיינע טרייסלען זיך פֿון האַרציקער התפּעלות.

— וועלוועלע, וואָס מאַכסטו? עט־עט־עט, אַזאַ צייט ניט געזען דיך, ניט געהערט פֿון דיר גאָרנישט! וואָס שרייבט מען פֿון דער היים? וואָס מאַכסטו אַליין, מיין קינד?

ער דריקט נאָך פֿעסטער אַריין מיין דלאָניע און לאָזט זי גאָרניט אָפּ. אין זיין טרייסלענדיקן קוועטש דערפֿיל איך אָבער גלייך אַ געמאַכט־קייט. עפּעס דערהער איך, אַז דעם אַלטנס התפּעלות איז היינט אַ פֿאַרגרעסערטע, אַז ניט סתם אַזוי באַזוכן מיך איז ער געקומען, נאָר מיט אַ באַהאַלטענעם מין. דעם סוד זיינעם, דעם אמת גערעדט, בין איך ניט שטאַרק נייגעריק צו וויסן; נאָר זיין היימישקייט ווירקט אויף מיר מאָדנע: כ'דערפֿיל זיך יינגליש, צעטומלט, פֿאַרלאָרן; כ'שטרענג זיך אָן ניט צו רויטלען זיך אין די באַקן; מער ווי דאָס האָט מיר ניט געפֿעלט...

— רב מיכל! זיצט! רוט אָפּ! אַזאַ גאַסט! כ'בין אַזוי צופֿרידן!

דער אַלטער לאָזט זיך אָבער ניט באַדינען. ער לאָזט אָפּ מיין

האַנט, זוכט אויס אַ ווינקל און שטעלט אַוועק זיין שטעקל מיט ישוב הדעת, נאָכדעם דערלאַנגט ער זיך אַליין אַ שטול און זעצט זיך אַנטקעגן מיר אַוועק.

— וועלוועלע! איך קוק דיך אָן. דער אייגענער, דערזעלביקער; טע־טע־טע, אויסגעוואַקסן, קיין עין הרע! נו, דערציייל עפּעס, מיין קינד!

איך קוק זיך איין אין דעם אַלטן. ער זעט אויס ווי אַ קאַרטש אַ פאַרעלטערטער, מיט גרוי־ערד אַ געמיישטער, אָבער נאָך גאַנץ שטיף. ער מוז שוין זיין אין די הויכע זיבעציקער, אָבער קיין ברילן טראָגט ער נאָך ניט; די פאַדערשטע ציינער זיינע, געלבלעכע, אָפּגענוצטע, אָבער נאָך גאַנץ שטייפע, שמייכלען אַרויס לבנהדיק פונעם צעקנייטשטן וואַלקן־פאַרביקן מויל. די ברוסט שטרענגט ער זיך אָן אַרויסצושטעלן פאָרויס מיט אַ געמאַכטן גבירישן שטאָלץ. אָנגעטאָן איז ער שוין צו מאָדיש, „פּראַנצויזיש", אין אַ קרוצן ראָק, קורצלעכע הויזן און שפּיציקע גלאַנציקע שיך. אָבער יעדע זאַך איז ריין, ציכטיק, אָפּגעפּוצט און צוגעשפּיליעט, מיט אַן אָנשטעל פון אַריסטאָקראַטישקייט, מען זאָל ניט באַמערקן, אַז די זאַכן זיינען געשענקטע פון אַ פרעמדן יינגערן גוף...

— נו, רב מיכל? ווי גייט איך? ווי לעבט זיך? וואו געפינט איר זיך איצט?

כ'זע, אַז מיין פראַגע האָט אַ שטאָך געטאָן דעם אַלטן מיט דער אומגעריכטקייט פון אַ שאַרפער שפּילקע; אַ בייזקייט האָט אַ כמורע געגעבן די אַלטע, קלוגע, גוט־גרויע אויגן, ער טרייסלט זיך אָפּ מיט דער הויט־קאַרביקער האַנט.

— עט, וועלוועלע! אַזוי זיך, גאַרנישט; מ'שטיינס געזאָגט, וואָס ביי אַן אַלטן קען זיך הערן. עט־טע, וועלוועלע! פאַרלעבט זיך; צו לאַנג, צו פיל שוין; דערציייל דו בעסער: וואָס הערט זיך ביי דיר? וואָס שרייבט מען פון דער היים?

צופעליק האָב איך געהערט (אַזוי זיך, פון איין אויער אַריין, פונעם צווייטען אַרויס) אַז מיכל וואוינט מיט זיינע קינדער; אַז זיינע קינדער האָבן זיך דאָ זייער גוט אַרויפגעאַרבעט און אַז זיי שטעקן שוין העט־ווייט! פאַבריקאַנטן, „ריעל־ עסטייט"־לייט, סוחרים בראָדווייער, צוטרעטן צו זיי איז גאָר ניט אַזוי לייכט. באַקאַנטע, וועלכע געדענקען זיי, אַז זיי זיינען נאָך קאַראַפּוזעס געווען, סתם יינגלעך און מיידלעך און אַז מען דערהערט איצט וועגן דעם גאָלדענעם כשוף, וואָס האָט זיך אויף

זיי אָנגעטאָן, קענען זיי עס גאָר ניט באַגרייפן און מען שמוצערט צו קנאַהדיק מיט די ליפּן:

— האָט מען זיך עס אויף זיי געקענט ריכטן? גבירים אַדירים! און איך געדענק זיי דאָך, אַז זיי האָבן זיך נאָך אַרומגעשלעפּט מיט צעריסענע הויזן.

דעם אַלטן מיכלען געדענק איך פון דער היים, ווי דורך אַ קריש־טאַל־גלאָזיקן פאַרקלענערדיקן חלום; כ׳בין דעמאָלט געווען אַ קינד. מיין ערשטער רבישער חדר איז געווען ביי אים אין הויז. ס׳שטייט מיר פאַר די אויגן זיין שטוב, אויף אַ בערגל, לעבן ברעג פון אַ טייכל. איין האַלבע שטוב האָט פאַרנומען זיין שניידער וואַרשטאַט, די צווייטע האַלב — דער חדר. ער פלעגט אָבער ביי דער אַרבעט לאַנג ניט איינזיצן, פלעגט אַלע ווילע צוזעצן זיך צום רבין, גלעטן רעדנדיק זיין פיר־קאַנטיקע, שיין פאַרקעמטע באָרד, וואָס יעדעס הערעלע פון איר פלעגט, ווי אַ זייד־פעדימל ווייסן זיך און גלאַנצן. אויגן האָט ער געהאַט אַנדערע, ווי ביי אַלע דערוואַקסענע לייט און מיר, קינדער, פלעגן זיך פאַר זיי גאָר ניט אָפּשרעקן, דער געשפּרעך פלעגט זיך ציען געוויינלעך אַזוי:

— רבי, וואָס זאָגט איר? כ׳וויל אַוועקפאָרן פון שטעטל. אין לאָנדאָן וויל איך פאָרן!...

דער רבי פלעגט אויסשטעלן אַ פּאָר תמעוואַטע אָקסענע אויגן, ווי איינער זאָגט:

— משוגע צי חסר דעה? וואָס וויל ער פון מיר? וואָס קען איך אים זאָגן וועגן לאָנדאָן?...

ער:

— רבי! אַ וועלט איז דאָ? אַן אָרט איז דאָ פאַר אונדזערן אַ מענטשן, אַ בעל מלאכה? אַרויסרייסן וויל איך זיך פון דאַנען; אין לאָנדאָן וויל איך פאָרן...

סוף־כל־סוף האָט ער זיין פּלאַן אויסגעפירט; פאַרקויפט זיין שטיבל, וואָס אויפן בערגל און אַוועקגעפאָרן מיט דער גאַנצער פאַ־מיליע אין לאָנדאָן. מ׳קען זיך פאָרשטעלן, ווי מיר, יינגלעך, האָבן זיך דעמאָלט געחדושט, מקנא געווען די אַוועקפאָרנדיקע. „לאָנדאָן״ איז פאַר אונדז געווען אַ כשוף־וועלט...

דאָ אין אַמעריקע, איז ער שוין אַ סך יאָרן. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין מיין ערשטער „גרינער״ צייט. געוואוינט האָט ער דעמאָלט אין בראָנזוויל און געווען אַ באַשיצער און האַרציקער גאַסט־

אויפגעמער פֿאַר די ערשט־אַריבערגעקומענע „לאַנדסלײט”, װעלכע האָבן זיך אין זײער פֿאַרװאָגלטער אײנזאַמקײט געגויטיקט אין אַ גוטן װאָרט און אַ פֿרײַנטלעכן אויג. צו אים האָט מען מיך געבראַכט צופֿירן און, ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך בין בײ אים אין הויז פֿאַרבליבן אַ „באָרדער” אַ שטיק צײַט.

קײן גביר איז ער דעמאָלט ניט געװען. ער, מיט די קינדער זײַנע, שײנע געראָטענע טעכטער, װעלכע זײַנען פֿאַר דער צײַט אויסגע־װאַקסן, אַז ס'איז שװער געװען אין זײ צו דערקענען די אַמאָליקע שטעטלדיקע „מוידן” בײם ברעג פֿון טײכל. אַלע פֿלעגן פֿאַרטאָג אָװעקלאָזן זיך אין „שטאָט”, אין שאַפּ אַרײַן אַרבעטן; פֿאַרנאַכט, אַז ער פֿלעגט קומען פֿון דער אַרבעט צוריק און געפֿינען מיך אַ פֿאַר־כמורעטן, פֿון אײנזאַמקײט אַ פֿאַרביסענעם, פֿלעגט ער צוגײן און אַרויפֿלײגן אַ גוטע װאַרעמע האַנט פֿרײַנטלעך מיר אויף דער פּלײצע:

— װעלװעלע, װאָס מאַכסטו? װי גײט דיר אין אַמעריקע? עט־עט, חברה־מאַן, ניט געזאָרגט זיך, ס'װעט זײַן גוט...

שפּעטער, אַז איך האָב זיך פֿאַנאַנדערגעטשוכעט, געעפֿנט די אויגן, האָב איך באַמערקט מיכלס טעכטער! צו דער ײנגסטער, בײלקען בין איך ניט גלײַכגילטיק געװען.

אָ! ס'איז ניט געװען קײן ליבע. ס'איז בלויז געװען אַ לײכטער, ליכטיקער פֿאַרגעניגן צו קוקן אויפֿן דינעם שלאַנקן מײדל מיטן ברוינעם קאָפּ־האָר, װאָס יעדעס הערל פֿלעגט, װי אַ זײַד־פֿעדימל װײכן זיך און גלאַנצן, מיט אַ פּאָר בלויע לאַכנדיקע אויגן, װאָס קענען, דאַכט זיך, אַנדערש װי בלוי־פֿרײדיק ניט לײכטן און דאַרפֿן צואװינקען צו אַלץ, װאָס זײ זעען און הערן:

— גוט אַזוי! שײן אַזוי! אַנדערש האָט גאָר ניט געקענט זײַן...

איך בין דעמאָלט, אין די ערשטע „גרינע” צײַטן, מאָדנע אומ־רואיק געװען. אַן אומגעדולד האָט מיך פֿאַרכאַפּט, אַ הונגער, װאָס האָט זיך מיט קײן אײן זאַך ניט געקענט זעטיקן און געזוכט נאָך און נאָך; װאָס האָב איך דעמאָלט ניט אויסגעפּראָװוט? בײ װעלכע אַרבעטן האָב איך ניט איבערגעאַרבעט? אַ טאָג, צװײ, אָבער קײנמאָל ניט לענגער װי אַ װאָך. אָט בין איך אַ שנײַדער, אַ פֿאַרבער, אַן אײַנבינדער, אַ פֿאַבריק־אַרבעטער; אָבער דעם גרעסטן טײל צײַט האָב איך זיך אַרומגעשלאָנדערט פֿאַרטאָג איבער די גאַסן זוכן אַ „דזשאָב”. אָט דער פֿאַרטאָגיקער אויפֿשטײן, דער פֿאַרטאָגיקער קאַלטלעכער ציטער, דאָס באַקענען זיך אין גרויער פֿאַרשלאָפֿנקײט מיט אומבאַ־

קאַנטע צושווימענדיקע שאָטנס־מענטשן, די אומבאַשטימטקייט און האַרץ־קלאַפּעניש פון זוכן, האָבן פאַר מיר געהאַט אַ מאָדנעם רייץ און באַרואיקט מיך. איינזעצן זיך אויף איין אָרט האָב איך מורא געהאַט, ס׳האָט זיך מיר אַזוי ניט געוואָלט.

מײַנע דעמאָלטדיקע גליקן איז זיך לײַכט פאַרצושטעלן. ווען ניט מיכלס פריינטלעכע פאַמיליע, ביי וועמען, כ׳האָב אומברחמנותדיק צוגע־באַרגט, וואָלט איך אפשר פון הונגער אויסגעצויגן די פיס. ביי זיך אָבער בין איך געווען געוועכט, געגלויבט שטאַרק אין זיך און מיין לעבנס־פילאָזאָפיע ביילקען מיט פייער דערציילט:

אַ מענטש מוז אַלעמאָל פריי בלייבן, ניט פאַרבונדן און ניט געפּענטעט. אָפּשטעלן זיך איז צייט אַ מינוט פאַרן שטאַרבן און ביז דעמאָלט דאַרף מען אַלץ פאַרזוכן, אַלץ איבערלעבן, אומעטום זיין. אויב מען ווייסט היינט, וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן, איז וואָס פאַר אַ טעם האָט שוין דער מאָרגן? דער פירער פון לעבן איז ניט דער קאַלטער געלאַסענער חשבון, נאָר די אימפּעטיקע שטימונג וואָס שפּרינגט אָן און רייסט זיך אַרויס אין איין מינוט...

האָט ביילקע פאַרשטאַנען אָדער ניט פאַרשטאַנען? אָבער זי האָט מיך אַלעמאָל גערן אויסגעהערט, געקוקט בשעת־מעשה מיט אירע בלויע לאַכנדיקע אויגן, וואָס האָבן לײַכט־פריילעך תיכף צוגעשטימט צו אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט:

— וואָס הייסט? גוט אַזוי! ריכטיק אַזוי! אַנדערש קען גאָר נישט זיין.

אין יענער צייט האָב איך אויף דער איסט סייד, אין אַ טונקעלן, נידעריק־באַלקנדיקן האָל אויסגעפונען אַ חברה „אַנאַרכיסטן”, בחורים מיט טשופּרינעס, מיידלעך קיילעכדיקע, נידעריק געשאָרענע, און מיט זיי האָב איך זיך צונויפגעגאַנגען, „אידייאיש באַהעפט”. ביילקען האָב איך אויך געוואָלט אַריבערציען אויף מיין זייט. אַלע זונטיק האָב איך זי מיט זיך געשלעפּט:

— ביילקע, קום! היינט אַן אינטערעסאַנטע לעקציע וועגן ניטשען.

— היינט וועט מען דיסקוטירן אַנדרעיעווס לעצטע ווערק.

זי האָט זיך זעלטן אָפּגעזאָגט, צוגעפּוצט זיך אויף שנעל, אירע קליינע באַקן האָבן מיט אַ קאַלטער עפּל־רויטקייט דעמאָלט געגליט, די בלויע אויגן האָבן גוט געשמייכלט און צוגעוואונקען. כ׳בין געווען זיכער, אַז זי איז שוין אַ געוואָרענע פאַר אונדז און פאַר מיר...

אין די דיסקוסיעס האָט זי קיין איינטייל ניט גענומען, אָבער זי

פלעגט זיך צוהערן אויפמערקזאַם און ניט פאַרלירן קיין איינציק וואָרט. אויף די „רביים" האָט זי געקוקט מיט „איבערגעגעבנקייט" און דרך ארץ, ווי מיר אַלע, און גייענדיק צוריק אַהיים האָט זי זיך געטוליעט אייגענער, נעענטער צו מיר.

אין שטוב האָט זי וועגן אונדזערע „שפּאַצירונגען" קיין זאַך ניט דערציילט. ס'איז ביי זיי געווען אַ מאָדנע הויז: אַלץ איז פאַרשטאַנען געוואָרן צווישן דער פאַמיליע אויפן וואונק און קיין איבעריקע ווער־טער האָט מען ניט געדאַרפט. אויפן וואונק האָט מען געשטיקט צווישן זיך דעם דלות און ס'האָט קיינער אים ניט געזען. אויפן וואונק האָבן די קינדער איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן דאָס, וואָס ס'האָט קיין סך ווערטער ניט געדאַרפט האָבן. פאַר אַ פרעמדן אויג איז אַלץ געווען פאַרהילט — באַהאַלטן, נאָר אַ נעענטערער האָט עפּעס געקענט דערזען.

מיכל האָט אויף מיר געקוקט פון דער זייט. אַ ווייך, פאַרשטענדיק שמייכעלע איז געווען אין זיינע קלוגע גוט־גרויע אויגן. קענטיק, ער האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען און אָנצוהערעניש מיר געגעבן, אַז פון דער ליבע צו זיין טאָכטער וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען...

— וואָס הערט זיך, וועלוועלע? זוכסט נאָך אַלץ אַרום? ביסט אַלץ ניט צופרידן? אוןביילקע איז אויך אַ זוכערין געוואָרן? עט־עט!

נאָכדעם האָב איך זיך מיט ביילקען פאַנאַנדערגעגאַנגען. קיין טראַגישעס איז חלילה ניט געשען. ביי זיי אין הויז איז דעמאָלט געווען אַ ביטערע צייט: דער שניידערשער „סיזן" איז געווען ניט קיין איינ־געגעבענער און מיכל מיט די טעכטער זיינען גאַנצע וואָכן אָפּגעזעסן אין הויז. פון זייער איבערווינקן זיך און צעטראָגנקייט האָב איך פאַר־שטאַנען אַז די לאַגע איז אַ צרהדיקע און העלפן זיי האָב איך גאָר נישט ניט געקענט. אויף דער גאַנצער הויז איז אָנגעפאַלן אַן אומעט, וואָס באַהאַלטן אים האָט געקענט בעסער ווי אַלע דער אַלטער מיכל, און וויניקער פון אַלעמען — ביילקע. כאָטש מען האָט מיר קיין זאַך ניט געלאָזן באַמערקן, אָבער איך האָב די שווערקייט ניט געקענט פאַרטראָגן און באַשלאָסן אַרויסקלייבן זיך.

שפּעטער פלעגן מיר זיך נאָך באַגעגענען, אָבער, וואָס ווייטער, אַלץ זעלטענער. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ חברה „לומפּן פּראָלע־טאַריער", אָן אַ היים, אָן זאָרגן און מיר האָבן פריילעך געברענט די צייט. פון ביילקען האָב איך געהאַט גרוסן, אַז זי באַזוכט נאָך אַלץ די אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען און אַז זי איז דאָרט געוואָרן אַן אייגענער מענטש. כ'האָב זיך אַלעמאָל געקליבן פאָרן אויף אַ וויזיט

אין בראַנזוויל און קיינמאָל ניט אויסגעקליבן זיך. נאָכדעם, אַז איך האָב דערהערט, אַזביילקע איז אַ כלה־מויד געוואָרן, טאַקע מיט איינעם פון דעם אַנאַרכיסטישן געזינדל, האָט עס מיך, ווי אַ נאָדל־שפּיץ איבערן האַרצן אַ קרעל געטאָן, אין שאַרפער, דין־פּעדעמדיקער קרעל און מער גאָרנישט: ניט איך, ניט זי האָבן ווענגן „ערנסטנס״ קיינמאָל ניט געטראַכט. פאַר זיך אַליין, אין דער שטיל האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן שטיק איבערגעלעבטן לעבן, פאַרשטיקט, פאַרוואָרגן, אויסגעמעקט אַלץ פון זכרון, אַז קיין געדעכעניש זאָל ניט בלייבן פון דעם.

איצט, אַז איך האָב דעם אַלטן באַגעגנט, נאָך אַן איבעררייס פון אַ צענדליק יאָר, אויב ניט מער, האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן און געפרעגט:

— וואָס מאַכן די קינדער? ביילקע וואָס מאַכט?

כ׳האָב אָפּגעפרעגט און געפילט, אַז מיטן אַרויסרעדן איר נאָמען, האָב איך עפּעס אָפּגעטויט אין האַרצן; אַ זאַך, וואָס איז ביז איצט אַן אייגנס געווען, איז איצט געוואָרן אינגאַנצן אַ פרעמדער, צעעפנטער סוד...

דער אַלטער איז געווען ניט צופרידן, ער האָט זיך געכמורעט און געענטפערט, אונטער דער נאָז:

— „אַלרייט״, ניט צו פאַרזינדיקן! געזונט, רייך, וואָס נאָך?

— כ׳האָב געהערט, אַז זי איז שוין אין די „פּעדערן״, געוואָרן פון די גרויסע לייט...

— יע, יע, נישקשהדיק — האָט דער אַלטער געברומט אונטער דער נאָז.

— וואָס איז מיט אייך, רב מיכל? איר זייט אַזוי, ווי ניט צופרידן! גליקלעך דאַרפט איר דאָך זיין, גרויסהאַלטן זיך מיט דעם!

— ווערלוועלע, הער אויף, הער אויף! טע־טע! מאַך ניט קיין שפּאַס, — האָט זיך דער אַלטער געבעטן ביי מיר.

— אָבער, רב מיכל! שפּאַס אַן אַ זייט; געדענקט איר, ווי איר האָט זיך אַמאָל פון דער היים אין לאָנדאָן געריסן? ניט פאַר זיך, פאַרשטייט זיך. איר זייט אַ גוטער טאַטע געווען; פאַר די קינדער פאַר אייערע. איצט האָט איר זיי צו אַ תכלית געבראַכט. פרייט זיך, קוועלט...

כ׳האָב דאָך אַלץ, וואָס כ׳האָב געזאָגט כמעט געמיינט. אַ ביטערקייט איז געווען אין מיין קול, דאָס איז ריכטיק, אָבער ניט דעם אַלטן

האָב איך דאָך געוואָלט ווי טאָן. כ'האָב געוואָלט בייסן, ווער ווייסט וועמען? אפשר זיך.

דער אַלטער איז בלאָס געוואָרן מיט אַמאָל. דער געמאַכטער שטאָלץ איז פון אים פאַרשוואונדן. מאָדנע געוועזן צו זען אויפן געטריקנטן האַרטן קאָרטש געפאַלנקייט און בייזקייט אויפגעמישט, איינאיינעם. כ'האָב אויפגעציטערט: פונעם אויג האָט זיך ביי אים פלוצלונג אַראָפּ־געקייקלט אַן אַלטע לאַנגלעכע טרער:

— וועלוועלע! אַ גזלנטע איז ביילקע! אַט וואָס!

— וואָס איז, רב מיכל? וואָס איז אייך?

— אַ מערדערין איז זי, שדים זיינען זיי אַלע געוואָרן! און דו אויך מיט זיי, וועלוועלע? דו אויך?

— וואָס איז געשען? דערציילט!

ער האָט אַריינגעכאַפּט מיין האַנט העכער פון דער דלאָניע, גע־קוועטשט שטיף מיט הייסע טרוקענע פינגער; געוואָרגן איז זיך טרערן, וואָס האָבן זיך געגעצט אין זיין אויפגערעגטן צעטרייסלטן קול.

— וועלוועלע, וועלוועלע! וואָס ווייסטו? אין אַ „האָום” וויל זי מיך דאָך אַריינגעבן! ביילקע, אַט די!

— רב מיכל, וואָס רעדט איר? באַרואיקט זיך!

— וועלוועלע, אַט דערפאַר בין איך צו דיר היינט געקומען! אין מושב זקנים ווילן זיי מיך אוועקשיקן, פּטור ווערן. כ'ווייס אַליין, עט־עט: פאַרלעבט זיך; צו לאַנג, צו פיל שוין. אָבער וועלוועלע, אין מושב זקנים וויל איך ניט גיין.

— איז וואָס זאָל איך טאָן, רב מיכל?

— גיי אַריבער צו זיי, רעד מיט זיי; דיך וועלן זיי אויסהערן, זיי וועלן זיך פאַר דיר שעמען. כ'האָב עס לאַנג איבערגעקלערט: דער איינציקער, וועלכער קען מיר העלפן, איז, וועלוועלע, דו...

— אָבער, רב מיכל, גלויבט מיר: איך קען ניט, איך קען ניט...

— וועלוועלע! האָב רחמנות! אַ טובה טו אַן אַלטן! זאָג זיי אין מיין נאָמען, ביילקען זאָג: כ'ווייס אַליין, פאַרלעבט זיך, צו לאַנג, צו פיל שוין; אָבער, וועלוועלע, אין אַ „האָום” וויל איך ניט גיין.

— שווער איז מיר, רב מיכל! שווער אַהין צו גיין!

— כ'ווייס, כ'פאַרשטיי דיך, קינד מיינס! אָבער איך בעט דיך: האָב רחמנות, טו עס; דער איינציקער, וועלכער קען מיר העלפן, איז דו!...

כ'האָב געקוקט אויפן אַלטן, געזען אַ קאָרטש אַ פאַרעלטערטן, פון

וויטיקן אַ צעקרימטער; כ׳האָב געפילט דעם צער פון זיינע ווערטער, די בלוטיקייט אין זיינע טרערן. שווער איז מיר געווען. כ׳האָב אים ענדלעך געזאָגט: כ׳וועל אַריבערפאָרן, כ׳וועל פּרואוון עפּעס טאָן...

2

ציטן זיינען דאָ ניט לאַנג געווען, מאָדנע ציטן!

טויזנטער יונגעלייט, זין פון הענדלער, זין פון קרעמער, זין פון איידעלע באַלעבאַטים, האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעטשעפּעט פון זייערע אַלטע איינגעזעסענע היימען און מיט אַ שטורעם־פליִנקייט און איינגע־שפּאַרטקייט אַהערצו, אין אַמעריקע, געגומען זיך פאַרטראָגן.

דאָרטן, אין דער היים, פאַרן אַוועקפאָר, האָבן זיי דעם רויטן גאָט פון שטורעם דערזען; איינמאָל דערזען, האָבן זיי אים שוין מער ניט געקענט פאַרגעסן.

האָט ער קערנדיק פאַרזייט אַן אומרואיקייט אין זייערע בלוטן; און ווען דער רויטער שטורעם־גאָט האָט זיין פּנים פון זיי אָפּגעקערט, האָבן זיי ערשט דערפילט די ווילדע אומרואיקייט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין זייערע בלוטן.

זיינען זיי געקומען אַהער, אין דער פרעמד, הענדלער־קינדער, קינדער פון חשובע באַלעבאַטים; איז, ווי נאָר זיי האָבן דעם באָדן באַטראָטן, האָט זיי די שטאָט מיט אַ פאַרטויבנדיקן ליאַרעם־קוויטש אויפגענומען און דאָס אומרואיקע בלוט אין די אָדערן האָט געענטפערט צוריק מיט אַ הילכיקן צופּייף.

האָבן זיי געחלומט אויף דער וואָר און ניט געוואוסט קיין באַשיי־דונג; האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן מיט זייער בלוטיקער אומרו. האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן נאָכאַמאָל דעם רויטן גאָט פון שטורעם דערזען און ער האָט זיי שוין פון לאַנג פאַרגעסן און פאַרלאָזן...

דאָ, אינדערפרעמד, איז דאָס לעבן געווען אומברחמנותדיק: ס׳האָט אויף זיי, אויף זייערע ווייכע געירשנט־אויסגעאיידלטע פּלייצעס גע־וואָלט די שווערסטע אַרבעטן אַרויפוואַרפן; האָבן זיך די שוואַכערע אונטערגעגעבן; זיי האָבן אָנגעפילט מיט זייער אויסגעווייקטן, פאַר־אומערטן פלייש און בלוט כלערליי שעפּער און פאַבריקן; די שטאַרקערע האָבן געקעמפט, ניט אונטערגעגעבן זיך, געהונגערט און געליטן...

און אין זייערע לײדן האָבן זיי זיך צום רויטן שטורעם־גאָט מיטן פּנים געקערט, כאָטש ער האָט זיי שוין פון לאַנג פאַרגעסן און פאַרלאָזן.

אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך דער גרעסטער טייל פון זיי אומ־געקערט צוריק. אַז זיי זיינען עלטער געוואָרן און די אומרו פון זייער בלוט האָט זיך אויסגעוועפּט, האָבן זיי זיך מיט אַ ווילדער לוסט אַ וואָרף געטאָן אַניאָגן צוריק, וואָס זיי האָבן פאַרפעלט אין זייערע אומרואיקע יוגנטלעכע יאָרן.

די צייט האָט זיי צוגעשפּילט: מיט בלוטיקע רעגנס זיינען געקומען גאָלדענע שניטן. האָט מען צום שניט אויסגעשטרעקט צאַפּלדיקע פאַרהונגערטע הענט. איז מען געוואָרן רייך און זאַט און זעלבסט־צופרידן.

אין זייער זעלבסט־צופרידנקייט האָבן זיי זיך דערמאָנט דעם אַמאָליקן יונגן, רויטן שטורעם־גאַט און קליין געמאַכט אים ביי זיך אין האַרצן:

— וואָס האָט אונדז געהאָלפן יענער?... איצט! איצט זיינען מיר אויף די אמתע וועגן...

האָבן אַנדערע געזאָגט:

— לאָמיר באַשפּייען אים! מיט אים אַמאָל האָבן מיר געבלאָנדזשעט און געהונגערט!

און אייניקע האָבן געזאָגט:

— ניין, לאָמיר אים שאַנעווען! מיט אים זיינען מיר יונג געווען, איצט זיינען מיר פּליעכעס. אין אַ ווינקל זאָל ער שטיין אַלעמאָל פאַר אַ זכרון...

האָט מען זיך איינע די אַנדערע געפרעגט:

— ווי אַזוי זאָלן מיר די פאַרלאָרענע צייט אַניאָגן?

האָבן זיי זיך איינע די צווייטע געענטפערט: :

— עסן, טרינקען, הוליען! אפשר וועלן מיר גאָר מאָרגן שטאַרבן?..

האָבן זיך פאַנאַנדערגעכראָמטשקעט ציינער, האָבן אַרויסגעסטאַר־טשעט אין ווילדער צעפּרעסנקייט קיילעכדיקע פאַרטעמפּטע אויגן, האָבן באַזויפענע פעטע מענער און ווייבער־קולות געמאַנט און געשריען.

— דערלאַנג אונדז נאָך און נאָך! און נאָך!

און דער רויטער שטורעם־גאָט, וועלכער האָט זיך שוין צום צווייטן מאָל באַוויזן, האָט פון דערווייטנס געקוקט אויף זיינע געוועזענע קינדער און געקייכט פון געלעכטער...

3

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך אויסגעקליבן פֿאָרן צו ביילקען אין דעם אַלטן מיכלס שליחות.

די געגנט, אין וועלכער איך בין פֿאַרפֿאָרן, איז געווען אַ נייע, פֿאַר מיר אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטע, אַ ווינקל אין ברוקלין, וואו ביז איצט איז געוואַקסן ווילד־גראָז און אַ שטיבל דערוויילעטערט פֿון שטאָט האָט וואו־ניט וואו אַרויסגעסטאַרטשעט. האָט מען זיך אַהין אַ וואָרף געטאָן פֿון שטאָט־זייט מענטשלעך כיטרינקע, מיט אייגעלעך מייזעשע און איינס־צוויי־דריי האָט מען אויפֿגעקלאַפּט פֿולע גאַסן הייזער. די ערד איז נאָך דאָרט געווען אויפֿגעריעט, ניט אינגאַנצן פֿאַרגלעט, אָבער הייזער זיינען שוין געשטאַנען פֿאַרטיקע, געראַמע, גלאַטע, אָן־טעמיקע. פֿאַר די הייזער זיינען ריטלעך געווען פֿאַרזעצט, אָנשטאָט בלומען און פֿון די פֿענצטער האָבן שוין געהודזשעט פּיאַנעס און פֿאָנאָגראַפֿן.

כ׳האָב אָנגעקלונגען און די טיר האָט מיר געעפֿנט ביילקע אַליין; כ׳האָב זי ניט דערקענט, איינגעקוקט זיך און בשום אופֿן ניט געוואָלט דערקענען:

אַ קורצלעכע דיקע פֿרוי, אַ ווייסער פֿאַרטוך ברייט־באַלעבאַטיש איבערגעוואָרפֿן איבערן קלייד און די אַרבל פֿאַרקאַטשעט. ס׳האָבן זיך אַנטבלויזט אירע אָרעמס, צוויי פֿעטע, רויטלעך צוגעברוינטע חזרשע שינקעס. די פֿליישיקע אָרעמס האָבן זיך צום ערשטן געוואָרפֿן אין אויג, אַ שטיק פֿאַרקערפֿערטע מענטשלעכע באַליידיקונג; שמאַלציקייט איז געווען צעגאָסן איבערן גאַנצער קערפּער. פֿון שמאַלץ אַרויס האָבן געקוקט אירע בלויע, פֿאַרכוקעטע אָפּגעטעמפּטע אויגן; אַפֿילו דער זייד־פֿעדימדיקער ברוינער קאָפּ־האָר, האָט, דאַכט זיך, אויך אָנגעזאָפּט זיך מיט שמאַלץ און איז גליטשיק און גלאַנציק־פֿעט אָפּשטויסנדיק געוואָרן.

זי האָט מיך אָבער גלייך דערקענט און פֿריינטלעך, וואָרעם אַפֿילו אויפֿגענומען:

— זע, אַ גאַסט אַן אומגעריכטער! ווערלוועל? פֿון וואַנען האָט איר זיך פּלוצלונג גענומען?

און מיט עכטער פֿרייד, וואָס האָט געשפּריצט דורך אירע קליין געוואָרענע, צוליב די שמאַלץ־ביטלעך, בלויע אויגן, האָט זי מיך פֿאַרן אַרבל אין הויז געצויגן.

— אזא גאַסט! אַן אומגעריכטער! איך קען צו זיך פון „סורפּרייז" ניט קומען!

כ'בין געגאַנגען נאָך איר איבער די טרעפּ, אַ ווייטער אַ צעפּרוי־רענער. בלויע צעקרישלטע שטיקער איז זיינען געלעגן אין די הייסע בלוטן און האָבן זיך דאָרטן געשמאָלצן און צעגאַנגען. כ'האָב געוואָלט פאַרקניפּן אָט די קורצע דיקע פרוי, וועלכע קייקלט זיך נאָענט לעבן מיר, מיטן בילד פון אַ שלאַנקן דינעם מיידל פון אַמאָל און ס'האָט זיך מיר בשום אופן ניט איינגעגעבן..

— ביילקע, דאָס זייט איר? וואָס מאַכט איר? ווי לעבט זיך?

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט זי מיך אַרומגעפירט מיט די אויגן איבער איר גאַסט־צימער, וואוהין מיר זיינען איצט אַריינגעגאַנגען, ווי איינער וואָלט געזאָגט:

— יאָלד, וואָס רעדט איר? וואָס פרעגט איר? קוקט, וועט איר זען...

דער צימער איז געווען אַ גרויסער, אַ טונקעלער. די פענצטער באַהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען, דער דיל אויסגעבעט מיט שווערע „ראַגס" און דער גאַנצער צימער איז מיט מעבל־שטיקער געווען פאַר־פּאַקט און פאַרשטעלט. איין שטיק מעבל האָט זיך געפּאַסט צום צווייטן, ווי אַ פאַנאַנדערגענומענער שווערער, פולער קאַסטן, וואָס יעדער טייל פון אים איז אַ באַזונדער זאַך פאַר זיך אַליין. אָבער דער ערשטער ניט־פאַנאַנדערגענומענער קאַסטן האָט געמוזט זיין אַ ריזיקער, ווייל פון אים האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ פוס־פּיאַנע, אַ בייכלדיקן פאָנאָ־גראַף, אַ ראַדיאָ, וויג־שטולן, זיץ־שטולן, דיוואַנען, טישן, לאָמפּן, לעמפּלאַך, שפּייערס, וואָזעס און נאָך, נאָך. פון יעדן פּיצל מעבל האָט אַרויסגעשריען ביטרע געמאַכטקייט, דאָס בריהשע איבערקרימען פון עפּעס אַ העכערן איידעלן מין. פון בלישטשענדיקן לאַק אַרויס האָט געקוקט דער שווינדל פון געפּעלשטן דעמב, אַ כוואַטסקער ליגן פון פיין־אַדערדיקן מאַהאַגאַני, אַ פּיסל־אויסבייג פון אַ האַמעטנעם טיש, וואָס האָט געזאָלט זיין גראַציעז און האָט אויסגעקוקט, ווי אַ צעלייגטע חזרשע לאַפּע; און נאָך עפּעס האָט אַרויסגעשריען פון יעדן שטיק מעבל: באַרימערישע נאַקעטקייט, אַן אויספּויקן פאַר יעדערן, וויפל ס'איז פאַר זיי אין האַרטן געלט געוואָרן באַצאָלט:

— קוקט אונדז אָן! קיין געלט האָט מען ניט געזשאַלעוועט, אַ טויזנטער, נאָך אַ טויזנטער, ס'איז ביי אונדז אַ שפּיי! אַבי ס'זאָל

זיין פונעם בעסטן, טייערסטן און שענסטן, אַז מיר ווילן מיט לייטן צוגלייך זיין, איז דעמאָלסט צום טייוול מיטן געלט...

כ׳האָב זיך געשאָקלט אויף אַ וויכן וויג־שטול אַנטקעגן אַ פענצ־טער. די פענצטער זיינען געווען אָפן. די גאַרדינען גדלותדיק אויפ־געבלאָזן. די פענסטער פון גאַסט־צימער האָבן אַריינגעקוקט אין אַ גאַסט־צימער פון אַ צווייטער שטוב. די הייזער אויף דער גאַס זיינען איינס צום אַנדערן ענלעך געווען: ווען ניט די גאָלדיקע אָנגעקלאַפּטע נומערן, וואָלט מען זיי ניט געקאָנט אונטערשיידן. אומעטום האָבן שטיל אָדער שרייענדיק אונטערגעשפּילט „מוזיקאַלישע״ אינסטרומענטן. פונעם שכנישן הויז האָט אַ צעקאָכטער פאָנאָגראַף דורכן פענצטער אַהער אין גאַסט־צימער אַריינגעזונגען:

אוי אַ מיידעלע מיט אַ קליידעלע,

און אוי, אַ מיידעלע מיט אַ קליידעלע!

און אַזוי נאָך און נאָך.

כ׳האָב געוואָלט צוטרעטן גלייך צו מיין שליחות און אָפּפּאַרטיקן זיך; זי האָט מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזן:

— אירט מיט אונדז היינט „סאַפּער״ עסן, מיין מאַן קומט באַלד אַריין. אַזאַ גאַסט! כ׳בין אַזוי צופרידן! איר קענט זיך גאַרניט פאָר־שטעלן.

זי האָט מיך איבערגעלאָזן אַליין אין גאַסט־צימער און איז אַוועק האָווען, גרייטן צום טיש.

אין אַ ווײַלע אַרום איז טאַקע דער מאַן אַריינגעקומען. אַן אַל־טער, אַ ווייטלעכער באַקאַנטער. איך האָב אים גלייך דערקענט.

אמת, ער האָט זיך פאַר דער צייט פאַרענדערט, אַזוי איבער־געביטן זיך! כ׳געדענק אים נאָך פון אַמאָל, מיט דער שוואַרץ־האָריקער טשופּרינע, מיט אַ לאַנגלעכן שוואַרץ־פינטלדיקן פּנים, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ פּראָסטע האַרטקייט און שטאָלץ. כ׳געדענק אים נאָך, ווי ער פלעגט זיך אַמאָל אויף אַ חברשער שמחה פאַנאַנדערהוליען, טרייסלען מיט דער שוואַרצער גריווע, און הודזשען מיט אַ געפּעלשטן באַסאָווען קול:

דאָס לעצטע איצטערדיקע נעכטל
הוליען מיר צוזאַמען פרייַנט!
און מאָרגן פרי, ס׳הייבט אָן טאָג,
פאַנאַנדערווינען וועט זיך מיין געזינד!..

איצט איז פון דער טשופרינע קיין זכר ניט געבליבן; דאָס לענג־לעכע פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן, און אַ שמייכלדיקייט — אי אַ זעלבסט־צופרידענע, אי אַ צוגעגרייטע פאַר לייטן, האָט יעדן שטריך שמאַטעדיק אויסגעוויכט. די האַרטקייט האָט זיך נאָר פאַר־קליבן אין דער שוואַרצער איינגעפאַלנקייט אונטער די אויגן און איז דאָרט אין גריבל געלעגן, ווי צעמאַלענע זעקעלעך טשוגון.

קיין איבעריקע פריינטלעכקייט האָט ער מיר ניט אַרויסגעוויזן. פון אָנשטענדיקייט וועגן האָט ער געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר? „ביזנעס" ווי גייט?

אין די פּאָר מינוטן, וואָס ס'האָבן גענומען, ביז וואַנען דער טיש איז אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר זיך הענערדיק געמאָסטן אויספאָרשן איינערביים צווייטן, וואָס מען דענקט שטילערהייט אינווייניק אין האַרצן. דערפאַר אפשר, וואָס מיר ביידע האָבן גע־וואוסט, וועגן וואָס דער צווייטער קלערט, האָט זיך אַ שנאהדיקייט געפילט אין אונדזער שווייגן און מיר האָבן זיך געקאָנט פאַרשטעלן אַזוי, אַז איינער ביים אַנדערן זאָל גאָרנישט ניט קאָנען פאַרשטיין.

אַביסל איז דער „אייז" געבראָכן געוואָרן ביים טיש. ביילקע איז געווען זייער אויפגעלייגט. אירע בלויע אויגן האָבן אויף אַ ווײַלע צוריקגעקראָגן זייער אַמאָליקן לייכטהאַרציקן גלאַנץ. דאַכט זיך, אָט ווינקט זי ווידער צו אויף אַלץ, וואָס זי זעט און הערט:

— צוגאָסט געקומען? גוט אַזוי, פיין אַזוי! אַנדערש האָט דאָך ניט געקאָנט זיין!...

— וועלוול, וואָס זאָגט איר?

— וואָס קאָן איך זאָגן? קיין עין הרע! כ'בין צופרידן צו זען אַזעלכע גליקלעכע פריינט..

דער מאַן אירער, בערנאַרד, באַלעקנדיק זיך:

— מיינט ניט, ס'איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. געווען גענוג קאָפּ־דרייעניש און האַרצוויטיק און גענומען צייט; מען האָט באַ־דאַרפט אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון זיך.

— אָבער איצט?

— אַהאַ — אַ איצט! פרעגט זיך נאָך אויף דער „בערנאַרד וועט קאָ." מען וועט אייך זאָגן. מיין נאָמען! מיין הויז! וואָס נאָך?

ביילקע רוקט מיר צו נענטער אַ שיסל מיט פלייש און איז מיר מכבד מיט דער ברייטער האַנט.

— וועלוול, עסט. אַזאַ גאַסט! כ'בין אַזוי צופרידן.

אין בײם מאַן בעט זי זיך:

— בערנאַרד, שטעל אָן די ראַדיאָ, מאַך דעם פאָנאָגראַף. ס'זאָל װערן פרײלעכער בײם טיש.

אַלץ צוליב מיר. זי װינקט מיר צו פרײלעך, בלױ־אױגיק, און װיל מיר דערמאָנען אַמאָליקע צײטן...

בערנאַרד האָט אָנגעדרײט דעם פאָנאָגראַף, ער קומט צוריק און קוקט אױף מיר פרײנטלעך־חניפותדיק:

— צוליב אײך. דאָס בעסטע צוליב אײך!

דער פאָנאָגראַף אין גאַסט־צימער האָט זיך דערװײל פאָנאַנדער־געקאָכט:

יאָסל, אױ, געװאַלט, יאָסל!
װאָס האָט פאַרלױרן דעם פּופּיק אינעם ראָסל!
אױ, געװאַלט, יאָסל!
יאָסל!

און דער שכנותדיקער פאָנאָגראַף, פונעם צװײטן הױז, האָט צו־געהאָלפן און אַרײנגעזונגען:

אױ, אַ מײדעלע מיט אַ קלײדעלע,
און אױ, אַ מײדעלע...

איצט אין פרײלעכקײט האָב איך געפילט, איז די צײט צוצוטרעטן צו מײנע געשעפטן. איך הױב אָן:

— הערט זיך אײך, בײלקע! אָט אַ זכרון בײ מיר אַ קאַליקער! פאַרגעסן זיך נאָכצופרעגן, דער טאַטע װאָס מאַכט?

אַן אומצופרידנהײט אַ װאָלקנדיקע צעשפּרײט זיך איבער אירע קײלעכיקע פעט־רױטיקע באַקן; זי ענטפערט מיט אַ האַלב מױל.

— אַ, דער טאַטע? „אַלרײט".

— כ'האָב דאַכט זיך מיר, געהערט, אַז די מאַמע אײערע איז געשטאָרבן און אַז דער טאַטע געפינט זיך בײ אײך?

— יאָ, בײ מיר. װאָס איז?

— אָט גאָרנישט! קען איך אים זען?

— ער איז איצט נישטאָ אינדערהײם. װאָס דאַרפט איר אים?

— כ'פרעג זיך נאָך גלאַט אַזױ, װי אױף אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן. אָבער, דאַכט זיך מיר, אַז איר זײנט אומצופרידן מיט מײן נאָכפרעגן זיך? קען איך װיסן פאַרװאָס?

דאָס פּאָר קוקט זיך איבער פאַרדעכטיק, אײנער אױפן צװײטן. כ'זע שױן, אַז איך האָב אױפגעבורעט אַ זומפּל, אַז מײן װיזיט איז

פאַר זיי געוואָרן אַן אָפּקומעניש, אַז בײדע קוקן שוין שנאהדיק אויף מיר.

— ס'דאַכט זיך איך בלויז, וועלוול. פאַרוואָס זאָל איך אומצופרידן זיין? דוקא פאַרקערט...

— איז ווען קען איך אים זען?

— אויף וואָס דאַרפט איר אים? וואָס ווילט איר? זאָגט...

— כ'האָב געהערט...

— וואָס'ט איר געהערט?

— ער איז ביי מיר געווען...

— אַזוי? ער איז ביי איך געווען?...

זיי קוקן זיך איבער מיט אַ טעמפּן אויפגעבלאָזן־פאַרביסענעם בליק, וואָס איז שווערער איבערצוטראָגן ווי דעם בליציקסטן האַס. וויפל רשעות אַ מענטש קען טראָגן און טייען עס ביי זיך אין דער טיף...

— אַ! דער טאַטע...

— מיט וואָס האָט ער איך אַזוי דערצאָרנט?

— ער פאַרגינט מיר ניט דאָס לעבן! אַ שונא אין הויז...

ביילקע רוקט זיך צו מיר נענטער און טענהט אַריין מיט גאַל.

— איר געדענקט, וועלוול, ווי איר זייט אַמאָל גרינערהייט געווען? קיין זאַך איז איך ניט געווען געפעלן. אומעטום האָט איר חטאים געזוכט; דער טאַטע איז איצט געוואָרן פונקט אַזוי.

— וואָס געפעלט אים נישט אַן ערך?

— קיין זאַך ניט: ווי אַזוי מיר לעבן, ווי מיר דערציען די קינדער, וואוהין מיר גייען, וואָס מיר טוען. אומעטום מישט ער זיך אַריין; ער רעדט ניט קיין סך, אָבער מיט די אויגן רק ער מאָנט און מאָנט.

בערנאַרד מישט זיך אויך אַריין און רחמנותדיק, וויינענדיק, טענהט ער זיך אויס, ווי מיט זיינעם אַ שטאַרקערן שונא, מיט מיר.

— איר ווייסט דאָך, איך דאַרף מען דאָך ניט דערציילן: מ'שטיינס געזאָגט, אַ האַלבן לעבן אויף גאַרנישט געפטרט. איצט, אַז ס'איז צום לעבן געקומען, לאָזט ניט דער אַלטער; ער מאָנט.

איך לאָך זיך פאַנאַנדער אים אין די אויגן גראָב, מיטן מיאוסטן חוזק.

— וואָס פאַרנעמט ביי איך דער אַלטער? איר קאַרגט פון אייער אָנגעפּאַקטן טיש אים אַ שטיקל ברויט?

בערנאַרד צעטרייסלט זיך פון באַליידיקונג:

— אַ, איר'ט מיך גאָר ניט פֿאַרשטאַנען. ווער זשאַלעוועט געלט? אַ הונדערטער, נאָך אַ הונדערטער שפּילט ביי מיר קיין ראָלע. אָבער איצט, אַז מען איז צום לעבן געקומען, גייט דאָס לעבן אונדז נישט איין צוליב אים, ער עסט מיט די אויגן און מאָנט, רק ער מאָנט...

מיט בערנאַרדן וויל איך אינגאַנצן ניט רעדן, כ'פּרואוו נאָר אַריבער־ציען ביילקען אויף מיין זייט.

— ביילקע — איר ווייסט דאָך דעם טאַטן אייערן, זיין איבער־געבנקייט צו די קינדער, זיין שטאָלץ. אים ווילט איר עס אין אַ מושב זקנים שיקן? ער וועט דאָך דאָרט קיין טאָג ניט איבערלעבן. געדענקט, וואָס איר נעמט זיך אויף אייער געוויסן! זיין טויט וועט פֿאַלן אויף אייער קאָפּ...

— אַזוי, דאָס האָט ער שוין אייך אויך דערציילט?

— ניטאָ זיך פֿון מיר וואָס צו באַהאַלטן. איך ווייס אַלץ...

— ביידע איין האַנט? אַמאָליקע יאָרן? חטאים־זוכער? איר פֿאַר־גינט ניט יענעמס גליק!

איך האָב אַ קוק געגעבן אויף ביידנס פּנימער. אין די שנאהדיקע, פֿון אויפֿרעגונג אין שפּעלטלעך אַריינגעצויגענע אויגן, האָב איך געזען מיין דורכפֿאַל, פֿאַרשטאַנען, אַז נאָך רייד זיינען איבעריק און קיינער וועט שוין ניט איבערבייטן דעם אַלטנס גזר־דין.

איך נעם מיין הוט אין האַנט אויף אַוועקצוגיין.

— איז וואָס'ט איר זאָגן, ביילקע?

זי ענטפֿערט קיין וואָרט ניט. נאָר די אַנטבלויזטע אָרעמס אירע, צוגעברוינטע חזירשע פֿאַלקעס, זיינען אויסגעשטעלט צו מיר פֿון דער זייט און גיסן מיר עקל און איבל אונטערן גומען אַריין. די אויגן קוקן שנאהדיק און מאָנענדיק:

אָט בין איך צו זיי געקומען און זיי פֿון עפּעס באַרויבט.

אַ קינד אין גאַסט־צימער דרייט דערוויל אָן דעם פֿאָנאָגראַף און ער צעקאָכט זיך:

— יאָסל, אוי געוואַלט, יאָסל!
וואָס האָט פֿאַרלאָרן דעם פּופּיק אין ראָסל.
יאָסל!

און דער שכנותדיקער פֿאָנאָגראַף פֿון צווייטן הויז האָט צוגעהאָלפֿן:

— אָי! אַ מיידעלע מיט אַ קליידעלע!
און אָי, אַ מיידעלע...
כ'האָב דאָס הויז פֿאַרלאָזן...

4

נאָכאַמאָל איז דער אַלטער מיכל צו מיר געקומען, איצט צו הערן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן אויף מיין באַזוך.

כ׳זע, עס ציטערן ביי אים די קני און די טרוקענע ביינדלעך אינמיטן די פינגער, אָבער ער העלדעוועט, וויל באַווייזן אַמאָליקע גבורה, דריקט פעסט אַריין מיין דלאָניע און לאָזט זי גאָר ניט אָפּ:

— ווֶעלוועלע! עט־עט. געווען שוין דאָרט? דורכגערעדט זיך? וואָס הערט זיך, מיין קינד? דערציי̇ל.

— כ׳בין געווען דאָרט, אָבער קיין גוטע נייעס האָט איך צוריק ניט געבראַכט. ס׳פאַרדריסט מיך, רב מיכל, כ׳האָב מיט זיי גאָרנישט ניט געקענט טאָן...

זיין גרויער ערד־געמישטער פּנים ווערט מיטאַמאָל בלאָס — בלאָס, די אַלטע שיטערע ברעמען צעטאַנצן זיך פון אינווייניקסטער אומרו. ער כאַפּט אָן מיין האַנט ביים ביין, שטיקט זי פון פאַרצווייפלונג מיט אַזאַ כח, אַזש עס טוט מיר זייער וויי:

— וואָס זאָל איך איצט טאָן, ווֶעלוועלע? זאָג, וואָס זאָל איך טאָן?

— ווייסט, ווֶעלוועלע, — טרייסלט ער זיך רעדנדיק ווייטער. — כ׳בין דאָך ניט געווען זיכער, אַז דו וועסט מיט זיי עפּעס אויספירן; האָב איך נאָך אַ זאַך אויסגעפּרוּווט: כ׳בין אַוועק זוכן אַ „דזשאָב“, ביי וואָס־ניט־איז מיין לעבן צו פאַרדינען. פאַראַן דאָך אַלטע לייט אין מיינע יאָרן, וועלכע האָבן קיינעם ניט און מוזן פאַר זיך אַליין זאָרגן: אָבער כ׳האָב קיין זאַך ניט געפונען. פאַרלעבט זיך אַפּנים. עט־עט, צו לאַנג, צופיל שוין. וואָס זאָל איך איצט טאָן, ווֶעלוועלע? זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן?

מיין בלוט האָט מיר געזאָדן אויפן פלאַם פון ביטערקייט און אויפרעגונג, כ׳האָב ניט געוואוסט, וואָס איך רעד:

— גזלנים זיינען זיי,ביילקע אייערע! אָט וואָס!

— וואָס איז!

— אַז זיי האָבן אייך באַרעדט, באַשפּיגן, מעשות אויסגעטראַכט אויף אייך, אַז איר פאַרגינט זיי ניט דאָס פעטע לעבן, אַז איר זייט זיי אַ שונא אין הויז!

אַ ביטער אַלט שמייכעלע האָט אויפגעשפּילט ליידנדיק אונטער די געדיכט־גרויע וואָנצעס. ער האָט מיר נייגעריק אין די אויגן אַריינגעקוקט.

— וואָס נאָך?

— חוזק האָבן זיי געמאַכט, צו מיר האָבן זיי אייך צוגעגליכן, ווי אַזוי איך בין געווען אין די „גרינע" יאָרן; אַז איר זייט אַ חטאים־זוכער און איר מאָנט רק און מאָנט...

— געדענקסט, וועלוועלע, אין בראַנזוויל אַמאָל, ווען דו האָסט ביי מיר געוואוינט, און דו האָסט ביילקען מיינער אַ נייע תורה געוואָלט אויסלערנען? עט־עט, לייקן ניט, שייגעץ איינער: כ'האָב דעמאָלט אַלץ פאַרשטאַנען און געזען. נו, און דער אידעם מיינער, בערנאַרד, איז אַמאָל אויך פון אייער חברה געווען. איצט, וועלוועלע, האָבן זיי גאָר־נישט, ניט קיין גלויבן, ניט קיין גאָט. בערנאַרד, הערסטו, וועט צוליב זיינע וועש אַלצדינג טאָן: לייגן, גנבענען, גזלענען; וועט ער וויסן, אַז ס'וועט אַריבערגיין אומבאַשטראָפט, וועט ער אַפילו אַ מענטשן צושטיקן אין דער שטיל, אַלץ צוליב זיינע וועש. און ביילקע האָט זיך אין עסן פאַרקאַכט, פוצן זיך, עסקן זיך מיטן אייגענעם פעטס. ווייסט? זי איז דאָך אויף מיר ברוגז, וואָס איך האָב זי, אין איר קינדהייט, ניט גע־קענט קאָרמענען, ווי עס באַדאַרף צו זיין ווי מען קאָרמעט איצט. האָסט באַדאַרפט זען, ווי בידע, ביילקע מיט מיין אידעם, זעצן זיך צו צום אייניקל, צופן פון אים שטיקער פלייש, שטופן אים דאָס לעפל מיט גוואַלט אין מויל אַריין. האָסט באַדאַרפט זען, ווי אויפגערעגט און צעקאָכט זיי זיינען בידע דעמאָלט; ווי זיי טופען מיט די פיס: „פרעס דו, צעלאָזענער! טאַטע און מאַמע עס יונגערהייט ניט געהאַט; און דו איצט מוזט עס פאַר זיי אויפמאַנען, מיט פראַצענט אָפּעסן. פרעס דו, צעלאָזענער! פרעס...

— און איר, רב מיכל, האָט זיך אַהער נאָך געריסן! געדענקט איר, אַמאָל אין חדר? אין לאָנדאָן האָט זיך אייך געוואָלט...

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן, וועלוועלע. לאָנדאָן אָדער ניו יאָרק איז ניט שולדיק. זיי לעבן דאָך אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. האָסט באַמערקט זייער גאַס? ווי אין אַ בערישן לאָך ליגן זיי דאָך דאָרט.

— איז וואָס וועט זיין, רב מיכל? וואָס וועט מיט אייך זיין?

— וועלוועלע, זעסט דאָך, איך האָב פאַרשפּילט.

— טאָ, נעמט נקמה, פאַרשילט זיי, אָט דאָ פאַר מיר אין די אויגן. כ'וועל אַן עדות זיין און אייך מיט אַ קללה צוהעלפן. רשעים ביטערע! זיי האָבן עס פאַרדינט...

— שוויג, נאַרישער וועלוול! איך האָב מיינע קינדער ליב. זיי

אַליין זיינען ניט אינגאַנצן שולדיק. שולדיק אפשר בין איך און דו אויך...

— איך און איר?

— ס'קען זיין... כ'וויל וועגן דעם ניט רעדן. אַ דאַנק דיר, וועלוועלע. האָסט געטאָן אַלץ, וואָס דו האָסט געקענט.

— איר גייט שוין אַוועק?

— זעסט דאָך.

— כ'מיין אַהין, אין מושב־זקנים, וואוהין מען שיקט אייך?

— וואָס פרעגסטו?

— איר גייט שוין אַהין מיטן גוטן ווילן?

דער אַלטער האָט אויף מיר קלוג, ליידנדיק מיט אַ צעוויטיקטן אויג אַ קוק געגעבן.

— שוייג, וועלוועלע! ס'טוט גענוג וויי...

דער אַלטער איז אַוועק. ס'האָט זיך מיר געוואָלט פליקן די האָר פון קאָפּ און קלאַפּן מיט רציחה דעם קאָפּ אָן דער וואַנט...

5

דער טאָג האָט זיך איינגעגעבן אַ וואונדערלעכער, אַזאַ טאָג קען מען נאָר זען אין אַ גרויסער איבערגעפּאַקטער שטאָט.

ס'טרעפט אין שפּעטיקן נאָוועמבער. די פענצטער אין די טענעמענט־הייזער זיינען שוין לאַנג צוגעהאַקט — פאַרמאַכט, די ציגל־ווענט רעגנדיק דורכגעווייקט מיט רויטן אומעט, די מענטשן אין גאַס זעען אויס, ווי בערן, און די קינדערלעך, — העזלעך איילנדיקע מיט אָן איבערגעביטענעם ווינטערדיקן פעלכל. מיט אַמאָל קומט צוגיין אַ טאָג, אַ געלייטערטער, אַ וואַרעמער, אַ זוניקער. דער וועטער איז מילד, שוין צו מילד; עס עפענען זיך צוריק פאַנאַנדער טיר און פענצטער, עס שפּאַרן אַרויס אויף דער גאַס קינדער־ציגעלעך פאַנאַנדערגעהוליעטע, מיט אויפגערעגטן פריילעכן טומל. און אין דער ווייכער זוניקייט, צעשטעלט מען שטולן, זעצן זיך אַוועק אַלטינקע אויסוואַרעמען צע־פרוירענע גלידער. איילט זיך עפּעס די זון ניט אַוועקצוגיין, זעט זי אויס, ווי אַ שפּיטאָל־באַדינער אין ווייסן לויטערן קיטל. אָט, זאָל מען זיך נאָך אַ ווילע אָנפרייען, אָנקוועלן! זאָלן נאָך אַ ווילע טענעמענט־פענצטער זיין אָפן און קינדער־פּיסלעך זאָלן הוליען און טאַנצן. אַזוי איז דאָך בעסער! היינט איז איין געשענקטער טאָג פון לויטערקייט

און גוטסקייט; און זעט נאָר ווי מענטשן זיינען געוואָרן פאַרכאַפּט: זיי זעען דאָך אויס ווי חולאים געזונטוואַרנדיקע; אינעם ליכט־שפּיל דעם לויטערדיקן, האָבן זיי דאָך דעם נעכטן און דעם מאָרגן אינגאַנצן פאַרגעסן...

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי; געאיילט זיך, וואָס גיכער אָנצוטאָן זיך און אַוועקפאָרן. היינט איז דער טאָג, היינט, האָב איך געוואוסט, ריכט מען אויס דעם אַלטן מיכלען אין אַ „האָום״ אַריין.

אַריינצוגיין אין הויז צו זיי, האָב איך אַפילו ניט געטראַכט. אָבער אַ מאָדנער כח, ענלעך אין שטאַרקייט, אפשר, צום כח, וואָס טרייבט אַ פאַרברעכער צוריק צו דעם פּלאַץ, וואו ער האָט אַמאָל באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, האָט געשטויסן מיך אויף דער גאַס אונטערקוקן פון אַ ווינקל און זען, ווי אַזוי דאָס וועט אַלץ צוגיין.

אין סאָבוויי איז היינט, אפשר טאַקע צוליב דעם געשענקטן יום־טובדיק־אויסגעשטראַלטן טאָג, דאָס פּנים פונעם עולם געווען מילדער, פריידיקער. ס׳איז גוט צו זען, וויפיל קינדישקייט ס׳ליגט באַהאַלטן אין יעדן האַרטן, פאַרגרעבטן פּנים, אַז אין האַרטקייט און גראָבקייט אַליין באַהאַלטן זיך שטריכן פון ליידן און חלומדיקייט. שפּעטער, אַז מיר זיינען מיטן סאָבוויי אַריינגעפאָרן גאַנץ ווייט אין ברוקלין, און די וואַגאָנעס האָבן זיך צעטאַנצט אין אַ לייכטזיניקן שפּיל, אַרונטערגע־שפּרונגען צוריק אויף דער זוניקער וועלט, איז געווען פריילעך צו זען דעם שפּיל פון שאָטנס אין דער ליכט. ליכטיקע געטאָקטע פלעקלעך גאָלד האָבן אָן טומל געקלאַפּט אין די פענצטער, אַרויפגעקליבן זיך אויפן האַרטן דיל, ווי נאָר די וואַגאָנעס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון שוואַרצע טונעלן און אָפּגעטונקט זיך אין דער בלאַסלעכער ליכטי־קייט פונעם שפּעטיקן טאָג אין נאָוועמבער.

איך בין אַרויס פון וואַגאָן און צוגעשפּאַצירט צו ביילקעס גאַס. ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פרי. אָפּנים, אַז כ׳האָב זיך אומבאַוואוסטזיניק, שטאַרק צוגעאיילט, געטריבן זיך אַליין אין קאַרק. די שטאָרן אויף אַלע פענצטער זיינען געווען אַרונטערגעלאָזן און בלויז פון צייט צו צייט האָבן אַ פּאָר טופליעס ווייך צוגעשליאָפּעט צו אַ פענצטער, עמעצער האָט אונטערגעהויבן אַ פאָרהאַנג און ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ קישלדיק בייז־פאַרשלאָפן פּנים, אַ פיגור פאַרקליידט אינעם מיאוסן פאַסקע־וואַטן כאַלאַט, מיט די עקלדיקע קוטאַסן, וואָס באַמבלען זיך אויפן שפּיץ אויפגעפּויזטן בויך.

בלויז קינדער זיינען שוין געווען אויף דער גאַס. כאַטש זאַטינקע,

עפלדיקע, האָבן זיי דאָך אומרואיק אַרומגעפלאַמט און געפלאַטערט און צערודערט די שטילע גאַס מיט זייערע העגדלדיקע קולות.

כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ כאַפּטע קינדער. איין חברה־מאַן איז געווען צעהאָוועט מער פון אַלעמען. עס איז געווען פריילעך צו קוקן, ווי ס׳האָבן זיך צעוואָרעמט זיינע בלויע אויגן און אַ זייד־פּעדימ־דיקער לאָק האָר איז אים אַרונטערגעפאַלן אויפן שטערן און געקראָכן אין די אויגן אַריין. דער יונג האָט אַלע ווילע געגעבן אַ שפּרונג אין דער הויך און פאַרוואָרפן דאָס קעפל אַהינטער, כדי דעם שטיפערישן לאָק האָר צוריק אויפן פּלאַץ אַנידערצולייגן.

כ׳האָב אים מיט אַ וואונק צוגערופן צו זיך.

— אהאַ! חברה־מאַן! כ׳ווייס טאַקע ווי מען רופט דיין טאַטן־מאַמען, דיין זיידן...

— „איז דהאַט־סאָ״?

— כ׳ווייס נאָך עפּעס: דיין זיידן פירט מען היינט אוועק. „אָל בעטשיו״, דו ווייסט עס ניט. דו ווייסט ניט, פאַרוואָס מען נעמט אים צו פון דאַנען?

דער ייִנגל האָט מיר אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

— כ׳ווייס! די מאַמע זאָגט ער איז אומציכטיק, ער שפּייט אַלעמאָל אויפן „פלאָר״.

— נו, און דו, חברה־מאַן, האָסט ליב דעם זיידן דיינעם? פאַר־דריסט דיר, וואָס מען נעמט אים צו פון דאַנען?

— „איי שוד וואָרי, מיסטער״, קלעפּ זיך אָפּ, נודיע ניט, לאָז שפּילן...

דער ייִנגל האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט פרעכקייט און מיט האָרץ און איז אַוועקגעלאָפן צו זיינע חברים.

דערווייַלע האָבן שטאָרן אין די פענצטער אַרויפגעהויבן זיך אין די ווינקלען. פון אומעטום האָבן אויף מיר קרום־שפּיזיק געשאַרפט זיך פאַרדעכטיקע פרויען־אויגן: ווי קום איך, אַ פרעמדער, אַהערצו פאַר־טאָג? וואָס דריי איך זיך אַרום? און וואָס פאַר אַ געשעפטן איך האָב מיט קינדער?

שפּעטער, אַזייגער צען, איז צו ביילקעס הויז צוגעפאָרן אַ וואָגן: אָט פון דעם מין לאַנגע צוגעמאַכטע, שאַרף־קלינגענדיקע ווענענער מיט בענק פון די זייטן, מיט צוויי האַלבע צוגעשלאָסענע טירלעך. אַזוי ווי אַמבולאַנסן, אָדער פּאַטרול־וועגענער. פון דאָרטן איז אַרונטערגעשפּרונגען אַ מאַן מיט אַן אַרויסגעגייטן שוואַרץ־זיידענעם פּאָס איבערן דאַשעק

פון זיין היטל; ער האָט אימפּעטדיק, אומגעדולדיק אָנגעהויבן קלינגען אין טיר.

אַ פאַרשטעקטער ווי אַ גנב בין איך געשטאַנען אין אַ ווינקל. אַ וואַרעמער שטראַל, ווי אַ ווייכער שניט האָט זיך אינדערברייט אויסגע־לייגט און געקיצלט איבערן פּנים. כ'האָב פאַרשפּיצטע הייסע הונגעריקע אויגן, געוואָלט זען אַלץ, ווי אַזוי דאָ וועט זיין.

מיכל איז אַרויס דער ערשטער, מיט זיין שטעקן אין האַנט, וואָס ער האָט אים געשטעלט אין דער קרום, פון שוואַכקייט אָדער פון צע־טומלטקייט, נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען ביילקע מיט אַ צונויפגעקניפּטן ווייסן פּעקל. די טיר פון קאָרידאָר האָט זי פאַרגעסן צו פאַרמאַכן און אַ גאַנצער בינטל פריידיק־לאַכנדיקע שטראַלן איז אַהין מיט אימפּעט גלייך אַריינגעפאַלן...

דעם אַלטנס פּנים האָב איך פון דערווייטן ניט געזען. ער האָט ניט געקוקט אויף די זייטן, גערוקט זיך צום וואָגן ווי אַן אַרויסגע־גראָבענער, אַלטער אָבער נאָך גאַנץ שטייפער קאָרטש, די ברוסט אויסגעשטעלט פאָרויס מיט געמאַכטער אָנשטרענגונג. ביים אַריינגאַנג אין וואָגן איז דער באַאַמטער צוגעלאָפן און געוואָלט אים אונטערהעלפן; ער האָט אים אָבער פון זיך לייכט אָפּגעשטויסן.

ווען ער איז שוין געזעסן אינווייניק, אויף דער זייטיקער באַנק, האָט זיך ביילקע פאַרהאָוועט, צעטומלט און פאַנאַנדערגעשריען:

— טאַטע! דאָס פּעקעלע וועש! דאָס פּעקעלע זאָלסט למען השם ניט פאַרגעסן...

נאָכדעם:

— טאַטע! וואַרט! דאָס עסן האָב איך אין הויז פאַרגעסן!

אין מיין באַהעלטעניש האָב איך געפילט, אַז מיין קאָפּ ווערט אַ שלאַנגען־קאָפּ, אַז ער בייגט זיך, דרייט, ציט זיך אויס אינגאַנצן און וויל זיך אַריינפלעכטן אַהין צווישן טאַטן און טאָכטער.

ביי זיי אין גאַסט־צימער האָט אַ קינד, אַפּנים, דערוויל אָנגעדרייט דעם פּאָנאָגראַף און ער האָט זיך פלוצלונג אינמיטן דעריבערן צעקאָכט.

יאָסל! אוי, גוואַלט יאָסל!

וואָס האָט פאַרלאָרן דעם פּופּיק אין זיין ראָסל.

יאָ—אָ—אָ—סל.

דער שכנותדיקער פּאָנאָגראַף פון דער צווייטער שטוב האָט אונטער־געכאַפּט:

— אַי אַ מיידל און אַי אַ מיי־דע־לע.

— זיי געזונט, טאַטע! פאַר געזונטערהייט...

די צוויי האַלבע טירלעך האָבן זיך פאַרמאַכט און איבערגעהאַקט אויף צווייען אַ בינטל אויסגעשפּיזטן ליכט. דער וואָגן האָט זיך געגעבן אַ ריר פון אָרט, מיין שלאַנגגן־קאָפּ האָט זיך נאָך אים אַ ריס געטאָן.

הינטער מיר איז געשטאַנען אַ פרוי און געשיפּעט מיט אַ קול, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען, ווי פון מיין האַרצן.

— אַ פרימאָרגן אַז ער דרייט זיך דאָ אַרום, טשעפּעט זיך צו די קינדער. אַ פרעמדער, אַ פאַרדעכטיקער, דער גוטער יאָר ווייס אים צוליב וואָס ער איז געקומען...

זי איז צוגעלאָפן צו מיר, אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און געשיפּעט מיט אַ קול, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען, אַזוי ווי פון מיין אייגענעם שלאַנגישן האַרצן.

— ווער ביסטו, „באָם"? „אַ קידנעפּער" ביסטו? זאָג מיר, וואָס דו זוכסט? צוליב וואָס ביסטו אַהער געקומען?...

צווישן חיות

1

אַלעמאַל,ביידערנאַכט, איז אויפגעגאַנגען אַ פלאַם אויפן הימל און מיט רויטן געדיכטן ליכט, ווי אַנגעגליטער געפיילטער קופער, גע־בליצט און געמיניעט זיך אין גרינסן געדיכטן פּאַרק, וואו ס׳זיינען אין שטייגן געלעגן און אומרואיק געקנוילט זיך אַלערליי ווילדע חיות.

דאָס ליכט פלעגט אויפגיין פון דער גרויסער אַנטקעגנדיקער שטאָט, פון געקרייצטע גאַסן, פון קוימנס פון שמעלץ־אויוונס, פון לאַ־קאָמאָטיוו־פונקען, וואָס האָבן זיך, ווי אַ רויטער געזייטער מאָן, גע־שפּריצט, לויפנדיק איבערן הימל פונעם געבליץ פון רעלסן, פונעם גלימ־צער פון גאַסן־פייערן. ס׳רויטע ליכט איז געווען דאָס שטאַרקסטע, נאָר אין אים, ווי אין אַ מעטאַלענעם געוועב, האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַנדערע געקאָלירטע אָדערן, ווייסע און בלויע.

צוזאַמען מיט די בליצן פלעגט זיך אין פּאַרק, פון צייט צו צייט, אַריינשיטן אַ טומל פון געקייקלטן שטיין און צעריסענעם אייזן; ס׳פלעגט אַראָפּפאַלן אין דער שטילקייט פלוצלונג, אומגעריכט און פאַרטייען זיך אין די טונקלסטע ווינקלען. דעמאָלט, פונעם נאַכטיקן געשריי פון שטאָט, פלעגן זיך די ווילדע חיות אויסטשוכען פון זייער פאַרטיפטן שלאָף או ווערן שטאַרק אומרואיק.

דער ווילדער בוהאַי, אין זיין פאַרצאַמטן הויף, פלעגט זיך פאַ־נאַנדערלויפן און מיט די הערנער, טעמפּ, מיט אַ דראָענדיקן אָפּהילך, קנאַלן, זעצן אינעם הילצערנעם צאַם, אַזש די קלעצער פלעגן זיך טרייס־לען. אַ פאַרשלאָפענער פויגל, אויף אַ שטאַנג, פלעגט זיך פלוצלונג אויפכאַפּן, אָפּצוויטשערן מאָדנע, אין דער פויגלשער בייטנאַכטיקער שטילקייט, און צוריק ווערן אַנטשלאָפן. אַן אַפּע פלעגט אויפשפּרינגען, אַנטשעפּען אימפּעטיק דעם עק אויף דער הוידעלקע, זי פלעגט אָבער

גלייך חרטה האָבן און נעמען אָפּוויקלען איר עק לאַנגזאַם צוריק; און פון די שטייגן, וואו רויב־חיות זיינען געלעגן פאַרשלאָסן, פלעגן זיך דערהערן אָפּגעהאַקטע, צערייצטע, אויג־פייערדיקע ברומערייען.

די וועכטער, וועלכע זיינען ביידערנאַכט מיט עלעקטרישע לאַמ־טערנדלעך אין דער האַנט איבערן פּאַרק אַרומגעגאַנגען, האָבן דעמאָלט סודותדיק גערעדט צווישן זיך:

— עפּעס ווערן די חיות אומרואיק...

— אַז זיי קאָנען ניט איינשלאָפן! אַ טומל אַזאַ!

— מענטשן ערגער, ווי חיות. נאַכט אַזוי, ווי טאָג...

— און מיר — האַלטן אָרדענונג...

— וואָס קלאַפּט עס דאָרטן אַזוי?

— פון סאַבווייס און עלעוויטאָרס; מ׳הוליעט, מ׳שפּילט זיך אַרום גאַנצע נעכט.

— אין שטייג זיי געדאַרפט אַריינזעצן, ווי אונדזערע דאָ.

— האַ־כאַ־כאַ...

— אפשר וועט שוין אַמאָל שטיל ווערן? האַ?

די וועכטער פלעגן זיך אַוועקזעצן אויף די בענק, זופּן רויך פון ציגאַרעטן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די אַרבל (רויכערן ביינאַכט איז ניט דערלויבט) און וואַרטן, ביז איינער פלעגט אָנהייבן פאַריבלדיק און שטיל:

— נו, אַ לעבן!

— אַ נעכטעלע...

— אַ זינג טאָן אפשר צוזאַמען פון פריילעכקייט וועגן?

— מ׳טאָר ניט! פאַרווערט...

— אַז געפאַנגענע זיינען מיר דאָ, ווי יענע אין שטייג.

— יענע, כאָטש מיט צוואַנג געבראַכט צופירן, און מיר — געקו־מען אַהערצו אַליין.

— קיין שלעסער דאַרף מען פאַר אונדז ניט, קיין פרענטן. פאַר זיי האָט מען מורא, פאַר אונדז ניט.

— אַז זיי זיינען שטאַרקע.

— און מיר?

— שוואַכע: קראַליקעס, האָזן, פּרעירי־הינטלעך, וואָס גראָבן זיך אין דר׳ערד.

— פונדעסטוועגן זיינען מיר די באַלעבאַטים פון שטייג...

— אונדזער כח? די גבורה פונעם אייזערנעם פרענט.

— נאָר כיטרע זיינען מיר. אַהאַ ס׳אַרא כיטריגקע...

— „בילי‟, דער לייב, לאָזט זיך קיצלען אונטער דער מאָרדע און פּאָלגט, וואָס איך הייס...

— און „בערטע‟ די שוואַרצע, טוט אַלץ פאַר אַ זיסן לעקאַכל. כאַ־כאַ...

— קלוגעטשקע, קוקט! דאָרטן הוליעט מען, און איר, ווי גליווערים, אין דער פינצטער אַליין...

— אפשר דורכפאָרן זיך איצט אַהין? אַ הוליע טאָן און פאַרברייגען?

— און די חיות?

— נעמען מיט זיך.

— אונדזערע פריינט. איין לעבן...

— איין האַנט מיט זיי מאַכן: מיר און די חיה אין שטייג — איין האַנט.

— דו׳סט מיט „בילין‟ אין מואַוויס גיין...

— און דו מיט דער שוואַרצער „בערטע‟, וועלן גיין טאַנצן. אַ ווואוילע פאָר...

— הער שוין אויף, אַפּשפּעטער!

— נו, אַ לעבן...

— אַ נעכטעלע אַזאַ!

— אַ־כאַ־כאַ־כאַ...

אַזוי פלעגן די וועכטער אָפּשמועסן צווישן זיך, ביז ס׳פלעגט אָנהייבן טאָג ווערן, און אויפן אויפגייענדיקן הימל, ווי אויף אַ פאַרטיפסטן בלויען וואַסער, פלעגן אַפּציטערן ווייטע גאָלדיקע שלאַנגען פון אומרואיקע שמעלץ־איווונגס, און דער רויך פון דער גרויסער אַנטקעגנדיקער שטאָט, וואָס פלעגט זיך אין יענער צייט פון טויזנטער קוימנס אַרויסשפּאָרן, פלעגט לאַנגזאַם צעשווימען און אויסמישן זיין גרויקייט אינעם גרוי־בלוילעכן געשפּריץ פון דעם ניי־געבאָרענעם טאָג.

דעמאָלט פלעגט „ביל‟, מיט אַ לייביקן געבריל, אין שטייג אויפשטיין און אַוועקלאָזן זיך אויף זיין געוויינלעכן הין־און־צוריק שפּאַציר. ס׳פלעגט זיך אויפכאַפּן יעדע רויב־חיה און גראָז־עסער פון זיין מין. אין פאַרשטיקטן פויגל־שטייג, פלעגט זיך צעשיטן אַ פּוכיקע ווייך־פליגלדיקע פּאַטשערייר און אַ צוויטשעריי, און דער ווילדער בוהאַי פלעגט זיך ווייטער אין זיין אַפּצאַמונג פאַנאַנדערלויפן און קנאַלן, דראַענדיק מיט די הערנער אינעם הילצערנעם צאַם.

דער געוויינלעכער טאָג האָט זיך אָנגעהייבן. די באַדינער האָבן

פאַנאַנדערגעטראָגן דעם ערשטן אינדערפריערנדיקן מאַלצייט: גראָז, היי, יאַשטשערקעס און פישן, מייז און ווערים,ביינער און קראַליקעס, פלייש־זייטלעך, פון וועלכע ס'פרישע רויכערדיקע בלוט האָט גאָלד־טראָפנדיק געטריפט. פון אומעטום, אינעם גרויסן זאָאָלאָגישן גאָרטן, האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער זשוואַק, אַ הילכיקער כראָמטשק, אַ קנאַק פון אַ צעכרושטשעטן ביין, אַ ווייכער אָפּרייס פון פלייש מיט געשאַרפטן נאָגל, אַ דאָרשטיקער צונגען־צעכליאַפּ און אַ צופרידענער קרעכצנדיקער ברום, ווי איינער זאָגט:

— נו, גוט אַזוי! אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, זאַט און צופרידן. איז וואָס נאָך פעלט אונדז? האַ! וואָס נאָך...

***

די חיות אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האָבן אויך זייער פּראָסטן מיטנוואָך און זייער יום־טוב געהאַט: אַלעמאָל, זונטיק און רו־טאָג איז דער פּאַרק געווען פול מיט באַזוכער.

די שטאָט האָט אַ גאַנצע וואָך געבענקט נאָך דער ווילדער חיה. ס'זיינען דאָ געווען מענטשן פון אַלע שטאַנדן. געקומען איז מען פאַמיליענווייז, מאַן און ווייב, מיט זייערע קינדער. אַלטע פּאָר־פאָלקן האָבן זיך שנעל אויסגעמאַטערט און געמיטלעך גערוט אויף די בענק, אַרום שלעכט־שמעקנדיקע שטייגן. יונגוואַרג האָט זיך געפירט פּאָר די הענט, געטוליעט זיך לייב צו לייב און נאַריש געשמייכלט, קוקנדיק אויפן אָפּגעדעקטן חיהשן לעבן; און קליינע קינדער האָבן זיך אָפּגעטשעפּעט פון טאַטע־מאַמעס הענט, זיינען אַרומגעלאָפן ווילדע און איבערגעלייגט זייער צעהיצטע אויפגערעגטע מאָרדעס איבער אייזערנע גראַטן. זיי האָבן בייגעריק געקוקט, ווי דער ים־לייב פליעסקעט זיך אין רונד־וואַסערדיקן באַסיין, ווי ער זעצט אַרויף זיין ווייך־פליישיקן גוף אויפן אַרויסשטאַרטשענדיקן שטיין און האָט הנאה פון זיין ווילדן רעווען. נאָכדעם האָבן זיי דעם העלפאַנט אין טרובע־נאָז געלייגט שאָ־לעכצן און ניס־יאָדרעס, געוואָרפן די בערן אין הייל געבראָטענעם צוקערדיקן קאָרן און אומגעדולדיק געשלעפּט טאַטע־מאַמען פאַר דער האַנט, גיין ווייטער, צום שלאַנגען־שטוב, אָדער צום הויז פון די אַפּן...

בלויז דינע, שיטערע שטאַכעטן האָבן אָפּגעטיילט דעם באַזוכער פון דער חיה. האָט איינער אַ האַנט אויסגעצויגן, איז אים אַ האַריקע לאַפּע אַנטקעגנגעקומען. און קליקעס, שאַרפע, ווייסע, בייסנדיקע האָבן געבליצט, ווי אָפּגעשליפענע שפּיזן. האָט אפשר יעדערער מקנא געווען דעם נאַקעט־ווילדן גבורהדיקן חיה־לעבן. און ווייל ס'לעבן איז אים

געוועז פיינטלעך. און איז איצט פעסט אין שטייג געזעסן פאַרשפאַרט, האָט דער גאַסט הנאה געהאַט, געקוויקט זיך מיט נקמה און איז געווען צופרידן מיט זיינע אייגענע כוחות...

דער לייב, האָט אַרום זיך געצויגן דעם גרעסטן עולם. ער איז אַרומגעגאַנגען, אַ געלער, אַ געשאָרענער, נאָר אַרום קאָפּ האָט זיך געשויבערט אַ ווילדע פאַרוואַקסענע גריווע און דער האָרנדיקער שפּיץ־עק, אויפגעהויבן אין דער הויך, איז אויך געווען באַדעקט מיט פּילקעס געלן שטעכיקן אָנוואוקס.

דער גוטמוטיקער עולם האָט זיין התפעלות ניט געקאָנט באַהערשן און געטיילט זיך, ברידערלעך, רעכטס און לינקס:

— אָט איז ער! דער וואַלד־קייסער...

און אַ טאַטע פלעגט זיין קינד אויפהויבן אויף די הענט און צייגן מיטן פינגער אויפן שטייג:

— קוק אים אָן. כע־כע־כע! דער קייסער...

פאַרנאַכט האָבן די באַדינער ווייטער געטראָגן צו די חיות זייער מאָלצייט: היי און גראָז, פיש און יאַשטשערקעס, מייז און קראָליקעס, פלאַנקענס פלייש, פון וועלכע וואָרעם בלוט האָט גאָלד־טראָפּנדיק גע־טריפט. די באַזוכער האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. די טויערן פון גאָרטן האָט מען פאַרשפאַרט. דער יום־טוב טאָג האָט זיך געענדיקט, און די חיות אין שטייג האָבן געדאַרפט שלאָפן...

2

מיסטער גרעהעם, דער „טשיף״ פונעם זאָאָלאָגישן פאַרק, האָט גע־האַט אַ געוואוינהייט איינמאָל אין וואָך צונויפקלייבן אַלע זיינע אַר־בעטער און דורכריידן זיך מיט זיי. האָבן אַ לאַנגן זאַכלעכן שמועס וועגן אַלע איינצעלהייטן פון דער אַרבעט.

אַזוי ווי מיסטער גרעהעם איז געווען אַ „דעמאָקראַטישער״ מענטש, אַן אָנגעשטעלטער פון דער שטאַט־רעגירונג, צו וועמען דער גאָרטן האָט געהערט, האָט ער ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַרבעטער און אַרבעטער, אַלע האָבן געמוזט קומען צו דער וועכנטלעכער באַראַטונג.

דאָרטן זיינען געווען די וועכטער, די קוכער, דער לייבן־צוימער, דער בערן־דרעסירער, דער אייזל־פירער, דער דענטיסט, וועלכער האָט געדאַרפט ביי דער ווילדער חיה אַרויסרייסן אַ צעפוילטן צאָן, און דער דאָקטאָר, וועלכער האָט געדאַרפט היילן פון מאָגן־פעלער און וואַלד־בענקשאַפט.

די באראטונגען זיינען פארגעקומען אין מיסטער גרעהעמס קאבינעט, אינעם גרויסן אפיס־הויז, וואס איז געשטאנען אין גארטן, א בנין מיט געגלאזטע טירן און גרויסע ליכטיקע פענצטער, די ווענט ארומגעוויקלט מיט קריכנדיקע פלאנצן, און ארום שטוב זיינען געווען בייטן פון פענזיס און דאנדעליאנען. אינעם קאבינעט איז געשטאנען א שרייבטיש, אן „אנדערוואוד"־טייפּרייטער, און אויף א רונדן שטול איז געזעסן מיסטער גרעהעם און ארומגעשפּינט זיין געזונטן, רירעוודיקן, פליישיקן קערפּער.

לעבן זיין רעכטער האנט איז געשטאנען א קעסטל, אנגעפּאקט מיט קאנווערטלעך. אין די קאנווערטן זיינען געלעגן די שכירות פאר א וואך ארבעט. אזוי פלעגט זיך געווינלעך די צערעמאניע פארענדיקן: נאכן „טשיפּס" רעדע, דאס אויסטיילן פון די שכירות, א פארגיטיגונג מיט א זעקל קערנער, פאר אפּגעשמיסענע, באשטראפטע ייִנגלעך.

— הערט זיך איין, „באיעס", א וואך ארבעט איז אוועקגעגאנגען, איצט לאמיר אלע צוזאמען באטראכטן און ארומקוקן זיך, וואס מיר האבן אויפגעטאן, וואס מיר האבן פארנאכלעסיקט צו טאן, און אויב עמיצער איז שולדיק, וועלן מיר זיך ניט שעמען און אנצייגן אויף אים גלייך מיטן פינגער.

און מיסטער גרעהעם האט צוגעגעבן מיט א ביטערן אויג־פינטל און מיט א גוטמוטיקן אנצייג אויפן געפּאקטן קעסטל קאנווערטן:

— געדענקט, „באיעס"! ניט איך מאן פון אייך, נאר זיי מאנען און פאדערן: גיט אונדז, וואס אונדז קומט, א פולע וואך ארבעט פאר אונדזער פולן ערלעכן געצאלט...

א נאטור האט ער געהאט, דער מיסטער גרעהעם, אנצוהייבן שטיל, זייטיק, גוט און לאסטשענדיק און אריינשיטן הארטקייט און פייערדיקייט אומבאמערקט, אין סאמע מיטן. א נאטור האט ער געהאט צו באזאלצן און באפעפערן זיין שמועס אזוי, אז דער באשטראפטער און געכאפּטער ביי דער האנט זאל זיך ניט קאנען העלפן און לאכן פון זיך אליין מיט א צעקראכענעם שמייכל; און דורכגעלאזן האט ער קיינעם ניט, ארויפגעשפּרונגען אומגעריכט, ווען יענער האט זיך גאר געקוויקט מיטן צווייטנס מפּלה...

— אט נעכטן בין איך דורכגעגאנגען פארביי דעם פּלויט פון די ווילדע חזירים. פארשטייט זיך, חזירים שמעקן שלעכט. נאר א, „באיס"! האב איך דארטן א ריח געהערט, אזא ריח...

מיסטער גרעהעם האט זיך אויפגעשטעלט פון שרויף־שטול, פארשטעקט די נאז אין אן אקטיארישער פּאזע, און אז ער האט באמערקט

אַ צעקראַכענעם שמייכל אויפֿן עולמס ליפּן, איז ער מיט אַמאָל צע־קאָכט געוואָרן און האָט געגומען האַסטיק טייטלען מיטן האַנט אויפֿן קעסטל קאַנווערטן:

— ניט איך! זיי מאַנען פֿון אייך און פֿאָדערן! דער ווילדער חזיר שטינקט, נאָר מיר דאַרפֿן אים רייניקן און ציכטיקן! מיר האָבן דער־פֿאַר באַקומען באַצאָלט! נאַרט אונדז ניט! פֿעלשט ניט, שווינדלט ניט! גיט אונדז, וואָס אונדז קומט, די פֿולע מאָס אַרבעט...

ער האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט אין שטול און אַ באַרואיקטער, אַ לאַסטשעגדיקער ווייטער אָנגעהייבן:

— „באָיס״, איר זייט אַמאָל קליינע קינדערלעך געווען?

— און אויף אַלע פֿיר אַרומגעפּויזעט?

— און דאָס בייכעלע האָט אַמאָל ווי געטאָן?

— און ס׳קעפּעלע אויך? און אַז איר זייט גרעסער געוואָרן — די ציינדעלעך אויך?

— און וואָס האָט מען דעמאָלט געטאָן, אַז ס׳ציינדעלע האָט גע־נאָיעט? צום דענטיסט געגומען? אַ־יאָ?

— און ער האָט אַ בלישטשענדיק צווייגעלע אין מויל אַריינגערוקט. ס׳קינדעלע האָט אַזוי מורא געהאַט, געמאַכט בו־הו־ו־ו. האָט מען ס׳צעפּוילט ציינדל מיטן וואָרצל אַרויסגעשלעפּט, ס׳וואָרצל האָט אַ כרושטשע געטאָן, אַ ווײלע האָט ווי געטאָן, שטאַרק ווי געטאָן, נאָכדעם איז געוואָרן בעסער, ליכטיק אין די אויגן. ניט אמת? אַ־יאָ?

מיסטער גרעהעם האָט אַריינגעשטאָכן אַ פּאָר שאַרפֿע אויגן אין פּעטסי, דעם ציין־שלעפּער, און צוגעדריקט אים, ווי אַ שפּין אַ פֿויזנ־דיקע, צו דער וואַנט.

— אונדזער לייב ליידט אויך פֿון ציין־ווייטיק? האָט ער זיין פּאַרציע פֿלייש היינטיקע וואָך איינגאַנצן אויפֿגעגעסן? האָט ער זיינע ביינער צעקנאַקט? האָסטו אים, פּעטסי, אין מויל אַריינגעקוקט, געטאָן פֿאַר אים, וואָס מ׳באַדאַרף?...

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אין אַ טראַגישער פּאָזע פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן קאָפּ און געקרעכצט מיט גאַל:

— ניט איך מאַן, די „שטאַט״! זי בלוטיקט זיך, זי צאָלט! זי רייסט „טעקסעס״ פֿון טויט און פֿון לעבעדיק, האַלט אויף זאָאָלאָגישע גאָרטנס, חיות, שלאַנגען, און איר דאַרפֿט אויף דעם אַכטונג געבן. לייבן מאַכט מען ניט, לייבן ווערן אַזש פֿון אַפֿריקע געבראַכט, געלט קאָסטן זיי אָפּ, אוצרות גאַנצע. לייבן טאָרן פֿון צאָן־ווייטיק ניט ליידן! און

איך גייט קיין זאַך ניט אָן, אַבי די שכירות אָפּצונעמען. אַי! איר! איר...

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, מיט אַ קאַלטן פאַרניכטענדיקן שמייכל זיין עולם אָפּגעמאָסטן און אָנגעהייבן שטיל, לאַסטשענדיק פון דאָס ניי:

— אַ וועכטער וואָס טוט? שלאָפט.

— אַ גוטער וועכטער שלאָפט אויף איין אויג, אַן ערגערער — אויף ביידע. אַ שלעכטן וועסטו מיט אַ קאַנאָנען־קויל ניט אויפוועקן.

— איז ביי מיר אַמאָל אַ וועכטער געווען, דזשאָו האָט ער גע־הייסן; אַ גרויסער פעפער און אַ פוילענצער. מיר האָבן אים באַלד טאָקע משלח געווען. האָט ער זיך איינמאָל ניט געהאַט וואו צוצו־שפּאַרן, נעמט ער און לייגט זיך אַוועק ביים קראָקאָדיל אויפן רוקן צוצו־ווערט טאָקע גלייך אַנטשלאָפן. כ׳גיי דורך פאַרביי און זע: דזשאָו שלאָפט, און אַ צווייטער קראָקאָדיל האַלט אָפן ס׳מויל און וויל אים שוין איינשלינגען. „דזשאָו״! — שריי איך מיט אַלע כוחות, — „שטיי אויף! אַ סכנה!״ און ער, אַז ער גיט ניט אַ זשמור מיט אַ פאַרשלאָפן אויג און אַ ריב אין דער פּאָטיליניצע: האָ, באָס״? גאָרנישט! קיין סכנה! כ׳טו מיר מיין אַרבעט, כ׳וואַך, כ׳וואַך...

דער עולם, „טשיף״ גרעהעמס אונטערטאָנען, לאַכן אַ צעקראַכענעם שמייכל, און דער „טשיף״ אַליין ווערט רויט און צעקאָכט:

— און אונדזערע וועכטער האָבן ניט באַמערקט, ווי אַ קינד האָט דעם בער דערלאַנגט אַ הענטל, און דער בער האָט אים אָפּגעביסן אַ פינגער פון האַנט...

— איר פאַרשטייט, וואָס דאָס מיינט? אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַ־אַ־אַנדאַל פאַר אונדז אַלעמען! אין די בלעטער וועט מען שרייבן, קעגנער וועלן אין די גאַסן פויקן: בלינדע זיצן דאָ, לאַמע; קאַליעדיקע! וואַנצן זאָלן זיי היטן, און ניט קיין ווילדע חיות! און די „שטאָט״ וועט צאָלן. געריכטן, פּראָצעסן „לאָיערס״! איר פאַרשטייט כאָטש? איר פאַר־שטייט?...

מיסטער גרעהעם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן טראַגיש אין שרויף־שטול, און דער שטול האָט זיך אַזש צעטרייסלט. ער האָט פאַרשטעלט מיט די פעטע רויטע דלאָניעס דאָס פּנים און די שלייפן פון קאָפּ.

אַ ווילע האָט ער געשוויגן, נאָכדעם האָט ער דעם זייגער פון טאַש אַרויסגעצויגן, אַ קוק געטאָן און פאַרקנאַקט צוריק דאָס דעקל מיט אַ טרוקענעם כליאַפּ.

— איצטער לאָמיר זיך נעמען צו דער ריכטיקער אַרבעט. כ׳זע,

איר זייט שוין אומגעדולדיק. נו, „באָיעס", שטעלט זיך אַוועק אין דער ריי.

ער האָט אַרויסגענומען איינציקע קאָנווערטן מיט צוויי פינגער פון קעסטל, און יעדערן, אַרויסרופנדיק ביים נאָמען, אין האַנט דערלאַנגט, מיט אַ „דזשינדזשער"־שמייכעלע אויף די ליפּן:

— פּעטסי, נאַ! מאַיער, נאַ! יוזש, נאַ!...

די אַרבעטער האָבן זיך גענומען צעגיין, ווי אָפּגעשמיסענע יינגלעך. אין די פאַרשעמטע פינגער האָט דאָס פּעקעלע געלט, ווי זודיקע קראָ־פּעווע, געברענט.

אויפן הויף האָט מען זיך קופּקעסווייז אָפּגעשטעלט.

— אַ פוקס איז דער מיסטער גרעהעם!

— ערגער!

— אַ וואָלף!

— ערגער!

— אַ שלאַנג אַ שיפּענדיקע!

— נאָך ערגער!

— באַליידיקט ניט די חיה. אונדזער „טשיף" איז כיטרער פונעם פוקס, בייזער פונעם וואָלף און אַ סך גיפטיקער פונעם שלאַנג.

— „באָיעס" רופט ער אונדז. אַ נייער פריינט...

— אַז אונדזער פריינט איז גאָר די חיה! איין לעבן...

— איין האַנט דאַרפן מיר מיט זיי מאַכן: מיר און די חיה אין שטייג — איין האַנט.

און פּעטסי, דער לייבן־צוימער, האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ציינער אין דער אונטערשטער ליפּ שטייף איינגעביסן און אַ פאַרקנאָטענעם קולאַק אין דער ריכטונג פון גרעהעמס אָפיס געשיקט:

— געדענק!...

3

אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט אַ סטרייק אויסגעבראָכן. געשען איז עס אָט אַזוי:

אַז פּעטסי, דער לייבן־צוימער, איז אַריין צו „בילן" אין שטייג און גענומען זיך מיט ביידע הענט אויפרייסן זיין מויל, אויסצוקורירן זיינע צעפוילטע ציינער, איז „ביל" מיט אַמאָל בייז געוואָרן, האָט אַריינ־געכאַפּט אין מויל דעם אַלטן פריינט זיינעם, אין דער לענג, ווי אַ הילצערנעם שטעקן, האָט אים אַרומגעטראָגן אַרום די גראַטעס אין מאָל,

צוויי מאָל, הין און צוריק, און אַז דער עולם מענטשן אין דרויסן האָט אַ גוואַלט און אַ טומל געמאַכט, האָט זיך „ביל" צוריק דערמאָנט און אַרויסגעשפּייט פּעטסין פון מויל, פון צווישן זיינע ציינער...

איז דאָס נאָך קיין אומגעוויינלעכע זאַך ניט געווען: פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט אַזאַ באַשעפעניש, מען קריכט צו דער ווילדער חיה אין מויל אַריין, פאַרזוכט מען דעם טעם פון אירע ציינער...

און אַז פּעטסיס אלמנה איז געקומען צעלויפן און האָט די האָר פון קאָפּ געריסן, און האָט דעם ווייניקן שנירל צאָן־צייכנס אויפן טויטנס ברוסט און רוקן גענומען קושן און זויגן און באַגיסן זיך מיט טרערן, איז עס אויך קיין אומגעוויינלעכע זאַך ניט געווען!

— געוויס! אַ פרוי דאַרף איר מאַן באַקלאָגן!

נאָר אַז שפּעטער האָט „טשיף" גרעהעם אויף אַ באַראַטונג זיין עולם צונויפגערופן און האָט באַדויערט דעם אומגליקלעכן „צופאַל", און האָט זיי געגעבן אַ לעקציע אין „פאַרזיכטיקייט", האָט דער עולם געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— וואָס רעדט ער? שווייגן דאַרף מען איצט! שווייגן...

און אַז ער האָט נאָכדעם די קאָנווערטן פון קעסטל גענומען אַרויס־ציען, האָט ער זיך פאַרגעסן און אויסגערופן, ווי אַלעמאָל:

— מאַיער, נאָ! יוזש, נאָ! פּעטסי, נאָ!

איז אָט דער אויסרוף „פּעטסי", מיטן קאָנווערט, וואָס איז פאַר־יתומט געבליבן הענגען אַ ווײַלע אין דער לופטן צווישן דעם „טשיפס" פינגער, האָט אויפגעריסן די פאַרשטיקטע אומרו, וואָס האָט זיך ביי יעדערן אין אַ פינצטערן ווינקל פון האַרצן געקנוילט. כאָטש אַלע האָבן געשוויגן, דאָך האָט זיך אין צימער דורכגעטראָגן אַ מאָדנער זשום פון צערייצטן פייערדיקן בלוט.

— מיר... לעבנס גיבן אָפּ, און ער — צוריק קאָנווערטן אין דער פוסטער לופט.

איז אין יענער מינוט ביי אַלעמען איין געדאַנק געבאָרן געוואָרן, מיט דער אַנטשלאָסנקייט, פאַר וועלכער מען גיט דאָס לעבן אָפּ:

— גרעהעם מוז גיין.

און מאַיער, דער העלפאַנט־פירער, האָט דעם געדאַנק פון אַלעמענס הערצער איבערגעלייענט און האָט אים אויף די ליפּן אַרויסגעבראַכט:

— מיר ווילן מער ניט גרעהעמען! גרעהעם מוז גיין...

דער „טשיף" האָט זיך פאַרלאָרן. פּעטסיס קאָנווערטל איז אַ פאַר־שעמטער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— וואָס? וואָס איז געשען?...

נאָר דער עולם האָט זיך שוין געשאָטן אין דרויסן. אויפן הויף האָט ער זיך קופקעסוויז אָפּגעשטעלט:

— מיר אים, — לעבנס, און ער — שכירות אין דער לופט...

— אַ פוקס איז דער מיסטער גרעהעם!

— ערגער!

— אַ וואָלף!

— ערגער!

— אַ שלאַנג אַ גיפטיקע!

— ערגער!

— ביטערער פון אַ פוקס, בייזער פון אַ וואָלף און אַ סך גיפטיקער פון אַ שלאַנג...

און איבער אַלע קולות איין קול:

— גרעהעם מוז גיין...

4

אַזוי האָט זיך דער סטרייק אָנגעהויבן.

באַדערנאַכט, ווען דער רויטער פלאַם אויפן הימל איז אויפגעגאַנגען, און דראָענדיק מיט אַ בייז ווינקנדיק אויג אַריינגעקוקט אין די פינצטערע ווינקעלעך פון פּאַרק, איז דאָס אויג צופרידן געבליבן: דער עולם האָט זיין צאָרן און בענקשאַפט פון שייד אַרויסגענומען ווי אַ שטאָלענע שווערד, און געשאַרפט און געשליפט.

דער פירער איז געוואָרן מאַיער דער העלפאַנט-טרייבער, און יוזש, דער אויפזעער אין שלאַנגען-שטוב, איז זיין צווייטע האַנט געווען.

ביז איצט איז מאַיער געווען אומבאַקאַנט. זיין אַרבעט איז געווען אַזאַ, אויף וועלכער דער עולם האָט געקוקט מיט גרינגשעצונג און מיט שפּאָט. דער גאָרטן האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג פאַר קליינע קינדערלעך, אַן אַמוזירונגס-פּלאַץ, דאָרטן זיינען די קינדער דורכגעפאָרן רייטנדיק אויף קליינע אייזלען און ביים העלפאַנט אויפן רוקן פאַר פינף סענט. זיינען דאָרטן געווען עטלעכע יונגען, אייזל-טרייבער, און מאַיער האָט הין-און-צוריק דעם העלפאַנט פאַר דער נאָז אַרומגעפירט.

ביי אַזעלכע מאָדנע מלאכות האָט ער פאַרבראַכט זיין גאַנצן לעבן. אַ יינגל, נאָך קיין אַכצן יאָר ניט אַלט, איז ער אַנטלאָפן פון רייכע טאַטע-מאַמע און איז געקומען אין אַמעריקע. דאָ האָט ער געזוכט אַרבעט אין שפּיטאָלן, אין משוגעים-הייזער, אין באַערדיקונגס-קאָנטאָרן, אַ לאַנגע

צייט האָט ער אַרומגעטרעמפּעוועט גלאַט אַזוי זיך, אַן אַ ציל; ביז וואַנען ער האָט זיך צוגעשלאָגן צום זאָאָלאָגישן גאָרטן. דער ערד־הויטיקער, געדולדיקער, שטאַרקער העלפאַנט האָט אים צו זיך צוגעצויגן, און ער האָט זיך ניט געקענט אַזוי גיך פון דאַנען אָפּרייסן...

אַ חלום האָט ער ביי זיך אין געדאַנק געטראָגן, וואָס ער האָט קיינעם ניט אויסגעזאָגט: איינמאָל, אַז די צייט וועט קומען, וועט ער דעם העלפאַנט פון געדולד אַרויספירן און זען, וואָס וועט דעמאָלט זיין...

זיין צווייטע האַנט, דער אַמעריקאַניזירטער, האַלב־פּוילישער, האַלב־ייִד, יוזש, האָט זיך אַלעמאָל פאַר זיינע חברים גערימט:

— איר ווייסט? מיין טאַטן האָט מען אויפגעהאַנגען, נאָך דעמאָלט, ווען איך בין ביי דער מאַמען אין בויך געווען...

אָט די צווי האָבן דעם ביי׳עם אַנזאָג, וואָס איז ביי יעדערן געבאָרן געוואָרן אין דערזעלביקער מינוט, געטראָגן פון מויל צו מויל:

— גרעהעם מוז גיין!

— די חיות זיינען מיר גרייט צו דינען, לויט אונדזערע כחות, נאָר קיין מענטשן — ניט...

און נאָך אַנדערע האָבן צוגעלייגט פייער צום זשאַר:

— מענטשן זיינען ערגער ווי חיות.

— „ביל" האָט פּעטסין דעם ברוסקאַסטן איבערגעריסן, און גרעהעם האָט אים, דעם טויטן, שכירות אין דער פּוסטער לופט דערלאַנגט...

— „ביל" האָט חרטה געהאַט. גרעהעם ווייס ניט פון קיין חרטה...

— סט׳ קומען אַ צייט, און מיר וועלן מיט זיי איין האַנט מאַכן: דער מענטש און די חיה אין שטייג — איין האַנט.

— גיי, גיי, אַפּשפּעטער...

— דו׳סט נאָך זען...

אַזוי האָט מען זיך געסודעט אַ גאַנצע נאַכט אין גאָרטן, און ווען ס׳איז טאָג געוואָרן און גדיכטע רויכן פון פאַבריק־קוימענס האָבן זיך אָנגעקלאָזן אויף זייער געווינלעכן לאַנגזאַמען שפּאַציר צום אויפגייענדיק־בלויען הימל, איז שוין אינוויינינק אין גאָרטן קיין איין באַדינער ניט געבליבן, אַלע זיינען געשטאַנען אויף יענער זייט צאַם.

ניט לייכט איז אָנגעקומען אָוועקצוגעמען אַלעמען פון דער אַרבעט. אַנדערע האָבן זיך איינגעשפּאַרט און געזאָגט:

— ווי אַזוי? ווי קענען מיר? אַ לעבן האָבן מיר דער חיה אָפּגעדינט; הילפלאָזיק איז זי דאָך אַליין. שפּייזן דאַרף מען זי, אָנטרינקען און צוראַמען. און יאָרן און טעג, וואָס מיר האָבן אינאיינעם פאַרבראַכט,

האָבן אונדז צוזאַמענגעבונדן; ליב איז אונדז די חיה, ווי ס׳לעבן אונדזערס. מיר טאָרן פון דאַנען ניט אַוועק...

און נאָך אַנדערע האָבן אַזוי געטענהט:

— באַדינער זיינען פּשוטע אַרבעטער ערלעכע, מיר אַרבעטן ביי וואָס ס׳מאַכט זיך, כע־כע; היינט — ביי חיות, מאָרגן — ביי עפּעס אַנדערש; וועט מען אונדז הייסן וואַסער שטויסן, וועלן מיר דאָס אויך טאָן, און גרעהעם צאָלט! וואָס? אפשר ניט? פון זיין האַנט עסן מיר, דורך אים דערנערן מיר ווייב און קינד. און אַז ס׳געפעלט דיר ניט די אַרבעט, קענסטו פון דאַנען גיין...

מאַיער און יוזש האָבן דעם צאָרן געשליפט און מיט שפּיציקער שטאָלענער שאַרפקייט וויך און גלאַט צו זיי אין האַרצן אַריין געשטאָכן...

— און פּעטסי? און גרעהעם, דער בלוט־זויגער? און ס׳לעבן זייערס, וואָס גייט איין און טעמפּט זיך אין שטענדיקער געדולד?...

אַנדערע האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן. די איינגעשפּאַרטע האָט מען מיט צוואַנג פון גאָרטן אַרויסגעשטופּט; און מייקי, דער באַדינער פון פויגל־שטייג, ווען מ׳האָט פון דאָרטן אויף די הענט אַרויסגעטראָגן, האָט, ביים עולם אויף די הענט, געוויינט, געיאָמערט, ווי אַ קינד:

— פייגעלעך מיינע אָרעמינקע! סאָוועלעך, פּאָפּוגייעלעך, ראָבעלעך, וואָס וועט איר איצט, אָן מיר, טאָן?....

נאָר אַז אַלע זיינען שוין געווען אויף יענער זייט צאָם, און די זון האָט פּלוצלונג מיט רואיקן גאָלד אַרויסגעשפּריצט און ליכט האָט זיך געגאָסן און באַגאָסן אַלץ און אַלעמען, פּנימער, טראָטואַרן, צאָמען און אַראָפּהענגענדיקע צווייגן פון ביימער, און שטיין, פון אַנטקעגנדיקע ווענט פון הייזער, האָט זיך אויך צעליכטיקט און צעשיינט, איז אויפגעגאַנגען אַ נייע שטייפע רואיקייט אויף אַלעמען, וואָס האָט זיך געשטראַלט אין די אויגן און ליכטיק געמאַכט יעדן ביין קנייטש. אַ נייער פרייליקער גלויבן איז געבוירן געוואָרן, מיט דער אַנטשלאָסנקייט, פאַר וועלכער מען גיט אָפּ דאָס לעבן.

און איין אויסגעשריי האָט זיך געריסן פון אַלעמענס הערצער:

— מירן אויספירן! גרעהעם מוז גיין...

פונעם טומל איז דער ווילדער בוהאַי אויף יענער זייט שטאַרק אומרואיק געוואָרן. ער איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן און מיט די הערנער, טעמפּ, מיט אַ דראָענדיקן אָפּהילך, אָנגעהויבן קנאַלן און זעצן אין זיין הילצערנעם צאָם...

5

דער סטרייק איז געווען אַ פּאַרצויגענער; גרעהעם מיט זיינע מענטשן האָבן זיך בשום אופן ניט געוואָלט אונטערגעבן.

ס׳זיינען צוגעקומען נייע צרות: אַוועקגייענדיק, האָבן די אַרבעטער מיטגענומען מיט זיך די שליסלען פון די חיה־שטייגן, קיין אַנדערער זאָל ניט קענען אַהין צוטרעטן. גרעהעם האָט געהייסן אויסשמעלצן נייע שליסלען, און די אַרבעטער האָט ער פאַרקלאָגט פאַר אַוועקנעמען פרעמד אייגנטום און געשלעפּט זיי איינציקווייז צום געריכט.

און פון דער שטאָט האָט מען געבראַכט צופירן נייע אַרבעטער אין אויטאָמאָבילן אַלע טאָג און מיט אַ שמירה, ווי אַ נייער מין זעלטענע, ווילדע חיה, אַריינגעבראַכט דורך די טויערן פון פּאַרק. אַז דער עולם פלעגט זיי דערזען אָנקומען, פלעגט ער אויפגעריסן ווערן פון פינצטע־דער שנאה און פלעגט שאַרפן ציינער, ווי אויפגערעגטע וועלף.

— גרעהעם מיט זיינע הינט!...

— גרעהעמען קענט איר דינען, אָבער ניט זיי... זיי זיינען מיט אונדז...

און מייק, דער באַדינער פון פויגל־שטייג, האָט מיט טרערן געוויינט:

— פייגעלעך מיינע אָרעמינקע, סאָוועלעך, פּאָפּוגייעלעך, ראָבעלעך! אויף וועמען האָב איך אייך איבערגעלאָזט אויף אָט די־אָ? אויף זיי?...

שווער, ווי אַלעמאָל, איז געווען אין אַ יום־טוב און זונטאָג־טאָג; דעמאָלט, ווען אויסגעבענקט נאָכן ווילדן חיהשן לעבן, האָט זיך פון אַלע ווינקלען שטאָט אַהערצו געצויגן אַ געפּוצטער רואיקער עולם, יונג און אַלט, פרוי און קינדערלעך, און אין גאָרטן אַריין געשטראָמט.

די אַרבעטער האָבן ביי זיי געזוכט מיטגעפיל:

— גייט ניט אַהין! צוריק! די חיות הונגערן, און מיר אויך! זייליידן, און מיר מיט זיי! מיר האָבן אייך געהאָלפן, אייערע חיות גע־שפּייזט, און איצט העלפט אונדז פּטור צו ווערן פון גרעהעם, דעם הונט!...

נאָר דער עולם האָט זיי ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשענקט; אַן אומצופרידנקייט אַ קליינלעך־בייזע, ווי פון אַ פליגן־ביס, האָט מען אונטערן אויג געכמורעט און מ׳האָט ווייטער אין גאָרטן אַריין געשטופּט זיך, געשטראָמט...

אַמאָל פלעגט זיך אָפּשטעלן אַן אַלטיטשקער, אָדער אַ פּריסטער אין שוואַרצן קלייד און מיט אַ גוטמוטיק־סקריפּענדיקן קול צו זיי אַריינ־טענהן:

— פאָלגט מיך, גייט צוריק! איר זייט דאָך פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער, שטאָט־דינער; גיט אייערע טענות צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג איבער, פאַרלאָזט זיך שוין אויף זיי...

אָפּגעזאָגט און גלאַטינקע טריטלעך אַוועקגעמאָסטן און איז אַריין אינווייניק אין פּאַרק.

און דעמאָלט האָט דער אַלטער קוכער, מיט אַ יאַסטרעב־נאָז און אַ פּנים פון אַ סאַטיר, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן געהאַט גענוג לעבנס פון פיש, מייז, קראַליקעס און יאַשטשערקעס, אָנגעהויבן פאַר־שפּרייטן זיין געדאַנק:

— מענטשן זיינען ערגער, ווי חיות: סט׳ גאַרנישט ניט זיין...

— איז וואָס־זשע?

— מיר מוזן מיט די חיות איין האַנט מאַכן; מיר און די חיה — איין האַנט...

מאַיער און יוזש,ביידע צוזאַמען, האָבן זיך אָנטקעגן אים געוווּרט:

— די חיה פאַרשטייט גאַרנישט, זי האָט פעטסין דעם ברוסט־קאַסטן איבערגעביסן. איר צאַרן איז אַ פינצטערער; און מיר וועלן אונדזער צאָרן שלייפן אַזוי לאַנג, ביז ס׳וועט אויפלייכטן, ווי שטראַלן פון דער זון.

— איר אַליין וועט קיינמאָל גרעהעמען ניט פאַרטרייבן...

— מיר וועלן נאָך...

— איר אַליין וועט פאַר פעטסיס טויט קיין נקמה ניט נעמען...

— מיר וועלן נאָך...

— געדיינקט מיינע ווערטער... מיר וועלן זען...

אַזוי האָבן דעם אַלטן ניקס ווערטער אָנגעהויבן אַרומצוגיין פון מויל צו מויל, און די פּנימער ביים עולם זיינען געוואָרן פינצטערער און די קנייטשן אויפן שטערן בייזער און דראָענדיקער, ווי איינשניטן אויף אַ גרויען מאָך־באַוואַקסענעם שטיין. מאַיער און יוזש האָבן זיך אָנטקעגן דעם געוווּרט:

— שמייכלען דאַרף מען און גלויבן, ווי אינעם ערשטן טאָג פון סטרייק...

— אפשר איז גערעכט דער אַלטער ניק?...

קליבן זיך אויף דער אַנדער זייט פון פּאַרקאַן איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן. גרעהעמס מענטשן האָבן אומעטום געוואַכט.

אַמאָל נאָר פלעגט איינעם געלינגען צורוקן זיך נעענטער צום פּאַרקאַן און אַריבערקוקן אַ ווײַלע אויף יענער זייט. דעמאָלט פלעגט ער צוריקקומען און איבערגעבן אַזאַ גרוס:

— איר װײסט? די חיות זײַנען אומעטיק...
— כ'האָב „בילן" פֿון װײַטן געזען. ער האָט מיך דערקענט...
— װי אויף אַן אײגענעם, האָט ער צו אונדז געקוקט. ער בענקט.
— און מיר בענקען ניט? מיר — אויך...
און מײקי, דער באַדינער פֿון פֿויגל־שטײג, האָט זיך מיט טרערן געבעטן:
— ברידערלעך מײַנע! פֿײגעלעך מײַנע אָרעמינקע, סאָװעלעך, פּאַפּוגײַעלעך, ראָבעלעך, האָט איר אפֿשר דאָרטן געזען? צי האָט איר זײ באַמערקט!
דעמאָלט האָט זיך אײנער אײַנגעבויגן צו דער ערד, אויפֿגעהויבן אַ שטײן און פֿאַרמאָסטן זיך אויף אַ נײַעם באַדינער, װעלכער האָט אַרומגעשפּאַצירט אויף יענער זײַט צאַם, נאָר מאַיער האָט פֿאַרהאַלטן זײַן האַנט:
— ניט דאָס! װאַרט! װעסט אַלץ צעשטערן! ניט געקומען איז די צײַט...
האָט יענער אויף אים װעלפּיש אַ קוק געגעבן און אַ שמײץ געטאָן אין פּנים אַרײַן:
— ניק איז גערעכט! און דו — אײן האַנט מיט גרעהעמען! גרעהעמס אַ הונט...
אונטערן הויט האָבן זיך בײַ מאַיערן די מוסקולן איבערגעגאָסן אין פֿינצטערן צוק; ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געענטפֿערט.
און דער סטרײַק האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן. גרעהעם, מיט זײַנע מענטשן האָבן זיך בשום אופֿן ניט געװאָלט אונטערגעבן.
דער עולם האָט געהונגערט, און ס'איז לסוף באַשלאָסן געװאָרן שיקן שלוחים צו דער שטאָט־פֿאַרװאַלטונג, זי זאָל זיך אַרײַנמישן און ענדיקן דעם סטרײַק.
דער אַלטער ניק האָט אונטערן יאַסטרעב־נאָז בײסיק געשמײכלט:
— איר'ט זען: ס'װעט גאָרנישט ניט אַרויסקומען...

6.

אַ הויכער געזונטער מאַן, מיט אַ פּנים, װי דאָס אינװײניקסטע פֿון אַ צעשניטענער צײַטיקער קאַװענע. אַ בויך, װי אַ באַראַבאַן און צװײ פֿיס — אָפּגעשײלטע דעמבענע קלעצער, איז געזעסן פֿאַנאַנדערגעװאָרפֿן אין אַ ברײטן װיגשטול און געהאַלטן אַ ציגאַר צװישן די גראָבע ליפּן.
מײער, יוזש און נאָך אַ דריטער אַרבעטער זײַנען אַרײַן צו מיסטער

טאַמאַסן אין קאַבינעט מיט אַן אומגעלומפּערטן מאַטראַזן־גאַנג, און אַז קיינער האָט זיי ניט געבעטן זיצן, זיינען זיי נאָך אַ טרוקענעם איבעריקן הוסטל, אַט אַזוי געבליבן שטיין.

מיסטער טאָמאַס האָט זייטיק אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, אָפּגעמאָסטן זיי מיט זיין בלויען קאַלטן אויג און אַרויסגערעדט צווישן ציגאַר אין מויל:

— ווער איז?

— פון גאָרטן; געקומען אַהערצו מכח דעם סטרייק.

—וואָס האָט איר צו זאָגן?

— געקומען איך בעטן איר זאָלט זיך אַריינמישן; מיר זיינען אַלע אָנטקעגן גרעהעמען. דאָס האָרץ האָט ער אונז באַליידיקט. דעם געדולד אויפגעריסן; נעמט אים צו און מיר קערן זיך אום גלייך צו דער אַרבעט.

מיסטער טאָמאַס האָט זיך צוגעקוקט צו זיי מיטן גאַנצן קערפּער, די בלויע אויגן — קאַלט און אָפּגעשיידט, דעם ציגאַר האָט ער נאָך אַלץ געצערטלט צווישן די ציין.

— כ׳קען קיין זאַך ניט טאָן, קיין סטרייק איז ניטאָ, קיין קלאָגעס קעגן גרעהעמען זיינען ניטאָ. ער איז אונזער אָנגעשטעלטער און אונדזערע אַרבעטער זיינען מיט אים צופרידן. איר זייט אַוועק און אַנדערע האָבן פאַרנומען אייערע פּלעצער. אויב איר ווילט ווייטער אַרבעט קריגן, דאַרפט איר זיך ווענדן צו אים, צו מיסטער גרעהעמען — עס איז אין זיינע הענט. נאָר געדענקט: איינציקווייז קומט; ניט אַלע צוזאַמען. ביי אונדז פירט זיך אַזוי; קיין שליחים זיינען ניטאָ. יעדערער באַזונדער, יעדערער אַ באַלעבאָס איבער זיך...

— צו גרעהעמען וועלן מיר ניט גיין.

— מ׳צווינגט אייך ניט.

— מיר ווילן, אַז איר זאָלט זיך אַריינמישן און אויסהערן אונדזערע טענות.

— כ׳זע ניט, צוליב וואָס...

— טאָ וויזט אונדז אַן אַנדער אויסוועג.

—קיין אויסוועג איז נישטאָ; איינציקווייז צו גרעהעמען צוריק.

— אַפילו ניט צוזאַמען?

— ניין, איינציקווייז, אויג אויף אויג.

— אונדזערע וועלן אויף דעם ניט איינגיין.

— מיר אנערקענען ניט קיין שלוחים.

— מיסטער טאָמאַס, ווער דענקט איר, זיינען מיר?

— אַרבעטער, וועלכע האָבן זייערע ערטער פאַרלאָרן און זיי מוזן זיי צוריק געפינען, אַז ניט איז דער הונגער־טויט.

— מיסטער טאָמאָס, וואָס דענקט איר, זיינען מיר?

— צעקוועטשטע הילפלאָזע גלידער, וואָס נאָר מיר אַליין קענען צוריק איינפּאַסן אין זייער אָרט.

— אפשר האָט איר אַ טעות, מיסטער טאָמאָס?

— זיכער, ניט...

— הערט זיך איין: שטילינקע זיינען מיר, נאָר שפּיצנאָדלדיקע, און ס'געשליפענע שפּיץ איז האַרט און פאַרסמט. פון די בערן האָבן מיר אַ פינצטערן אויג געלערנט, פון לייב — אַ שפּרונג, פון שלאַנג — אַ גיפטיקן קנויל; און געניטע זיינען מיר שוין אויך, דערפאַרענע. מיסטער טאָמאָס: גיט אונדז נאָך איין קליינינקייט: נעמט צו גרעהעמען פון אונדז...

— ניין...

— ס'לעצטע וואָרט?

— ס'לעצטע...

— קומט...

אויפן שוועל האָט זיי מיסטער טאָמאָס אָפּגעשטעלט:

— כ'האָב געהערט, אַז אַרום צאָם טאָג און נאַכט קלייבן זיך אייערע. אַזאַ זאַך איז פאַרבאָטן, שטרענג פאַרבאָטן. עס באַאומרואיקט מענטשן, עס באַאומרואיקט אויך די חיות אין שטייג. און גערענקט: עס איז קיין זאַך ניטאָ, קיין סטרייק ניטאָ, קיינע קלאַגעס קעגן גרעהעמען זיינען ניטאָ. פרידלעכע מענטשן קלייבן זיך ניט אַרום צאָמען, זיי גייען זייער וועג, געדענקט...

אויפן וועג צום גאָרטן, איבערן פלאַנטער פון לאַנגע שמאָלע גאַסן, ווי שטייגן פאַר זשיראַפן, האָבן די שלוחים צווישן זיך גערעדט:

— אַ פוקס איז דער מיסטער טאָמאָס!

— ערגער!

— אַ וואָלף!

— ערגער!

— אַ שלאַנג־שיפּענדיקע!

— ערגער!

— טאָמאָס אַזוי ווי גרעהעם. גרעהעם ווי אַלע איבעריקע באַלע־באַטים פון דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן, איין האַנט...

— איז וואָס וועט איצטער זיין, מאַיער?

— די צייט פון אומגעדולד איז נאָך נישט געקומען, נאָר, כ׳האָב מורא, אַז דער אַלטער ניק האָט דערוויילע געזיגט.

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָט מאַיער געביסן, געשטשיפּליעט די נעגל פון די פינגער מיט זיינע ציינער און אויסגעשפּייט זיי ווינטיק אינמיטן גאַס...

7

אַ פעלד איז דאָרטן געווען ניט ווייט פון גאָרטן, באַוואַקסן מיט דאַרע שטעכעלקעס, פלאַך און מיט זומפּיקע בלאָטקעס באַטונקט. זומער באַדערנאַכט פלעגט דאָרטן אויפלייכטן מיטן גאָלדיקן פליגל די פייער־פליג. אַהין האָבן זיך אויפגעקליבן אין דער פינצטער אַלע אַרבעטער, הערן אַ גרוס פון זייערע שליחים; און ווען ס׳פייער אויפן הימל איז אויפגעגאַנגען און געמיניעט זיך מיטן בייז־קופּערנעם אויג, האָבן די מענטשן אויסגעזען פונדערווייטנס, ווי אַ סטאַדע קראָען, וואָס וואַרטן שוויגנדיק אויף אַ סעודה, וואָס וועט זיך באַלד אָנהייבן מיט קולות און מיט אַ טומלדיקן קראַך.

אַלע האָבן זיך געסודעט, איינער האָט דעם אַנדערן געפרעגט:

— וואָס הערט זיך? איז פאַראַן בייס?

אַז מען האָט איבערגעגעבן דעם אָפּזאָג פון מיסטער טאָמאַסן און זיין עצה אומצוקערן זיך איינציקווייז צו דער אַרבעט אונטער גרעהעמס בייטש, איז די פאַרצווייפלונג איבערגעגאַנגען אין אַ טומל, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין ריכטונג און דרייט זיך אַרום און אַרום זיך.

און פון טומל האָט אַ דין קולכל געקוואַקעט, ווי אַ קראַנקע הון:

— אונטערגעבן זיך! אַלץ איז פאַרלאָרן! צוריק!

— אַז מיר הונגערן, און ס׳ווייב און די קינדערלעך! וואָס זאָל מען טאָן?

— און די חיות, זיי הונגערן און ליידן אויך. דורכן פּאַרקאַן האָב איך געזען, קאַנגאַרו האָט פּיצלעך פּאַפּיר געריסן און געשלונגען און די אויגן האָבן הונגעריק געמאַנט...

— אומזיסט געווען אָנהייבן זיך מיט גרעהעמען; ער איז צו שטאַרק.

— אַז מען האָט אונדז איינגערעדט, פאַרפירט...

— ווער? ווער?...

— דער העלפאַנט־טרייבער! ער האָט דער ערשטער אויסגעשריען, אַז גרעהעם מוז גיין.

— טאָ באַווייז איצט, וואָס דו קענסט! באַווייז...

— שליפן האָט ער געוואָלט דעם צאָרן, אַז עס זאָל אויפבליצן און באַלייכטן ; נו, ס'בליצט ?

— אַז דער צאָרן אונדזערער איז גאָר אַ פינצטערער, ווי ס'אויג פון דער נאַכט, ווי דעם וואָלפס האַרץ, ווי דעם בערס בליק, ווי דער ביס פון אַ שלאַנג, וואָס איז אויסגעווייקט אין זיין אייגענעם סם...

— שווער איז אונדז און ער הייסט שטיין אין דער פינצטער אין מיטן פעלד...

און דער אַלטער קוכער ניק, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן געגנוג לעבנס פון פיש, מייז, קראַליקעס און יאַשטשערקעס געהאַט, האָט צו־געלייגט פייער צום זשאַר:

— כ'האָב אייך געזאָגט ? עהע !...

— אַ פלאַם האָבן זיי אָנגעצונדן און ווייסן ניט, וואָס צו טאָן : אויסלעשן אָדער צעטראָגן ? פאַנאַנדערבלאָזן אָדער צעטרעטן מיט די פיס ? און פעטסיס בלוט מאָנט, וויל זיך אָפּרעכענען און קיינער ווייס ניט, ווי אַזוי...

— טאָ וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן ?

— מיט די חיות אין האַנט מאַכן. זייער צאָרן איז אונדזער צאָרן. און די שליסלען פון די שטייגן זיינען געבליבן ביי אונדז. אַרויסלאָזן די חיות, מיט גוואַלד באַפרייען זיי און מאַכן מיט זיי אין האַנט.

— אפשר איז גערעכט דער אַלטער ניק ? אפשר ?

הורא פאַר ניקן !

— מיט זיי אַנטקעגן גרעהעמען ! מיט זיי פאַר פעטסין ! פאַר זייער גבורה פאַר זייער פינצטערן צאָרן, הורא !

— אונדז וועלן זיי פאָלגן, אונדז...

אויפן פעלד האָט זיך אַ לאַנגע צייט געטומלט. אימיצער מיט אימיצן האָט זיך געראַנגלט. עס איז געווען ווי אַ צעפּלייצט אייַנגע־שפּאַרט וואַסער אין דער פינצטערניש, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַנטקעגן צאַמען, בריזשגעט זיך אויף פיצלעך און קומט אַלע ווילע מיט דעם אייַנגעשפּאַרטן פינצטערן אימפעט צוריק...

אייניקע צעהיצטע, פון זיבעט געריטע, האָבן קענטיק אויף אַ מי־נוט־צוויי, געוואונען די איבערהאַנט און פּלוצלונג האָט פון גאָרטן אַ פייער אַרויסגעשלאָגן ; אַ דינער זייל, מיט אַ קופּער־קאָפּ פון געדיכטע פליענדיקע פונקען, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אַ וועג אין דער פינצטער און איז אין דער הויך אַוועק, עס האָט זיך אָנגעצונדן די שטאָל פון דעם זשיראַף און פון דאָרטן האָט זיך ס'פייער איבערגעוואָרפן און

אַרומגעכאַפּט די בנינים אַרום. ס'איז מאָדנע געווען צו קוקן, ווי פייער מיניעט זיך אין פייער, פלאַמען שפּיגלען זיך אין ליכט פון ווייטע אַנקעגנאיבערדיקע פלאַמען; ווי ס'וואָלט ווינקען אַן אויג צו אַן אויג, נאָר ס'פייער פון דער ווייטער שטאָט איז געווען טויט און לאַנגזאַם און דאָ האָט עס געשפּריצט און געזאָדן, איבערגעגאָסן זיך, ווי אַ פלאַמיק ווייַן איבער אַ פינצטערן בעכער און איז געשפּרונגען העזהדיק אַלץ אַרויף און אַרויף.

פון מורא האָבן זיך די חיות אין שטייג אויפגעכאַפּט און צע־טרייסלט די לופט מיט זייער ווילדן געשריי.

און ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אַ צערייצטע רויט־אויגיקע ברו־מעריי, וועלף און לייבן, טיגערן און מאַלפּעס האָבן דערפילט די סכנה, וואָס איז געקומען מיט היץ און מיט שטיקנדיקן רויך; זיי האָבן זיך געריסן פון די שטייגן און פאַרפּלייצט די אַנגעגליטע פּונקען לופט מיט קולות, ווי שוים פון אַ פינצטערן האַרץ, איבערגעפילט מיט שווער־קייט און מורא, פאַרלאַרבקייט און פוסטן אומזיניקן רוף.

איבער אַלע קולות, די קלעפּ פונעם ווילדן בוהיי, וועלכער האָט אין זיין פאַרצאַמטן הויף, טעמפּ, מיט אַן אָפּהילך, געקנאַלט אינעם הילצערנעם צאַם...

און דער אַלטער ניק האָט דעם עולם אויפן פעלד געדופן:

— אַהין קומט! איצט איז די צייט!

— מיר וועלן זיי העלפן און זיי — אונדז...

— אין צייט דאָס פייער געקומען, אַ בליץ פון אַ גוטן הימל!

— די שליסלען אין האַנט פאַרטיק! די שליסלען ניט פאַר־געסט...

באַגאָסן מיט רויטן בלוטיקן אָפּשיין, וואָס האָט געדונען פון פנים, ווי קופּער צעפלאָסענער, ווי ווייַן צעשפּריצטער, איז דער עולם גע־לאָפן ראַטעווען זייערע חברים. זיי זייַנען איבערגעשפּרונגען דעם צאַם, געעפנט די שלעסער, געטריבן מיט גוואַלד זייערע אַלטע באַקאַנטע, די ווילדע חיות, דורך די טויערן פון גאָרטן, און זיי ביסלעכווייז גע־ראַטעוועט.

גאָלדמאַן

1

אינדערפרי איז מיסטער גאָלדמאַן אויפגעשטאַנען פון דעם אויס־געוואַרעמטן „מאַן־און־ווייב" בעט. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע צו־געזעצט בײַם ראַנד בעט, דערשלונגען אַ געניץ, אַ צי־אויס געטאָן זיך קאָטעריש און אויסגעקנאַקט די ביינער; נאָכדעם האָט ער אָנגעטאָפּט מיט די פּיס די טופליעס און אַוועקגעלאָזט זיך שווימען, ווי אַ וואַל־פיש, אַ בלאָס־הויטיקער, דורך דער צעגאָסענער גרויקייט פון אַפּאַרט־מענט, אין באָד־צימער.

דאָרטן האָט ער זיך געעסקט אַ לאַנגע צייט; געוואַשן זיך און געפּליוכעט, אונטערגעקרעכצט אַזש פון קאַלט־וואַסערדיקן פאַרגעניגן, געריבן מיט האַנטיכער ס׳הויט און הנאה געהאַט פון דער אַרויסשפּריצנ־דיקער צערויטלטער פרישקייט; ער האָט אָנגעטאָן פרישע וועש, אַ געפּרעסטן קאָסטיום, אַ ווייס־געקראָכמאַלטן שטײַפן קאָלנער. ער האָט זיך געגאָלט, געוואַשן די האָר און פאַרפומירט, געקאַמט זיך און גע־באַרשטן; ערשט, ווען מיסטער גאָלדמאַן האָט צום לעצטן מאָל גע־געבן אַ קוק אין שפּיגל און איז צופרידן געבליבן מיט זײַן אויסזען, איז ער אַרויס פון באָד־צימער.

אַזאַ מענטש איז ער שוין, דער מיסטער גאָלדמאַן: אַ גלאַטער, אַ ציכטיקער, אַן אָפּגעהיטער. וואַרפט אויף אים אַ שטויבעלע, אַ שפּריג־קעלע, אַ שטויב־ברעקעלע, ער וועט זיך בויגן, קנייטשן, ער וועט עס אויף זיך גלייך דערפילן און ניט קאָנען אײַבליידן. פאַראַן מענטשן, וועלכע פילן אויף זיך ניט זייער אויסערלעכן אויסזען; מיסטער גאָלד־מאַן איז ניט פון אַזעלכע. אָ! ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער.

אין אַפּאַרטמענט איז נאָך אַלץ געווען גרוי־פינצטערלעך. ס׳האָט געשלאָפן די ווייב, די אָנגעשטעלטע געדיכטע מעבל, די „קאַרפּעטס" אויפן דיל. מיסטער גאָלדמאַן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן לעבן אַ

שפּיגל אין פראָנט־צימער; דאָס גלאָז פון שפּיגל איז געווען פּאַרטאַגיק־בלוי, אָנגעקילט און ווי באַלייגט מיט אַ טוי פון אָנגעהויכטן פאַר־גליווערטן אָטעם, און פון דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ פיגור, וואָס איז געווען צו שטייף און געפרוירן, אַפילו פאַר מיסטער גאָלדמאַנען. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און אויף די שפּיצן פינגער אַרויס פון הויז.

אין קאָרידאָר האָט ער אַ שמייכל געגעבן; ער איז געווען צופרידן דערפאַר, וואָס אים איז געלונגען אָן־טומל אַרויסרוקן זיך פון שטוב און ניט אויפוועקן די ווייב מיטן קינד. ניט דערפאַר, חלילה, וואָס ער איז געצוואונגען פון עמעצן גנבענען, אויסבאַהאַלטן זיך. אָ! ניין. מיסטער גאָלדמאַן איז ניט פון אַזעלכע; ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער...

אַזאַ מענטש איז ער שוין: אַ גלאַטער, אַן אײדעלער, אַ סטאַטעטש־נער. אַהאַ! איידלקייט און אָנשטענדיקייט רוט אין זיינע בלוטן. ער אַכט זיין פאַמיליע, ער באַשיצט זיי פון אַלערליי אומאָנגענעמלעכקייטן; היינט ווייס ער אין זאַך: ווען עמעצער וועט אים אויפרייסן פון מיטן שלאָף, וועט ער שטאַרק פאַריבל האָבן; דאַרף מען זיין אָפּגעהיט אויך מיט יענעם...

אין סאָבווי, וועלכע לויפט פון די בראָנקס צו דאַון־טאַון־צו, איז נאָך געווען ליידיקלעך. ער האָט אויסגעקליבן אַן אָרט, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אַרויפגעצויגן אינדערהייך, אָננעמענדיק איידל, מיט שפּיץ־פינגער ביים קנייטש די קאַלאָשע פון דער הויז. ס'האָט זיך אָפּ־געדעקט און באַוויזן אַ שטייף־פאַרצויגענע זיידענע שקאַרפּעטקע. ער האָט פאַנאַנדערגענומען אַ ציַיטונג, אויבן אַרויפגעלייגט אַ האַנט מיט אַ גרויסן בלישטשענדיקן דימענט אויפן פינגער. מיטן דימענט האָט ער זיך אַ ווײַלע שטיל שפּילנדיק געהנדלט, און דערנאָך זיך פאַרטיפט אין דער ציַיטונג.

קוקנדיק אויף אים, האָט מען גלייך געקענט דערקענען, ווער מיסטער גאָלדמאַן איז: אַ „ביזנעסמאַן". אָ! זיכער, ניט קיין אַנדערער. אַ געוויינלעכער, אינדערפריענדיקער סאָבוויי־פאָרער, אַז ער לייענט זיין ציַיטונג, זופּט ער, כליאַפּטשעט, ווי אַ דאָרשטיקער — וואַסער, מיסטער גאָלדמאַן האָט פון דאָרטן געזויגן, ווי אַ בין זאַפּט. אַ קער און אַ בלעטער, אַ כאַפּ דאָ און דאָרט; דאָס וועט צוניץ קומען, דאָס דאַרף מען און דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן. נאָך עפּעס איז אויף זיין פּנים געווען אָנגעשריבן: „נתפּעל ווערן איז ניטאָ פון קיין זאַך. מיר ווייסן און פאַרשטייען. אונדז נאַרן איז שווערלעך. שווינדל!...

אויף אַ סטאַנציע אין די דרייסיקער גאַסן האָט ער זיין ציַיטונג

שמאַטעדיק פאַררוקט אין אַ זייט, אויפגעהויבן זיך און איז אַרויס פון סאָבוויי...

2

מיסטער גאָלדמאַן איז אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, כאַטש אויפן קוק איז ער אַ סך יינגער. זיין אָפּגעהיטקייט מסתמא, זיין גלאַטקייט און ציכטיקייט, פאַרטרייבט פון אים, צי ער דענקט דערפון, צי ניט, די עלטער.

אין ניו יאָרק איז ער שוין אַ יאָר צוואַנציק. פאַר דער צייט האָט ער זיך גוט אַרויפגעאַרבעט, אַז ער אַליין מוז צופרידן זיין מיט זיך און מיט זיינע אויפטואונגען; פאַרגלייכט ער זיינע יונגע יאָרן אינדערהיים און זיין איצטערדיקן לעבן, זעט ער גלייך, אַז די פאַרשידנקייט איז אַזוי גרויס, אַז עס לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרגלייכן...

אַז אינדערהיים איז ער גאַר געווען נחומקע, אַ דאָרפס-יינגל ביי אַ טאַטן אַ שמיד, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געקענט אויסקלאַפּן קיין געַנוג עסן פאַר דער פאַמיליע, אויפגעהאָדעוועט האָט ער זיך אויף קאַרטאָפליעס, וואָס די מאַמע פלעגט צוריכטן אויף אַלערליי אופנים; פאַרעזן אין טשוהונעס, באַקן מיט „פעלצן", קאָכן און רייבן. ברויט אין דער דאָרפישער כאַטקע איז געווען אַ זעלטענהייט, קיין בעסערע זאַכן האָט נחומקע זיכער ניט אָנגעזען אין די אויגן.

און אַז ער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט שוין דער טאַטע געאיילט זיך פּטור צו ווערן פון אַן אומזיסטן מויל. מען האָט אים אויפגענייט אַ פּאָר נייע האַרטע הויזן פון „טיזולס-פעל" סחורה, געגעבן אויף פאַרבינדן אַ קרייקע און אוועקגעפירט אין שטעטל לערנען. פאַרשטאַנען האָט שוין נחומקע דעמאָלט, אַז די הויפּט-זאַך איז ניט די תורה, וואָס ער לערנט, נאָר ס'עסן, וואָס ער קריגט אַרויס דערפאַר אומזיסט. און וואָס מען דאַרף זיך אָנשטרענגען עס צו קריגן. ס'קעפּל ביי אים איז טאַקע געווען אַ שווערס, ניט קיין איבערגעשפּיצטס, און ס'האָט אים אַלעמאָל געטראָגן בלויז אויף איינצעלנע נאָענטע זאַכן.

— אַט-וואָס, עסן דאַרף מען קריגן — אַלע טאָג עסן...

— שיך טראָגן איז אַ סך אָנגענעמער, איידער באָרוועס אַרומגיין.

— מען דאַרף זיך היטן ניט פאַרליזיקט צו ווערן, אויפן שטרויזאַק אַכטונג געבן; איך — אַליין פאַר זיך, קיינער וועט מיר ניט העלפן...

אַזוי האָט ער זיך פון אַכט, ניין יאָר אָן אַרומגעוואָלגערט אין תלמוד-תורות און ישיבות. אַהיים איז ער זעלטן געפאָרן, אַפילו אויף

יום טוב. ס'ביסל קינדערשע בענקשאַפט האָט ער אויסגעמישט מיט פרי־אויפגעוואַכטער ביטערקייט און קנאה. שוין דעמאָלט האָט ער שטילינקערהייט אַ קולאַקעלע געקענט פאַרקוועטשן (אויף ווען האָט ער אַליין ניט געוואוסט) און אַריינרעדן אין זיך אַליין.

— סט'נאָך קומען! איך וועל זיי באַווייזן.

אויף די באַלעבאַטים, ביי וועמען ער האָט „טעג" געגעסן, האָט ער געקוקט מיט שטילקייט, שעמעוודיקייט און געפּאַלענער חניפה; אָבער טיף אין האַרצן איז ער שוין געווען איבער זיך אַ גאַנצער באַלעבעסל און ס'קעפּל זיינס, אַ שווערס, ניט קיין איבערגעשפּיצטס, האָט געאַרבעט:

— איך — אַליין פאַר זיך, נישקשה, כ'וועל זיי נאָך באַווייזן...

אַז ער איז גרעסער געוואָרן, האָט ער שוין געזוכט און געפונען פאַר זיך אַן אַרבעט, אַן אונטער־שמש אין אַ קלויז. דאָ האָט זיך שוין געגומען אַרויסצייגן זיין געבאַרענע פּינקטלעכקייט, פּראַקטישקייט און געלאַסנקייט. קיינער האָט בעסער פון אים ניט געקענט איינהייצן די הרובעס, רייניקן, שייערן, פּוצן, צוטרעפן די באַלעבאַטים. זיין שטרוי־זעקל איז אַלעמאָל געווען ריין, ס'שטיקל בגד, דער צודעק — ריין און ציכטיק, דאָס ווינקעלע זיינס — אויסגעקערט און אויפגעראַמט; און אַלץ פלעגט אָפּגעטאָן ווערן געלאַסן, אין דער שטיל, אַז קיינער האָט עס ניט געקענט באַמערקן.

געגעסן האָט ער נאָך, ווי פריער, „טעג" ביי די באַלעבאַטים. די פאַרדינטע גראָשנס האָט ער שטילינקערהייט געקליבן ביי זיך פאַר אַ תכלית. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן, זעכצן, מיטן ערשטן געגליטן פוך אויף די באַקן, מיטן אומבאַשטימטן טומל פון אויפוואַכנדיקער יונגמאַנשאַפט אין די בלוטן. ביים פרעמדן טיש זיצנדיק, פלעגט ער, ווי פון אַ תהום, אינווייניק פון זיך, אַמאָל אויפהייבן די אויגן און צייטנווייז באַמערקן אַ באַלעבאַטישע טאָכטער, וועלכע פלעגט אים גרייטן צום טיש. דעמאָלט איז ביי אים אַ נייער טרוים געבוירן געוואָרן.

— כ'וועל זיי ווייזן: חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון מיינע באַלעבאַטים...

און ס'קעפּל זיינס, ס'שווערס, ניט איבערגעשפּיצטס, האָט געאַרבעט אין איין ריכטונג:

— איך — אַליין פאַר זיך, נישקשה, מיין צייט וועט קומען...

אַ צוואַנציק יאָריקער געזונטער בחור, מיט דער איינגעשפּאַרטקייט פון אַ וואַנט, מיט דער געלאַסנקייט פון טויט, מיטן געדאַנק אָפּרעכענען

זיך מיט עמעצען און דוקא חתונה האָבן מיט אַ באַלעבאַטישער טאָכטער, איז נחומקע גאָלדמאַן געקומען צופאָרן אין אַמעריקע...

3

מיסטער גאָלדמאַן איז אַריינגעגאַנגען אין שאָפּ.

דער שאָפּ זיינער איז געווען אויף איינער פון די דרייסיקער גאַסן, אַראָפּ צו דער ניינטער־צענטער עוועניו, צום וואַסער צו. ס׳האָט געשמעקט מיט קאַסטנס און סטרוזשקעס, די בנינים זיינען געווען שווערע, כמורעדיקע און האָבן אויסגעזען, ווי פאַרמרהשחורהטע גרויע היגער, וואָס זיצן אויף אייער. מיסטער גאָלדמאַן האָט פאַרנומען אַ גאַנצן „פלאָר".

אַז ער איז אַריינגעגאַנגען, האָט זיך די פאַבריק ערשט אַ טרייסל געטאָן; מען האָט געלאָזט די עלעקטריק און אַלץ איז אַוועקגעלאָפן מיטן טאָגיקן שוואונג.

אַן עלטערער מאַן, מיט אַ שיטערן באַלעבאַטישן בערדל, איז געשטאַנען לעבן אַ טיש פון אומגעהובלטע ברעטער אויף קאָזלעס, געצויגן העמדלעך אויף הילצערנע פיגורן און געקלעפּט די זוימען מיט קליי. אַ פּאָר יונגע חברה לייט האָבן איבערגעוואָרפן אַ קופּע פיגורן פון איין ווינקל אינעם אַנדערן, געשליידערט זיי איינער צום צווייטן און אונטערגעכאַפּט שפּילנדיק, ווי אַ גומענעם באַל. אַ דיקע פרוי איז געזעסן אין איר ווינקל, געשטשאָבעט העמדלעך און צוגעשאָקלט איר גראָבן שוואַרצלעכן גוידער מיט יעדן טרייסל פון מאַשין.

מיסטער גאָלדמאַנס שאָפּ האָט אויסגעאַרבעט פּרויען־פיגורן, אַלערליי סאָרטן, הילצערנע און פון פּאַפּיר־געמאַלענע, פּאָר אויסשטעלונגען אין פענצטער פון קליידער־מאַגאַזינען און אויך פאַר שניידער, אויף צו נעמען אַ מאָס. דאָ האָט מען זיך בלויז ספּעציאַליזירט אויפן מיטלסטן טייל פון קערפּער; קעפּ, הענט און פיס האָט מען געמאַכט ערגעץ אַנדערש און צוגעפּאַסט שוין דערנאָך. מיסטער גאָלדמאַן האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די אַקסלען און בוזעמס, ארויפקלעפּן אויף די פיגורן אַ לייוונטענעם אונטער־העמדל, אַן אויבערשטן שוואַרץ־געוואַנטענעם העמד און פאַרטיק. ס׳פוצן און שיין מאַכן איז ניט געווען זיין זאַך.

אויפן אונטערשטן „פלאָר" זיינען געשטאַנען די מאַשינעס, דאָרטן האָט מען געזעגט האָלץ, געקאָכט פּאַפּיר־קאַשעס, געשניצט און געפורעמט, דאָרטן איז געווען אַ טומל און אַ האַוועניש פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט מאַשינעס און ניט געוואוסט דאָ פון קיין אַנדער

זאַך. אין דער צווייטער אָפּטיילונג, וואו מיסטער גאָלדמאַנס אָפּיס איז געווען, האָבן קיין סך מענטשן ניט געאַרבעט. בלויז דער אַלטער שראַגע, אַ לאַנדסמאַן גאָלדמאַנס, ביי וועמען ער האָט אַמאָל אַ „טאָג" געגעסן און „געליבט" זיך אין זיינער אַ מויד, אַ פּאָר גרינע, טומלדיקע בחורימלעך, די אָפּערייטאָרן — און איטאַליענערקע; ווייטער, דער פאָרמאַן, אַ קליין נידעריק מענטשל, מיט דינינקע פינגערלעך, וויביינדעלעך, ס'מיידל, די „בוק־קיפּערין", מער קיינער ניט.

ווען גאָלדמאַן איז אַריינגעקומען אין אָפּיס, אָפּגעטיילט פון שאָפּ מיט האַלב־הילצערנע און האַלב פאַרשמירט־גלעזערדיקע ווענט, האָט ער דאָרט געפונען וואַרטנדיק אויף אים אַ יונגגמאַן. ער האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ וואונק:

— וואָס איז?

דער יונגגמאַן מיט איינגעאַרבעטע געזונטע פּלייצעס, מיט אַ פּראָסט אומרואיק פּנים, האָט געקנייטשט אין די הענט אַ צייטונג, געקוקט אויף גאָלדמאַנען מיט נאַרישע אויגן און געבעטן זיך מיט זיי:

— אַ „דזשאָב".

מיסטער גאָלדמאַן האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן האָט זיך אָפּגערופן אויפן אַנאָנס אין דער פרימאָרגנדיקער צייטונג, ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט פאַרשטיין.

— יע?...

— אָט דאָ! מען פאַרלאַנגט אַ געהילף...

ער האָט מיט אַ גראָבן שוואַרץ־נעגלדיקן פינגער געפינטלט אויף אַן אויסגעשניטענעם שטיקל פּאַפּיר.

מיסטער גאָלדמאַן איז ווייכער געוואָרן; ער האָט אַפילו אויף אים אַ קוק געגעבן מיט אַ מיטפילנדיקן גוט־ברודערשן בליק, ס'הייסט:

— כ'וואָלט זיכער געהאָלפן, ווען כ'ווייס נאָר ווי אַזוי...

פון רחמנותדיקייט האָט זיך דער מאַן נאָך מער פאַרלאָרן. גאָלדמאַן האָט אים דערוויילע דורכגעזיפּט מיט די אויגן און באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער איז „אַלרייט".

— סט'געאַרבעט אין דער „ליין"?

— יע.

— האָסט „עקספּיריענס"?

— כ'האָב.

— ניט קיין פוילענצער? קיין אַרומלויפער?

יענער האָט נאַריש אונטערטעניק געכיכיקעט.

מיסטער גאָלדמאַן איז גאָר פריינטלעך געוואָרן:

— פאַרשטייסטו מיך, איך האָב ליב אַרבעטער ניט קיין צעפּרווירענע באָבעס. גוט. אויב אַזוי, קום צוגיין מאָרגן אינדערפרי אויף אַ פּרואוו.

דער יונגערמאַן, אַ באַגליקטער, איז גרינג־פּיסיק, אונטערטענצלענדיק אַרויס פון אָפיס. מיסטער גאָלדמאַן האָט אין יענער זייט ניט געגעבן קיין קוק...

4

מיסטער גאָלדמאַן איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן שאַפּ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם אַלטן שראַגען:

— וואָס מאַכט אַ לאַנדסמאַן? ווי גייט׳ס?

דער אַלטער האָט דערזען דעם באַלעבאָס, האָט ער זיך צעבריהט. זיינע טרוקענע, בלוי־אָדערדיקע הענט האָבן שנעל־שנעל געצויגן דעם זוים, אונטערגעקניטשט, אָנגעשמירט מיט פּאַפּ, אַ קלעפּ געגעבן און געוואָרפן כוואַטסקע אין קופּע.

מיסטער גאָלדמאַן איז געשטאַנען פון דער זייט, געקוקט מיט איין אויג, מיט אַ גרינגשעצנדיקן שמייכל, ווי אייבער זאָגט:

— אַלטער תרח! וועמען־וועמען, מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן...

די מעשה איז: לעצטנס האָט מיסטער גאָלדמאַן אויף שראַגען געוואָרפן אַן אויג, אַרומגעזען זיך, אַז ער ווערט שוין אַלט, אַ צעבראָכענע כלי. אים דאַכט זיך, אַז דער אַלטער נעמט שוין ביי אים אומזיסטן געלט, היינט די מורא וואָס שפּעטער וועט זיין. אין האַרצן האָט שוין גאָלדמאַן פון זיך אַליין חוזק געטריבן:

— שוואַכלינג, וואָס האַלטסטו זיך מיט אים? ביסט נאָך אפשר אַלץ פאַרליבט אין זיין טאָכטער?

— מיאוס, מיסטער גאָלדמאַן! ביסט שוין אַ מאַן אַ „ביזנעסמאַן", מער ניט קיין קליין־שמש אין אַ קלויז...

— די טובה זיינע, דעם „טאַג" האָסטו שוין מיט פּראָצענט אָפּגעצאָלט, גענוג...

אָבער באַשליסן ביי זיך אָוועקשיקן אים, האָט ער נאָך אַלץ ביז איצט ניט געקענט: ס׳האָט דאָס האַרץ ניט געלאָזן אָפּרייסן אַן אַלטן אויסגעבענקטן פאָדעם. אָבער איצט, אַז ער האָט שוין צוגענומען אַן אַנדער אַרבעטער אויף זיין אָרט, האָט ער שוין ניט געהאַט קיין ברירה.

ער איז צוגעגאַנגען, געטאַפּט מיט אַ פינגער אַ ברעג פון אַ העמדל.

— נו, רב שראַגע, וואָס זאָגט איר? אינדערהיים האָט איר זיך אויך געריכט קלעפּן אַ מאָל ווייבערשע קלײדלעך?...

יענער האָט אַ צוק געטאָן מיט אויסגעטריקנטע שפּיצן באַק־ביינער; עס האָט אים, קענטיק, אינווייניק געגעבן אַ ביס.

— מיסטער גאָלדמאַן! עט! מאַלע וואָס ס'איז געווען. מען דאַרף גאָר ניט דערמאָנען...

— כ'געדענק נאָך אַזוי, ווי היינט: ס'הויז אייערע לעבן טייך, דעם שפּייכלער, וואָס ס'האָט פּסח־צייט אין גרויסן וואַסער אַוועק־געטראָגן.

ביים אַלטן האָבן זיך די אויגן צעבוימלט. ווי אַלע געפאַלענע, האָט ער ליב געהאַט צו שפּייזן זיך מיט זכרונות פון אַמאָל. ער איז שוין געזעסן שטייף אויפן האָטשיק...

— אַזוי, מיסטער גאָלדמאַן! איר געדענקט אַלץ? אַזוי?

די קינדער אייערע, די טאָכטער; אָט די מוזינקע, מיט די רויטע בעקלעך, איך געדענק דאָך זיי אַלעמען! ווי האָט זי זיך גערופן?

— זלאַטקע מיינט איר אודאי?

— אַן אַריסטאָקראַטישע מיידל געווען. זי פלעגט זיך אויספּוצן און אַרויסגיין שפּאַצירן אין סאַד־גאַס, האָבן זיך אַלע בחורים געליבט אין איר, ניט געקענט די אויגן אָפּרייסן.

שראַגע האָט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע:

— וואָס רעדט איר, מיסטער גאָלדמאַן? מיינע טעכטער איז קיין נאַרישקייטן אין קאָפּ ניט געקראָכן. בריהס זיינען זיי געווען, קעפּ מאַנסבילשע. אַלע געשעפטן, די קראָם מיטן שפּייכלער, האָבן זיי אויף זיך געטראָגן.

גאָלדמאַנס פּנים איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַן אינעווייניקסטן גוטן שמייכעלע, וואָס קומט אַרויס פון אנגענעמע זכרונות:

— איינמאָל האָב איך מיט אייער טאָכטער פאַרבראַכט; סוכות־צייט. איך האָב געבראַכט אין הויז דעם אתרוג מענטשן...

— המ... אין וועלכער שול האָט איר „געאַרבעט”?

— אין דער „דייטשער”. איר געדענקט ניט?

— כמע, ווער קען געדענקען?

— געווען, קיין עין־הרע ניט, אַזוי פיל שולן; די שטיבלעך, דער מויער, די „געלע”, די טייטשע, אַ וועלט אַ גאַנצע.

שראַגע האָט זיך געשמאָלצן פון צוגעטראָפענעם גאווהדיקן נחת:

— אַ שטעטל ביי אונדז געווען, שוין איינמאָל אַ שטעטעלע...

גאָלדמאַן אַליין האָט זיך אויך פֿאַרטרוימט און אין כישוף אַרייַנ־געצויגן געוואָרן.

— ווי דענקט איר, רב שראַגע? אַז איך זאָל איצט אין שטעטל אַראָפּפֿאָרן, וואָס וואָלט געווען? כ׳מיין, וואָס וואָלט דער עולם געזאָגט? מ׳וואָלט מיך דערקענט, אָדער ניט דערקענט?

שראַגע האָט הכנעהדיק געשמייכלט.

— אַז וואָס קען איך אייך זאָגן, מיסטער גאָלדמאַן?...

— אָבער זאָגט: האָט מען זיך אויף מיר אַמאָל געריכט, אָדער ניט געריכט?

שראַגע האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן; ער האָט פֿאַרלוירן געשאָקלט מיט די פּלייצעס.

מיסטער גאָלדמאַן איז געוואָרן טראַציק און אויפֿגערעגט:

— זאָגט, מ׳האָט זיך אויף מיר געריכט, אָדער ניט געריכט?

— אַז ווער האָט געקלערט?...

מיסטער גאָלדמאַן האָט אַ צוק געטאָן מיט די טרוקענע אַקסלען, איז געקומען צו זיך און האָט פּלוצלונג פֿאַרקירעוועט דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג:

— הערט זיך איין, מיסטער שראַגע: ס׳פֿאַרדריסט מיר עס אייך צו זאָגן, אַ לאַנדסמאַן, אַ באַקאַנטן, אין שאַפּ איז איצט זייער „סלאָ“, איר דאַרפֿט מאָרגן ניט קומען צו דער אַרבעט.

ביים אַלטן איז אומבאַהאָלפֿן אַרויסגעפֿאַלן אַ ווייבערשע פֿיגור פֿון האַנט:

— אויף ווי לאַנג? ווען וועל איך קומען צוריק?

— כ׳ווייס ניט, רב שראַגע, כ׳וועל אייך האָבן אין זינען; אַז מ׳וועט דאַרפֿן וועל איך אייך גלייך שיקן רופֿן.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן שטייף אין זיין אומגליק; אָבער די געפֿאַלנקייט איז אַרויסגעשוואומען און געווייַנט אין די ווייסלעך פֿון זיינע אויגן.

— מיסטער גאָלדמאַן! ווען איר זאָלט וויסן, מיסטער גאָלדמאַן...

מיסטער גאָלדמאַן האָט ווייטער אַ צוק געטאָן מיט זיינע טרוקענע אַקסלען; ער האָט שוין געשטעלט דראָבנע גנבישע טריטלעך, אין גאַנג אויסגעקערעוועט זיך צו שראַגען דעם קאָפּ און נאָכאַמאָל אים דערמאָנט:

— געדענקט, רב שראַגע: „סלאָ“, מאָרגן ניט קומען צו דער אַרבעט...

5

ביי מיסטער גאָלדמאַנען אינדערהיים, אין אַ רייכן, מיט מעבל פאַרשטעלטן אַפּאַרטמענט, אויף אַ וואַנט, העכער פון דער פּיאַנאָ, הענגט אַ בילד איינגעפאַסט אין מאַהאַגאָני ראַם, אַ חתן כלה פּאָרטרעט, ער און זיין פרוי.

אויף די ווענט הענגען נאָך אַנדערע בילדער: ס׳קינד זיינס, אַ נאַקעטס, פּויזענדיק אויף אַלע פיר אויף אַן אויסגעשפּרייטן בערן־פעלץ, מיט אַן אומנאַטירלעכן רויז־קאָלירטן לייב; נאָכדעם מיט אַ פלאַכער בעזים־באָרד, מיט אַ צעכראַשטשעטן העמד — זיין טאַטע, דער שמיד און איר טאַטע; מאַמעס — פרויען אַמאָליקע, טרערנדיקע, דער־שלאָגענע; אַ סימן, אַז ס׳הויז איז אַ סאָלידע, דער פונדאַמענט אַן אַלטמאָדישער, ס׳האָט ניט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שפּאַן.

יע, יע! מיסטער גאָלדמאַן איז אַ מאַן אַ סאָלידער, מיט נאַריש־קייטן האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן, זיי זיינען אים ניט געקראָכן אין קאָפּ.

אמת, איינמאָל איז ער שיר פון וועג ניט אַראָפּגעקראָכן, ס׳איז געווען אין די ערשטע יאָרן, ווען ער איז נאָך אַ גרינער געווען, גע־אַרבעט האָט ער דעמאָלט אין אַ פיגורן־פאַבריק און געפּלאָגט זיך צום טויט. מיטאַמאָל האָט זיך צווישן די אַרבעטער פאַרשפּרייט אַן אומ־רואיקייט; איינער דעם צווייטן האָט געררימט סודות אין אויער און מען האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן וואונק; ניט צונויפגערעדטערהייט, ווי זיי וואָלטן אַלע אין איין מינוט דערהערט, ווי דער רוקן פון זייער געדולד האָט אַ קנאַק געטאָן און איבערגעבראָכן זיך, האָבן זיי זיך אַ הייב געטאָן און אַרויס פון שאַפּ סטרייקן. גאָלדמאַן איז געגאַנגען מיט זיי...

ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט, זיך אַליין גוט אויסגעזידלט.

— איך אַליין פאַר זיך און מער קיינער ניט; זיי ניט קיין נאַר.

איז ער אַוועק צוריק אַרבעטן. געאַרבעט האָט ער דעמאָלט טאָג און נאַכט, געגעסן דאָרטן, געשלאָפן דאָרטן, און אַז דער סטרייק האָט זיך געענדיקט, איז ער אין שאַפּ שוין מער ניט פאַרבליבן, ער איז אַוועק אַרבעטן פאַר זיך...

דעמאָלט האָט ער אויך חתונה געהאַט. דער חלום אין אים האָט נאָך געלעבט; חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון זיינעם אַ געוועזענעם באַלעבאַס. אָבער, אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַנדערש, האָט אויך ניט אויסגעמאַכט.

ס׳וויבל זיינס איז געווען אַ באַלעבאַטיש מיידל, מיט אַ פּראַקטישן שכל, מיט אָפּגעשפּאַרטן נדן; ס׳געלט איז אים שטאַרק צוניץ געקומען: ער אַליין איז שוין דאַן קיין בעטלער ניט געווען, אָבער „ביזנעס״ אין אָנהייב איז דאָך ניט קיין קלייניקייט, ס׳פאָדערט געלט און געלט...

אגב האָט זי מיט אים צוזאַמען געאַרבעט, צוזאַמען געטראָגן דעם יאָך; זי איז ניט אַוועק צו איר באַלעבאַטישקייט, ביז וואַנען דער געשעפט איז ניט געווען פאַרפונדעוועט און איז ניט אַוועק מיטן פולן שוואונג. איז ביז היינטיקן טאָג ביי אים פאַרבליבן אַפּשיי פאַר איר געלאַסנקייט, שטילקייט און באַלעבאַטישער איידלקייט; לעבן זיי געטריי אָן איבערטריבענער נאָענטקייט, ווי אָפּגעטיילט מיט אַ דינער גלעזער־נער וואַנט.

און אויף זיין גערעכטיקייט קען מען זיך פאַרלאָזן; אָ, אין דעם איז קיין ספק ניטאָ. מיסטער גאָלדמאַן איז ניט פון דעם לייכטזיניקן מין. ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער.

אַמאָל נאָר שפּילט אין אים אויף דאָס בלוט פונעם זינדיקן מחשבות־דיקן קלויז־שמש; צייטנווייז רופט זיך אין אים אָפּ דער טאַטע, דער שמיד, וועלכער האָט געהאַט אַ נאַטור צו קנייפּן דאָרפישע שיקסעס. אָבער מיסטער גאָלדמאַן איז אַ שטאַרקע נאַטור; ער איז אַן איינגע־שפּאַרטער. ער נעמט זיי אָן, זיינע זינדיקע געדאַנקען ביים האַלדז, ביים גאָרגל און וויל זיי ווערגן, דערשטיקן...

אָט, ווען ער גייט איצט דורך דעם שאָפּ, זעט ער די שניידערין זיינע, אַן איטאַליענערקע אין די מיטעלע יאָרן, מיט געדיכט־שוואַרצע קאַרשן־אויגן, מיט אַ פעטן, אוילבירט־הויטיקן, קנעפּל־פּאַרמיקן פּנים, אַ גראָב שטיק פלייש, מיט אַ בוזעם ברוסט־פליישן, וועלכע שאָקלען זיך צו מיטן אויפטרייסל פון דער מאַשין, און ער ווייסט ניט פאַרוואָס: מיסטער גאָלדמאַן קען די אויגן ניט אַראָפּנעמען, זי ציט אים צו זיך מיט אַ שטריק פון זינדיקע געדאַנקען.

ער גייט צו נאָענט, באַטאַפּט אַ זוים פון אַן אויפגעניים העמדל. ס׳ברוינע, פעטע האַלדז אירע איז אָפּגעדעקט און דורכן קלייד־אויפשניט ביים האַלדז, איז ביי יעדן בויג אַנטבלויזן זיך אויף אַ רגע אירע קנידל־דיקע פעט־ברוינע ברוסטן. מיסטער גאָלדמאַן עסט זיך אַריין מיט די אויגן און זידט פאַר אומרו.

זי שרעקט זיך פאַר איר „באָס״, האָט פאַר אים גרויס אָפּשיי, בלייבט אַ טויטע, ווען זי זעט אים צוקומענדיק צו איר מאַשין; אָבער דוקא די אומבאַהאָלפנקייט פונם גראָבן שטיק פלייש, איר ציטער און

מורא, רעגט אים מערער אויף, וועקט פאַנאַנדער זיין ווילדן אומגע־זעטיקטן הונגער.

ער פּרואווט זיך מיט איר אויפרעדן; דער קול איז אים אַליין אַ פרעמדער, אַ שמאַלציקער.

— ווי רופט מען דיך? ווי געפעלט דיר די אַרבעט?

קיין קלאָר ענטפער הערט ניט מיסטער גאָלדמאַן; ס׳קומט אַרויס אַ צאַפּלדיקער נאַזיקער שנאָרך, ווי אַ ברום פון אַ בהמה, אָבער אַפילו דער קול אירער רעגט אים אויף און פאַרשטאַרקט זיין אומרו.

מיסטער גאָלדמאַן קוקט זיך ווילדלעך אַרום אויף די זייטן.

ס׳טרייבן אים אָפּ זיינע צוויי אַרבעטער, אַכצן־ניינצן־יאָריקע גרינע בחורימלעך, וועלכע זיצן און אַרבעטן, שמירן מיט פּענזלעך לייב־קאָליר אויף די פיגורן־העלדזער, דערווייל גנבענען זיי אויף אים אַ קוק און לצעווען צווישן זיך.

עפּעס רייסט אויף אינעווייניק אין מיסטער גאָלדמאַנען, ווי גע־צונדענער פּולווער; אַן אַלטע שנאה, וואָס ער טראָגט אין האַרצן צו יונגע שנעקעס, ווערט פאַרהונדערטפאַכט און יאָגט אים אַוועק צו זיי מיט געשרייען:

— יונגעלייט! פאַרברענגען פאַרט צוריק, פון וואַנען איר זייט געקומען; דאָ איז אַ שאָפּ! אַרבעטן דאַרף מען, אַרבעטן...

זיי ענטפערן מיט אַ פאַרוואונדערטן טראָציקן בליק:

— וואָס ווילט איר?

מיסטער גאָלדמאַן ווערט אַ צעבושעוועטער יינגל, וועלכער פאַר־שטייט שוין אַליין, אַז ער איז אַריינגעפאַלן און דאָך קען ער זיך ניט אָפּהאַלטן און בושעוועט ווייטער:

— אַן אויפמישן אַ פאַרב! אַ פּענזל האַלטן! אַ שמירן! קאַליקעס, אָט וועל איך אייך וויזן, ווי צו אַרבעטן; קוקט!

ער כאַפּט אַ פּענזל און שמירט גיך־גיך מיט צעהוליעטע פינגער. הינטערן פּלייצע פילט ער, ווי די בחורימלעך קוקן זיך איבער און חוזקן. ס׳צעברענט אים מער און ער ווייסט ניט, וואָס צו טאָן פון אומבאַהאָלפענעם כעס.

מיסטער גאָלדמאַן האָט פיינט דעם נייעם עמיגראַנט, ס׳חיות גייט אים אויס פאַרן עמיגראַנט פון אַמאָליקע יאָרן. יענער איז געווען ערנסט, דער איצטיקער איז לייכטזיניק; דער אַלטער האָט געהאַט אָפּשיי פאַרן באַלעבאָס, מיט די באַלעבאַטישע אינסטיטוציעס, אַז ער איז אים אַפילו אַ שונא געווען, האָט ער זיך דאָך מיט אים גערעכנט און מורא געהאַט פאַר אים. דער איצטיקער איז הפקרדיק און טראָציק. מיסטער גאָלדמאַן

שטיקט אַ ביטערער פֿאַרדראָס אין האַרצן, וואָס ער איז שפּעט אויס־געוואַקסן, ניט געקומען אין צייט. זיין שנאה צו די צוויי גרינע בחורימלעך פֿאַרשטאַרקט זיך; ער שרייט מיט אַ קוויטש:

— אַ שאַפּ איז ביי מיר, ניט קיין טאַנץ־זאַל! אַרבעטער דאַרף איך, ניט קיין קאַליקעס! געדענקט...

ער שטעלט שוין אויף אַוועקצוגיין מיט דראָבנע פּלינקע טריטלעך. הינטערן פּלייצע פּילט ער די אומבאַהאָלפענע צעשראָקנקייט פֿון דער איטאַליענערין און דעם חוזק פֿון די יונגע חברה. ער בושעוועט מיט גאַל:

— דערוויל בין איך נאָך באַלעבאָס! אַרבעטן דאַרף מען! קאַלי־קעס, וואָס איר זייט...

6

צוועלף אַזייגער גייט מיסטער גאָלדמאַן קיינמאָל ניט אַרונטער עסן; ניט ער, ניט זיין רעכטע האַנט, ס׳מיידל, די בוכהאַלטערין; ס׳פּייפֿט, די עלעקטריק האַקט זיך אָפּ, דער עולם גיט זיך אַ הויב, פֿלייצנדיק; און זיי, ווי גאַרנישט, זיצן און אַרבעטן...

אַ שנאה טראָגט מיסטער גאָלדמאַן אויף דער שעה, און ס׳רוט ביי אים אויף די ליפּן אַ גרינגשעצנדיקער שמייכעלע: ס׳איז אַן אַפּרו־שעה בלויז פֿאַר בעל־מלאכות און ס׳אַרא ברענען עס ברענט ביי זיי, ס׳אַראַ איילעניש, קיין איבעריקע מינוט זייערע וועלען זיי ניט איבער־לאָזן...

פֿאַרטיפֿט ער זיך דעמאָלט אין „בילס" און רעכענונגען, פֿרעגלט זיך פֿון איינגעהאַלטענעם אומגעדולד, די שעה זאָל שוין דורכגיין, דער בעל־מלאכהשער יום טוב זאָל זיך שוין ענדיקן.

דער ערשטער קומט אַרויף דער פֿאָרמאַן. מיסטער גאָלדמאַן רופֿט אים אַריין צו זיך אין אָפֿיס זיך דורכצורעדן.

ער גייט אַריין, אַ קליין, נידעריק, פּיפּיג מענטשעלע, מיט דינינקע פֿינגערלעך, ווי ביינדלעך, אַן אַ ראָק מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל. ער בלאָזט אויף זיך אַן ערנסט, ער זאָל אויסקומען גרעסער, חשובדיקער.

— הערט זיך איין, מיסטער קאָמאַראָוו, נישקשה איר מעגט עס וויסן, איר מאַכט דאָך אויך אַ לעבן פֿון די „ביזנעס". ס׳געשעפֿט גייט שלעכט, פֿאַסקודנע, אין דר׳ערד אַריין...

ער קוקט אויף אים מיט קאַלטע ברוגזדיקע אויגן, גיט אים צו פֿילן, אַז ער, דער פֿאָרמאַן, איז שולדיק אינעם אומגליק.

— „אָרדערס״ קומען אָן צוריק; ניטאָ דער טאָג ס׳זאָלן ניט אָנ־קומען גאַנצע בערג מיט „ריטורנס״. אַז די „סטיילס״ אונדזערע זיינען פאַרלעגענע און קיין נייעסן קומט ניט צו, איז ווער וועט עס קויפן פאַרהונדערטיאָריקע שמאַטעס? און דאָ אַ וועלט, „מ׳האָסלט״, מ׳ברענט, מ׳כאַפּט אויס דעם „קאַסטאָמער״ און מיר, פאַרשלאָפענע קאַליקעס, גייען אונטער.

מיסטער גאָלדמאַן קוקט זיך צו זייטיק און קוויקט זיך מיט דער געפּאַלנקייט פון זיין מענטשעלע; ס׳פּנים יענעמס, אַ ליאַלקעדיקס, מיט אַ פּאָר בלאָנדע פּרייסן־ווענצעלעך, מיט רויטלדיקע אויגעלעך, וואָס שמייכלען ניט. מיסטער גאָלדמאַן זופּט זיך אָן מיט דער געפּאַלענקייט פון דעם קליינעם מענטשל און ווערט פריילעך, ווי פון גוטן שטאַרקן וויין.

— אַזוי קען מער ניט גיין!

איצט פילט ער, אַז דער פאָרמאַן איז שוין גענוג „צענומען״. אָבער ניט דאָס אַליין איז ער אויסן: אַ! מיסטער גאָלדמאַן איז אַ פּראַקטישער מענטש, מיט אָן אויג, וואָס קוקט אַריין אינדערטיף. ביי יעדער זאַך האָט ער אַ ציל און אַ מיין...

— יע, מיסטער קאַמאַראָוו, „ביזנעס״ מוז האָבן נייעסן. דער קונד איז אַ „בייבי״, דערלאַנג אים יעדן טאָג פרישע שפּילכעלעך, אַז ניט קויפט אים עמיצער אַנדערש אָפּ. קענט איר קיין אייגענע פּאַסאַנען ניט דערלאַנגען, נעמט איבער, קריגט; ניו יאָרק איז גענוג גרויס און אַז מען פאַרמאָגט שכל און איינפאַל, קריגט מען וואָס מען דאַרף...

קאַמאַראָוו פאַרשטייט שוין צו וואָס דער באַלעבאָס צילט. ער גיט אַ שמייכל, אַ פאַרשטייענדיקס, אַ קרומס און אַ זויערס, ווייל זיין פּנים איז ניט אויף שמייכלען געמאַכט.

— איז אָט, דערזעט מען דורך אַ פענצטער אַ „סטייל״, איז אָפּגעקאָפּירט און אַהער געבראַכט צוטראָגן; גייט מען זיך דורך אַמאָל אין אַ צווייטן שאָפּ, מ׳באַמערקט אַ נייעסל איז אַראָפּגעכאַפּט שטילער־הייט. אַ „ביזנעסמאַן״ דאַרף מען זיין! זיך האָבן אין זינען! אַלעמאָל — זיך. געדענקט עס, מיסטער קאַמאַראָוו. פאַרשטייט!

גאָלדמאַן האָט נאָך אַ מאָל דעם פאָרמאַן אין די אויגן אַריינגעקוקט; ס׳האָט אים הנאה געטאָן פון דער אייגענער מאַכט און הערשאַפט, פון יענעמס געפּאַלנקייט, ער איז געוואָרן זיכער, אַז יענער וועט שוין איצט טאָן, וואָס מען הייסט.

— איצט גייט...

7

זיין מאַלצייט האָט מיסטער גאָלדמאַן געפּראַוועט מיט אַ באַקאַנטן, מיט וועלכן ער האָט באַשטימט צו טרעפן זיך אין רעסטאָראַן.

דער באַקאַנטער איז אַ פאַרמאַן אין אַ גרויסער סאָלידער פיגורן־פאַבריק. לעצטנס האָט זיך ביי מיסטער גאָלדמאַנען גענומען אויספּיקן אַ נייער געוואַגטער פּלאַן:

ער וועט אָפּזאָגן דעם שלימזל זיינעם, דעם אַלטן פאַרמאַן, און וועט איבעררעדן דעם, אַז ער זאָל איבערגיין צו אים. ער האָפט, אַז דער נייער וועט איבערציען מיט זיך אַ סך קונדן, אַז ער וועט ברענגען נייע פאַסאָנען, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

אַ באַהאַלטענע לוסט פּילט אין זיך מיסטער גאָלדמאַן, וואָס ער וויל זיך ניט מודה זיין אַפילו פאַר זיך אַליין. אַ הונגער איז אין אים פאַרבליבן פון אַמאָליקע יאָרן, ווען אַ שטיק ברויט איז נאָך געווען אַן ענין. אים ציט צום שלינגען, איינשלינגען; ער שלינגט קלענערע פון זיך און האָט הנאה; נאָר די ווילדסטע לוסט זיינע, איז שלינגען גרע־סערע „ריזן", און זאָל ער זיי באַוויזן, וואָס ער קען:

— איך פאַר זיך. קוקט!

מיסטער גאָלדמאַן איז מכבד מיט דער פולער האַנט. ער איז ניט־קאַרג; ער ווייס פון דערפאַרונג, אַז קאַרגקייט גילט בלויז פאַר קבצנים, וועמען עס געלינגט אפשר אָפּשפּאָרן פון היינט אויף מאָרגן אַ ביסן — ניט מער. נאָכן עסן איז ער מכבד מיט ציגאַרן. בײדע בייסן זיך איין מיט די ציינער אין די שפּיצן, קייען אָקסנדיק, און דער ציגאַרן־טשאַד דערנעענטערט זיי צוזאַמען און זיי פאַרשטייען זיך אויפן וואונק:

— מיסטער ניומאַן, גייט אַריבער צו מיר...

ער זאָגט אים צו גליקן: אַ קאָנטראַקט אויף ווי לאַנג ער וויל, אַ פּראָצענט אין די „ביזנעס".

אין רעסטאָראַן פּילט זיך אַלעמאָל מיסטער גאָלדמאַן געהויבענער, ווי אומעטום. ס'טוט זיך פון אים אָפּ די וואָכעדיקייט. דער געדאַנק גייט אַריבער אויף שטילערע, געלאַסענערע וועגן, אַלע איינצלהייטן פון זיין לעבן באַהעפטן זיך אין איין גאַנצן אויסגעגאָסענעם בילד.

אַזוי פּלעגט ער פּילן אַמאָל, יונגערהייט, ווען ער פּלעגט שבת בייטאָג, אויסציען זיך אויף אַ נאַקעטן טיש אין קלויז, אָנשטעלן אויפן באַלקן די אויגן און טראַכטן פאַר זיך. קיין פוילער איז ער קיינמאָל ניט געווען און ניט דער אָפּרו האָט אים אַזאַ פאַרגעניגן פאַרשאַפט; נאָר ס'קעפּל זיינס, אַ שווערס, ניט קיין איבערגעשפּיצטס, וואָס איז אַלע־

מאָל מיט זאָרגן וועגן עסן, אַ העמד, און אַ שוך געווען פאַרנומען, האָט דעמאָלט געקענט אויפזאַמלען אינאיינעם אַלע איינציקע געדאַנקען און מיט איינגעשפּאַרטקייט קריכן אין דער צוקונפט אַריין:

— כ׳וועל זיי נאָך ווייזן, וואַרט!...

איצט, אין דער עס־שעה, אין דער געשמאַקער, זעטיקער רעסטאָראַן־לופט, וואָס נעמט אים אַרום, ווי אַ לינד ווינטל, באַרואיקט און קיצלט, קומען אים מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ:

אָט זעט ער זיין וועג: ער גייט פאָרויס, ער מיט זיין פירמע, ער שפּאַרט אָן מיט זיין סחורה אומעטום. ניו יאָרק אַליין איז שוין ניט גענוג. ער האָט דערלאַנגט מיט זיינע פיגורן אין דרום־אַמעריקע, אַפריקע, איראָפּע, אויף דער גאַנצער וועלט. פלאַקאַטן שרייען אויס זיין נאָמען אויף אַלע קרייץ־וועגן: „מיסטער גאָלדמאַן, דער באַרימטער פיגורן־פאַבריקאַנט!“ זיינע קאָנקורענטן זיינען דערשטיקט, אַראָפּ־געשאַרט פון וועג; און ס׳וואַקסט אויס אין ניו יאָרק אַ ניי הויז, גאָלדמאַנס, וואָס פאַרנעמט איבער אַלעמען דעם אויבנאָן: זיי וואוינען אין די בעסטע געגנטן, קויפן ס׳שענסטע מעבל, פאָרן אויף לוסטרייזעס, גייען אין אָפּערעס און טעאַטערס, באַזוכן „יוראָפּ“, זיי גיבן אומעטום דעם טאָן...

— מיסטער ניומאַן! איך מיט איך! גייט אַריבער צו מיר!

אין זיין קול הערט זיך איינגעשפּאַרטקייט און אַפילו דערנידערונג פאַר דעם מענטשן, וועמען ער דאַרף איצט האָבן, אָפּקויפן אים פאַר זיך.

— אָבער מיסטער גאָלדמאַן! כ׳בין געבונדן צו מיין פירמע מיט אַ קאָנטראַקט.

— ברעכט אים! צעפּיצלט אים אויף שטיקלעך און טרייבט אַוועק מיטן ווינט! כ׳נעם אויף זיך...

— אָבער וואָס הייסט?

מיסטער גאָלדמאַן דערפילט, אַז יענער וועגט זיך שוין; נאָך אַן אָנשטרענגונג און ער וועט זיך אונטערגעבן אינגאַנצן. גאָלדמאַן שטעלט זיך, פּאַטשט יענעם פריינטלעך, איבערגעגעבן איבערן פּלייצע:

— מיסטער ניומאַן, איר זייט מיינער! קומט אַריבער שנעלער צו מיר...

8

פאַראַן אַ באַהאַלטן ווינקעלע ביי מיסטער גאָלדמאַנען אין האַרצן, וואוהין נאַכטיקע שאָטנס פאַרקלייבן זיך און דאָרטן ליגט שטענדיק פאַרטייעט די מורא, טאָמער, חלילה, ס׳זאָל ניט טרעפן, ער זאָל ניט פאַרלירן, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט, ניט אַראָפּפאַלן פון זיין איצטי־קער הייך.

זיין שרעק דערציילט ער קיינעם ניט, אָבער ער לעבט מיט איר און גרייט זיך צו באַגעגענען אַן אומגליק, אויב ס׳וועט קומען, ר׳זאָל ניט פאַרכאַפּט ווערן אומגעריכטערהייט.

האַלט ער זיך אין איין פאַרזיכערן: פון טויט, פון קראַנקהייט, פון צופאַלן, פון פייער און שטורעמס. איז ער באַוואָרנט מיט „איינ־שורענס״ אויפן אייגענעם נאָמען, אויפן ווייבס און אויפן קינדס. אָבער ס׳האַרץ איז נאָך ניט אינגאַנצן געשטילט.

פירט ער אין אָפּיס צוויי סאָרטן ביכער, פאַר זיך און פאַר דער וועלט; קיינער וויס ניט דערפון, נאָר זיין בוכהאַלטערין און ער...

און אַלעמאָל, אַז ס׳קומט צו אים צוגיין אין אָפּיס פאַרברענגען מיסטער שיין, אַן עלטערער ביטרער יידל, אַ קליינטשיקס, מיט רויטע בעקלעך, אַ מויל, ווי אַ קבר, איז מיסטער גאָלדמאַן שטאַרק צופרידן. יענער דריקט אויס מיט ווערטער, וואָס ס׳טוט זיך ביי גאָלדמאַנען אַהינטערן געדאַנק.

ביים אַלטן זיינען די איינעלעך געגדזענע; ער טשמאַקעט אַן־טעמיק ביטרע ווערטלעך פון זיין קברדיקן מויל:

— קויפט ביי מיר אַ הייזקעלע! קויפטס.

און נאָך:

— פאַרשטייסט מיך: אין גוטע יאָרן דאַרף מען זיך צוגרייטן פאַר שלעכטע, וואָס קענען קומען דערנאָך. וואָס איז „ביזנעס?״ רויך, שווינדל, כאַפּ לאַפּ; „ריעל־עסטייט״ איז די הויפּט־זאַך! אַ הייזקעלע, מיסטער גאָלדמאַן, אַ הייזקעלע קויפטס... אַז ווער הייסט אייך פאַרשרייבן עס אויף אייער אייגענעם נאָמען? פאַרשרייבט אויפן ווייבס, אויפן קינדס. אָט פאָלגט מיך...

וואָס לענגער ער רעדט, אַלץ מער באַרואיקט זיך ס׳שאָטנדיקע ווינקעלע, וואו עס ליגט פאַרטייעט אין גאָלדמאַנס האַרצן די מורא פאַרן קומענדיקן טאָג. אַז דער אַלטער גייט אַוועק, שפּרייזט מיסטער גאָלדמאַן איבערן אָפּיס, רייבט זיך געשמאַק די הענט און רעדט צו דער בוכ־האַלטערין זיינער:

— אַ קלוג מענטשל אָט דער מיסטער שיין! אַ חכם אַ ייד!
— אַן אַלטמאָדישער און פאַרשטעקט אין גאַרטל די יונגע...
פאַר דער מיידל האָט גאָלדמאַן קיין סודות ניט, זי איז אים ניט קיין פרעמדע. אַריינגעקומען צו אים אין אָפיס אַרבעטן איז זי נאָך אַ האַלב־קינד, מיט פרישע יוגנט־שפּראָצנדיקע בעקלעך און דאָ, פאַר אים אין די אויגן, האָט זי אָפּגעוועלקט. צייטנווייז אַפילו דאַכט זיך אים, אַז ער לעבט אין אַ טעות: ס׳וואָלט אינעם בראָנקסער אַפּאַרטמענט איז אים אַ פרעמדס, און די־אָ איז זיין אייגענע; יאָרן, סודות און דער יוגנט־צוויט, וואָס האָט זיך דאָ, ביי אים, אויסגעשאָטן, האָבן זייביידן פאַרקניפּט און חתונה געמאַכט.
— בעסילע, לאָמיר זיך זעצן אַרבעטן...
ער דיקטירט און זי שרייבט, ער וואַרפט ווערטער שנעל, פיילנדיק און זי כאַפּט זיי אויף און זעצט אויפן פּאַפּיר. ניט בלויז די ווערטער כאַפּט זי, אויך די געדאַנקען זיינע, יעדן קנייטשל פון זיין ליפּ; פון געוואוינשאַפט פאַרשטייען זיך שוין ביידע אויפן וואונק.
— וואָס שרייבט מען מ... ען?
— גיב אַ סטראַשע מיט „קאָרט״.
— און ב... ען?
— מאַך אַ טעות אין דאַטום, וועט שוין שטימען.
— און ס... ען?
— האַלט זיך אָפּ. דערווײַלע; שרייב, אַז דו האָסט שוין אַרויס־געשיקט.
ס׳געשעפט צעברעקלט זיך אויף איינציקע שטיקלעך: „בילס״, בריוולעך, אַנווייזונגען, דערמאָנונגען. מיסטער גאָלדמאַן פאַרלירט זיך אין די איינצעלהייטן. ס׳אונטערטאַנצן פון די מאַשינעס, פון אויבן און פון אַלע זייטן, מאַכט חוזק פון זיין שווערן ניט־איבערגעשפּיצטן קאָפּ; ער שטרענגט זיך אָן איינצוהאַלטן דעם פאָדעם פון געדאַנק.
ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די פויסטן, קוקט פאַרגנבעט אויף זיין בוכהאַלטערין: אַ פאַרעלטערט מיידל, מיט געפאַרבטע ליפּן, מיט אַן אויסדרוק אויפן פּנים, ווי איבערגעגעסן מיט בלאָסן פּאַפּיר; דאַכט זיך, זיין כלה, אָדער ווייב.
ער רוקט זיך צו נעענטער:
— אַרבעטן, בעסילע! לאָמיר אַרבעטן! שרייב...

9

שפעטלעך אין אָוונט קומט מיסטער גאָלדמאַן צופאָרן אַ היים.

אַלע מאָל קומט ער אַהיים שפעט; קיינמאָל פאַרלאָזט ער ניט דעם שאַפּ אין איין צייט מיט זיינע באַלמעלאָכעס, אפילו ווען ער האָט דאָרטן ניט וואָס צו טאָן. הייבט אָן „ווילסלען" פינף אָזייגער, לייגן זיך ביי אים צונויף די ליפּן אין אַ חוזק־שמייכעלע, בייסט ער זיך איין אין עמיצן מיט אַ פאַרזשמורעט אייגל און שטעלט זיך אַוועק שטיל־שטיל; ס'דערמאָנט אים זיין אַמאָליקע „שקלאַפעריי", ס'רייצט אים מיט זיין באַשרענקטקייט און הילפלאָזיקייט: אדרבה, זאָל ער זיך אַ פּרואוו טאָן שטעלן אַנטקעגן, אָפּהאַלטן זיינע בעל־מלאכות פון דעם העזהדיקן רוף.

ער ראַטעוועט זיך פון שאַנדע, אַז „זי" אויך, די בוכהאַלטערין זיינע, זאָל ניט אַוועק מיט אַלעמען; אַ פּאָר מינוטן פאַר'ן „ווילסל" גייט ער צו איר צו:

— בעסילע, געענדיקט, שוין געענדיקט אונדזער אַרבעט. גיי אַהיים.

נאָך פינף בלייבט ער אַליין, ווי אַמאָל אין קלויז נאָכן יום טובדיקן מוסף; ערשט דעמאָלט באַפאַלט אים אַ הונגער נאָך אַרבעט. ער בריהט זיך, באַלעבאַטעוועט, נעמט צו, פּאַקט איין, פּאַקס אויס.

אַ היים פאָרט ער מיט דער סאַבוויי. דער געדרענג איז שוין אַריבער, אין וואַגאָן איז גראַמלעך, אויף די סטאַנציעס ברענען ליכטיקער פון דער נאַכט אויסגעוואַשענע, ברילִיאַנטענע פייערלעך; ער קלייבט זיך אויס אַן אָרט, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, נעמט פאַנאַנדער זיין נאַכמיטיקדיקע צייטונג און פאַרטיפט זיך אין איר.

איצט וויל ער די „ביזנעס" פון קאָפּ אַרויסשלאָגן. ער זוכט אין דער צייטונג נייעס אַזעלכע, וועלכע זאָלן אים אָפּפרישן און צענעמען נאָך זיין ערלעך־פאַרהאָרעוועטן טאָג.

ער לייענט מעשות וועגן „האָלד אָפּס", גטן, מאַן און ווייב סקאַנ־דאַלן, „פייטס", „בייז באָל", אַלץ מיטן קאַלטעטשקן ביזנעס־מאַנס שמייכעלע:

— אייגנטלעך, נתפעל ווערן איז ניטאָ פון וואָס. מיר וויסן! אונדז נאַרן איז דאָך שווערלעך! שווינדל...

אין הויז קומט ער אַ פאַרמאַטערטער אָבער אַ באַפרידיקטער: ניט געפּטרט אומזיסט קיין טאָג, ער קושט ס'ווייב, דאָס קינד, עסט זיין

מאָלצייט, געניצט, ציט זיך, קנאַקט אויס די ביינער און קלייבט זיך אויפדערנאַכט שלאָפן גיין.

אָבער, איידער ער לייגט זיך שלאָפן, וואַשט ער זיך און פּליוכעט, קרעכצט פון קאַלט־וואַסערדיקן פאַרגעניגן, גרייט צו פרישע וועש, אַ געפּרעסטן קאָסטיום, אַ ציכטיקן געקראָכמאַלטען קאָלנער פאַר מאָרגן אינדערפרי.

אַזאַ מענטש איז שוין דער מיסטער גאָלדמאַן:

אַ גלאַטער, אַ ציכטיקער, אַן אָפּגעהיטער, אים קען מען מיט יעדן איינציקן ניט פאַרגלייכן. אָ! ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער...

אויף די וועגן

טאַם און פאַנטאַנאַ, צוויי לאַמבער־דזשעקס (האָלץ־העקער), האָבן אין אַ זומערדיקן טאָג געשפּרייזט איבערן זאַמדיקן וועג. זיי האָבן זיך שוין דעם טאָג הפּנים גוט אָנגעגאַנגען. יעדע ווילע פלעגט זיך איינער פון זיי אויף אַ ווילע אָפּשטעלן, אַרונטערבויגן דעם אָנגעלאָדענעם רוקן, איינגראָבן דעם שפּיץ געלן שוך אין דעם צעמאָלענעם זאַמד און אויפהויבן אַ גאַנצן וואָלקן מיט שטויב.

„היי, באַדי! אפשר זיך דאָ ערגעץ וואו אָפּשטעלן אויף אַ נאַכט־לעגער?“ האָט פאַנטאַנאַ פון דער זייט אַ פרעג געטאָן זיין חבר.

טאַם האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, צוגעזשמורעט די אויגן, אַ דריי געטאָן זיך אויפן שפּיץ שוך־זויל אויף אַלע זייטן און לאַנגזאַם זיך גענומען פאַרקירעווען אויף אַ זייטיק שטעגעלע. פאַנטאַנאַ האָט אים נאָכגעפאָלגט.

אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט טריט זיינען זיי צוגעקומען צום זוים פון אַ וואַלד, וואָס האָט זיך, ווי אַ ברעג פון אַ שיסל, אויסגעבויגן פאַמעלעך אין אַ טיפן טאָל. אונטערשפּרינגענדיק אומגעטירליך אונטער דער שווערער משא, זיינען זיי באַלד צוגעקומען צו אַן אָפענעם פּלאַץ, וואו, אויסגעשאָטן אין קופּקעלעך, האָבן זיך געדרויבערט דאָ און דאָרט פאַנאַנדערגעוואָרפענע קעמפּ־פייערן.

ביידע האָבן, ווי אויף אַ באַפעל, פאַרוואָרפן די קעפּ ווייט אַהינטער די פּלייצעס. די פּעקלעך האָבן זיך לייכט און שנעל אַראָפּגעגליטשט אויפן גראָז. נאָך די פּעקלעך האָבן זיך ביידע אויסגעמאַטערטע קער־פּערס אַ שלײדער געטאָן אויף דער ערד, אויסגעצויגן זיך ווי די סטרונעס און ניט רירנדיק מיט קיין אבר, מיט די אויגן אויסגעגלאָצטשעט צו דעם אָפענעם הימל, געבליבן אַזוי ליגן.

ס'האָט גענומען ווערן פינצטערלעך, דאָ און דאָרט האָט עפּעס ווערימדיקס גענומען פויזען און רירן זיך. אויף אַן אונטערגעהאַקטן שטאַם האָט זיך אויסגעהויקערט אַ פיגור, געצויגן מיט אימפּעט אַ

רויכערדיקע פּיפּקע, געשפּיט און געוואָרטשעט אָן אַן אויפהער. אַ ביסעלע ווייטער האָט זיך נאָך איינער אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג און שלאָפנדיקערהייט אויסגעשפּילט מיט דער נאָז כלערליי פּייפנדיקע ניגונים. אַרום די טליענדיקע פייערן האָבן זיך כסדר געוויגט און געפּאַרקעט מאָדנע נאַכטיקע סילועטן.

טאָם האָט זיך אויפגעהויבן דער ערשטער. ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ גליטשיקע קאַץ, אַרויסגעצויגן פון זאַק אַן איינגעוויקלט פּעקלעלע, אַוועקגעגאַנגען צו אַ פּלאַץ, וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין באַלעבאַטישער אָרדענונג פאַרשיידענע קיך־מכשירים: בלעכענע ציגאַר־קעסטלעך, אויסגעליידיקטע מילך־קענס, אַן אָפּגעשיילטער, צעפלעקטער טשייניק. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די נויטיקע כלים, איז אַוועק ערגעץ אָנשעפּן וואַסער און מיט די אָנגעגאָסענע כלים איז ער צוריקגעקומען צום גליענדיקן פייער־שייטער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין געוועקט דעם שלאָפנדיקן פאַנטאַנאַן און מיט אַלע כחות געוויגט אים הין און צוריק פאַר די שמאָלע אַקסלען.

„איי, דו! שטיי אויף! „סאַפּער" איז פאַרטיק. קום עסן".

יענער האָט זיך אויפגעהויבן אָן חשק, מיט פאַרלאָרענע אויגן אַרומגעקוקט זיך וואו ער איז אין דער וועלט און וואָרטשענדיק גענומען זיך לאַנגזאַם קראַצן.

ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן. געכליאָפּטשעט די שיטערע זודיקע קאַווע, זשעדנע געקייט די אָפּגעבראָכענע שטיקער ברויט, געשטופּט אין מויל די לאַנגלעכע וואורשטן. די גאַנצע צייט געזעסן שטיל, ניט אויסגערעדט צווישן זיך קיין וואָרט.

אַ שאָטנדיקער סילועט מיט אַ פּאָר הייסע אומרואיקע אויגן האָט זיך פאַרביי זיי דורכגערוקט און צוגעוואָרפן פון דער זייט אַ פאַרגנבעטן בליק. ביידע האָבן אים אין דער זעלביקער צייט צו זיך צוגערופן.

„קום מיט אונדז עסן".

ער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. אַראָפּגעלאָזן זיך האַסטיק אויפן גראָז, אָנגעגאָסן אַ בלעך קאַווע און פאַנאַדערגעלאָזן זיך טשמאָ־קען אויף ביידע באַקן, קוקנדיק די גאַנצע צייט ערנסט אויף זיינע אייגענע פיס.

פאַנטאַנאַ האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

„וואָס הערט זיך עפּעס אויפן וועג?"

„פאַסקודנע, קיין דזשאָבס איז ניטאָ. די שטאָט־לצים, די אָקסן,

דער טייוול זאָל זיי דערשטיקן, זוכן אַלץ אונדזערן אַ ברודער אַריינ־שלעפּן אין אַ צרה, אַוועקזעצן אויף פרעמדן קעסט".

„געטראָפן זיך דאָ מיט אונדזערע לאַמבער־דזשעקס?"

„עטלעכע זיינען דאָ היינט אין דער פרי געווען. געפּאַקט אַ פּראַכ־טער, אַוועקגעגאַנגען ערגעץ ווייטער צו דער וועסט".

טאָם איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן. דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר די איבעריקע צווי. יעדערער האָט גענומען זיין געפּעס, אַוועקגעגאַנגען צו דעם ניט־ווייטן טייכל, אויסגעפּליושקעט זיי אויף ריין און אַוועקגעשטעלט אין דער בעסטער אָרדענונג דאָרט וואו מען האָט זיי פריער גענומען.

דער מיטלסטער איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינצ־טערניש. די לאַמבער־דזשעקס זיינען אַוועק זוכן אַ געלעגער, נעענטער צום ברענענדיקן שייטער: די פייכטע קילקייט פון דער נאַכט האָט זיך שוין גענומען דורכזאַפּן דורך די ביינער. אַ ווינטל האָט געבלאָזן און די קין־באַקן האָבן ניט ווילנדיק פון צייט צו צייט אונטערגעטענצלט. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן נאָענט איינער צום אַנדערן, איינגענורעט זיך, אַריינגעשלעפּט דעם קאָפּ טיף צווישן די פּלייצעס און אַוועק כראָפּען.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פּאַנטאַנאַ. עפּעס אַ גליטשיקע האַנט האָט זיך געפּאַרקעט ביי אים הינטערן בוזים. קאַלטע ביינערדיקע פינגער האָבן אויפגעציטערט זיין צעפּאַרעטן קערפּער. ער האָט מיט אימפּעט געגעבן אַ כאַפּ די האַנט, אַזש די ביינער האָבן גענומען קנאַקן. לעבן אים, אין דער בלישטשענדיקער פינצטערניש פון דער נאַכט, איז געשטאַנען אַן איינגעהויקערטער הי־דזשעק (גנב) און געציטערט ווי אַ בלאַט.

פּאַנטאַנאַ איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, געשטופּט און גע־קנאַטן דעם צעשראָקענעם הי־דזשעק מיט צונויפגעקלאַמערטע פויסטן און געשריען אין דער נאַכט מיט באַנומענע קולות:

„איי, חבר! אַהער! אַהער! אַ הי־דזשעק געפּאַקט".

זיין קול האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין דער הילכיקער פוסטקייט. פון דער ערד האָבן זיך געהויבן שוואַרצע פיגורן וואָס האָבן געשפּייט און געשאָלטן מיט אַ בייזער אומפאַרשטענדלעכער וואָרטשעריי, אַרומ־געשטעלט זיך אין אַן אייזערנעם רינג אַרום דעם צעשראָקענעם, צע־פּאַטלטן מענטשן.

„פאַרברענען אים, דעם הינטישן זון!"

„טרענען אים די אָדערן איינציקווייז פאַר גנבענען ביי אַן אייגענעם ברודער".

„הענגט אים אויף".

„היי! לאָמיר אים לינטשן, לינטשן!"

טאָם האָט זיך פויל אויפגעהויבן פון דער ערד. מיט אַ בערישער נאָכלעסיגקייט צוגערוקט זיך נאָענט צום פאַרלאָרענעם הי־דזשעק און אַריינגעקוקט אים טיף אין די אויגן.

„קום פייטן זיך, דו טייוולשער שטאָם. אַ פייט ביז צו ענדע".

דער עולם איז געוואָרן לעבעדיקער און האָט אויסגעדריקט זייער התפעלות מיט הירזשענדיקע קולות. מיט אַ משונהדיקער מונטערקייט האָט מען זיך גענומען פאַנאַנדעררוקן און מאַכן פּלאַץ פאַר די פייטערס.

טאָם האָט זיך צעלאָזן ווי אַ צעווילדערוועטער אָקס. סאָפּענדיק און רעווענדיק האָט ער געזעצט מיט די אָנגעצויגענע פויסטן אין בויך, אין האַרצן, אויף די קין־באַקן, אונטער די אויגן, עפּעס האָט געכרוסטשעט אונטער זיינע הענט, הילכיקע קלעפּ, ווי אין אַ פּוסטן פאַס, האָבן געקלונגען אין דער וויטן.

דער עולם האָט געליאַרעמט אין משוגענער התפעלות:

„זעץ אים! זעץ אים! קנאַק אים אַרונטער די פּאַסקודנע קוקערס זיינע".

„די קישקעס גיס אים אַרויס".

„האַק אים אויס אַלע ציינער, זאָל ער זיי נאָכדעם גיין קלייבן".

„הרגע, טייט, מזיק".

„איי, נאָך! נאָך! נאָך!

„בו־בו־בו־ו!"

דער הי־דזשעק האָט זיך געשלאָגן מיט אַ פאַרשלאָפענער נאָכלעסיגקייט, וויסנדיק אַז דער גאַנצער עולם איז אַנטקעגן אים. ער האָט זיך כלומרשט געמאַכט קוראַזש, געפאָכעט מיט די שוואַך־פאַרשטייפטע קולאַקעס און פאַרלאָרן זיי אין דער לופטן. אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אַ האַרנדיקע קו, געטראָגן זיך פאָרויס און באַלד אָפּגעטראָטן אויף צוריק. די געזאַלצענע רויטע שפייעכץ האָט שוין געקוואָלט פון זיין מויל. ער האָט עס אַלע ווילע מיט אַ שפריץ אויסגעשפּייט און באַלעקט די ליפּן. ביסלעכווייז האָט ער גענומען אָפּשטיין. די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ ווילדער גלייכגילטיגקייט, די אָפּגעשוואַכטע הענט האָבן זיך אומגעלומפּערט געשאָקלט, ווי קוליעס שטרוי. די פיס האָבן זיך גענומען וויגן און שטרויכלען. מיט אַ היציקן קלאַפּ איז ער, ענדליך, ווי אַ פּלאַכטע געפאַלן צו דער ערד.

דער עולם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט באַרואיקן. דאָס צעראַרטע בלוט האָט זיך צעיושעט און ניט געקענט קומען צו זיך.

מען איז געשטאַנען אין קופּקעלעך און מיט אויפגעבלאָזענע נאַז־לעכער באַשפּראָכן די נייס פון דעם נאַר־וואָס געענדיקטן פייט. ביסלעכווייז האָט מען זיך גענומען פאַנאַנדערשיטן. דאָ און דאָרט איז שוין עמיצער געלעגן און געשנאָרכט אויף די העכסטע טענער.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען טאַם און פאַנטאַנאַ האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, איז שוין דאָרט קיינער ניט געווען. דאָס ביינאַכטיק פייער האָט נאָך קוים געטליעט און געוואונקען מיט ווייסע בעלמע־אויגן. זיי האָבן צונויפגעקליבן טרוקענע צווייגן, צוגעריכט דאָס פייער און אַוועקגעשטעלט זיך אויף די קני צוגרייטן עסן. נאָכן עסן האָט מען פאַרוואָרפן די פעק אויף די פּלייצעס, פאַרזאַמט זיך אַ ווײַלע צו וואַרפן אַ לעצטע בליק, און געלאָזן זיך גיין אין וועג אַריין.

ווען זיי זיינען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָבן זיי באַמערקט אַ שוואַרצן פלעק אויפן זייט וועג. טאַם האָט זיך פאַרקוקט מיט אַ פאַרדעכטלעכן קוק, פאַרזשמורעט אויף אַ ווײַלע די אויגן און פאַר־קירעוועט זיך אַהין, צו יענער זייט. דאָרטן, אויף דער ערד, איינגעדרייט אין אַ האָזן־קניילכל, איז געלעגן דער ביינאַכטיקער הי־דזשעק. זיין צעבלוטיקטער פּנים איז געווען פאַרקלעפּט אין שמוציקע, רויט־דורכגעזאַפּטע פּאַפּיר־פּלאַסטערס. דער אויפגעשוואָלענער בויך האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, ווי ביי אַ נאַרוואָס געשאָסענעם פערד. ער איז געלעגן און אַן אויפהער געזעגט מיט אַ מאָדנעם עקלדיקן כריפּ. טאַם האָט אים געגעבן אַ פּאַרקע אין זייט מיט אַ שפּיץ־שוך.

„עי, דו, פגירה איינע, שטיי אויף".

יענער האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט, געלעגן און געכריפּעט ווי פריער.

„שטיי אויף, זאָגט מען דיר, פאַרנעם זיך וואָס גיכער פון דאַנען".

אַ קאָנוואולסיווער שוידער האָט אויפגעצאַפּלט דעם גאַנצן קערפּער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד און ניט גערירט פון אָרט.

„וואָס קוקסטו, טאַם? קנאַק אים גוט אַריין, לאָז אַרויס זיין אומ־ריינעם מאַרך און זאָל שוין נעמען אַ סוף", — האָט זיך פאַנטאַנאַ אַרייב־געמישט.

דער ליגנדיגער האָט קוים מיט מאַטערניש פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, אָפּגעגאָסן זיי מיט אַ מוטנעם גלייכגילטיקן בליק, פאַרהוסט זיך און אויסגעבראָקעט אַ שטיק פאַרטריקנט בלוט.

„עהע! דער הונט פגרט שוין אַוועק טאַקע אויף אַן אמת", האָט

טאָם אַ זאָג געטאָן מיט אַ טויבן פאַרדומפּענעם קול און פאַרקוקט זיך עפּעס מאָדנע אָן אַ זייט.

גאָר אומבאַמערקט האָבן זיך די טאַרבעס אַראָפּגעקייקלט פון ביידנס פּלייצעס, זיי זיינען געבליבן שטיין אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע, ניט וויסנדיק וואָס צו רעדן און וואָס אָנהויבן צו טאָן.

„דער הונט איז ווערט דעם שטעקן", האָט פּאַנטאַנאַ אָן אַ שום ביטערקייט גענומען רעדן. „געוואוסט נאָר שלעפּן, ציען, בייטעלעך שניידן ביי אָן אייגענעם חבר. איצט, ברודערקע, פּיק גיכער אַרויס דיין נשמה און טראָג זיך אָפּ צום טייוול אויף כּיבוד".

„נאָך אַלעמען אָן אייגענער ברודער, אַ היימלאָזער, וועט אַוועקשטאַרבן אויפן פעלד און קיינער וועט ניט וויסן וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען".

„אָן אייגענער ברודער, אַ היימלאָזער", האָט אים פּאַנטאַנאַ מיט היץ איבערגעקרימט און פאַרפלאָמט געוואָרן פון אַ פּלוצימדיקן כּעס־געפיל, „אַ בייטל שניידער, אַ שמוציקער הי־דזשעק, פוי!"

טאָם האָט גאָרנישט געענטפערט, איינגעבויגן זיך, אָנגעשפּאַרט זיך אויף ביידע קני און באַקוקט דעם חולה מיט אַ צערודערטן שאַרפן בליק.

„מ'דאַרף אים איבערטראָגן נאָענטער צום פייער, דאָ איז צו פייכט".

שטיל, אָן ווערטער, האָבן זיי אויפגעהויבן דאָס בינטל צעווייטיקטע פליש און אַוועקגעטראָגן צום פייער. טאָם, נאָכדעם ווי ער האָט אונטערגעשפּאַרט זיין מאַנטל דעם חולה צוקאָפּנס, האָט זיך גענומען פאַרקען אַרום דעם שייטער און האָט אַלץ צוגעוואָרפן טרוקענע שפּענדלעך. פּאַנטאַנאַ האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרכמורעטער, ווי אין אַ שטייג.

„טאָם! אָ, טאָם, אין פּעקל צו פרעסן איז שוין באַלד גאָרנישט ניט געבליבן. כ'וועל אַריבערגיין אין דעם נאָענטן שטעטל אויסבאַמעווען וואָס איך וועל נאָר דאָרט קענען".

פּאַנטאַנאַ האָט זיך אַוועקגערוקט און טאָם האָט זיך צוגעצויגן נענטער צום ליגנדיקן הי־דזשעק, אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן, אויב קיינער זעט ניט, האָט ער צוגעלייגט זיין דלאָניע צום חולהס שטערן און לייכט אַ גלעט געטאָן זיינע קלעפּיקע האָר. יענער האָט געברענט אין אַ העלישן פייער. די אַרויסגעקייקלטע מוטנע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ מאָדנעם ציטערדיקן אומעט. אַ שוידער האָט נאָכאַנאַנד געהויבן בערגלעך אויף דער צעפלאָמטער הויט. אין האַרצן האָט אָן אָן אויפהער געזעגט און געכריפּעט. ס'האָט זיך געפילט, אַז דאָס ערדישע רייסט זיך צו אַנטלויפן מיט אַ משונהדיקן ווייטיק און עפּעס אַנדערש קומט באַלד פאַרנעמען דעם אָרט.

„פילסט אַ ביסעלע בעסער, חבר?"

קיין ענטפער.

„אַ? ס׳טוט זייער שטאַרק וויי?"

אַ הוסט, ווי פון אַ פּוסטן פאַס, האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם צעקרענקטן לייב, צעברעקלט זיך אין דער לופטן און צעשאָטן זיך אויף שטיקלעך.

טאָם האָט זיך פאַרקרימט פאַר ווייטיק. ער איז געזעסן אויף אַן אונטערגעהאַקטן פּיען, דער האַריקער פּנים טיף איינגעגראָבן אין די אויסגעשפּרייטע דלאָניעס און שטיל, פאַר זיך עפּעס געמורקעט אונטער דער נאָז.

פאַנטאַנאַ איז געקומען צוריק. אויף די הענט האָט ער פאַרזיכטיק געטראָגן אַ הון.

„גאָטס־פאַרדאַמטע שטאָט־לצים, הינט, בלוט־זויגערס, פּאָליטישענס! פאַרפלוכט זאָלן זיי נאָר זיין, געשוואָלן זאָלן זיי ווערן! קוים מיט צרות איינגעגעבן זיך אָוועקצושלעפּן אָט דאָס איינציקע הינדל".

מיט רציחה האָט ער דעם הינדל אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, אָפּגעפּליקט, צעטרייבערט און אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאַן קאָכן.

ווען דער זופּ איז פאַרטיק געוואָרן, האָט טאָם אָנגעגאָסן אַ בלעכן קענדל, גוט אויסגעבלאָזן און צוגעטראָגן צו דעם קראַנקנס ליפּן.

„עס, חבר, אַ ביסעלע טשיקן־זופּ".

יענער איז געלעגן, געקריצט מיט די ציינער אין די ליידן פון לעצטע טויט־ווייטיקן און גאָרנישט ניט געהערט.

„נו, עס שוין, עס".

„ער וועט ניט עסן, זאָג איך דיר", האָט פאַנטאַנאַ אַרויסגעשאָסן.

„זעסט ניט, דער מאַן שטאַרבט".

„דו, דו!" האָט פאַנטאַנאַ, ווי אַ יונג וועלפל פּלוצלינג זיך פאַנאַנדער־געוואָיעט. זיינע צושויבערטע האָר האָבן זיך ווילד אויפגעשטעלט און זיין גאַנצער פּנים איז געוואָרן רויט, ווי העלישער צונטער.

„וואָ־אַ־ס?"

„דו! דו האָסט אים געהרגעט!"

„מסתמא איז ער אַ קראַנקער געווען, פון אַלעמאָל אַ פעלער געהאַט", האָט טאָם זיך הכנעהדיק געבעטן.

„ניין, דו, דו, דו!" האָט פאַנטאַנאַ הייזעריק און נאָך ווילדער גענומען קוויטשען און אַרומלויפן. זיינע צעהוליעטע פינגער האָבן זיך משונה פאַנאַנדערגעטאַנצט אין דער לופט.

„אי־י־ך?"

אַ הילכיקער טראַסק האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן פעלד. זיי האָבן זיך איינגעשטשעמעט איינער אין דעם אַנדערן, אויפגעדרייט זיך אין אַ משונה־שווינדלדיקן קנויל. מיט אויסגעקרימטע פינגער האָבן זיי געריסן פּאַסמעס האָר טיף ביז די וואָרצלען, געקרעלט מיט די נעגל, געביסן מיט די שאַרפע ציינער. אַ ווילד־אויפגערעגטער וואַלד־קול האָט די גאַנצע צייט געשיפּעט און געכאַרכלט זיך אין זייערע אויפגעריסענע מיילער.

ווען זיי זיינעןביידע אָפּגעשוואַכטע און פאַרבלוטיקטע אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז, איז דער הי־דזשעק שוין געלעגן שטיל. אַ רואיקע געלאַסנ־קייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין טויט־בלאַסן פּנים. נאָר די אויסגעשטשירעטע ציינער האָבן זיך טיף־טיף איינגעשטשעמעט אין די בלוי־פאַרשוואָלענע ליפּן און די פויסט איז געבליבן האַרט פאַרקוועטשט, ווי ער וואָלט דאָרטן עפּעס געהאַלטן און בשום אופן ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

„געשטאָרבן", האָבן ביידע, שוין איבערגעבעטענע, אַ שושקע געטאָן און ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן.

דער טויט־סוד האָט זיך פאַרטוליעט אין גראָז און צווישן די צוויגן. אַ צעשוואומענע גרוילעכע שרעק האָט זיך פאַנאַנדערגעוויגט אין דער לופט צווישן הימל און ערד, געהוידעט זיך אויף הוידעלקעס אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, געשפּיצט זיך אין שאַרפינקע נאָדלען און געשטאָכן ערגעץ אין אַ ווינקל פון מאַרך. די חברים זיינען געזעסן פאַרטיפט, געשלונגען די אימהדיקע שטילקייט, געווען גרייט אויפצוכאַפּן זיך פון דעם מינדסטן שאָרך פון אַ בלאַט, פון דעם לייכטסטן ווינט־בלעזל און לויפן, פליען משוגענערווייז, וואוהין נאָר די צעשראָקענע פיס וועלן זיי אַוועקטראָגן...

דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַנטאַנאַ.

„איי, טאָם! געפּגרט שוין דער הונט. אַ גיכע מיתה־משונה איינ־גענומען".

„הא ?"

„איך זאָג דיר, אַזוי גיך אַרויסגעבלאָזן זיין פאַסקודנע נשמה. פיו, אויס! ווי קיינמאָל גאָרנישט ניט געווען".

„טאָ וואָס ?"

„לאָמיר גיין, אַוועקגיין וואָס גיכער פון דאַנען. די שטאָט־אָקסן, די בלוט־צאַפּערס, פאַרדאַמט זאָלן זיי נאָר ווערן, וועלן באַלד אויסגעפינען

און אַלץ אויף אונדזערן אַ ברודער אַרויפקערן. מיט אונדזערע הויטן וועלן מיר זיי דאַרפן באַצאָלן".

„קום".

טאָם האָט צוגעדעקט דעם טויטנס פּנים מיט אַ געפאַרבט טיכל, צורעכט געמאַכט דעם רעקל אונטער זיין צוקאָפּנס. ביידע האָבן אַרויפ־געוואָרפן די פּעק אויף זייערע פּלייצעס און אַוועקגעלאָזט זיך אין וועג אַריין...

לויפנדיקע שאָטנס

דבורהלע האָט זיך נאָר וואָס אויסגעטשוכעט פון שלאָף. דער וועק־זייגער לעבן איר געלעגער האָט לאַנג שוין געהאַמערט, ווי אַ קאַלט־בלוטיקער גזלן. די ערשטע קלעפּ זיינע האָבן זיך צעשאָטן אין דער כמורנער האַלב־טונקלקייט פון אַ צימערל אין אַ ווינטער פרי־מאָרגן. ערשט די לעצטע פאַרהלשטע קלאַנגען פון העמערל האָבן איבערגעריסן דעם דינעם געהעפט פון אַ יונג־מיידלשן חלום. דבורהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, געוואוסט, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין צו דער אַרבעט.

פון בראָנקס ביז די דרייסיקער גאַסן אין ניו יאָרק איז אַ היפשער מהלך. די פרימאָרגנדיקע איבערגעפּאַקטע סאָבוויי רייסט אַרויס מיט איר פאַרטעמפּטער אייזערנער ציין־קריצעניש די לעצטע שפּורן פון פאַרטאָגיקן שלאָף, אפילו דעם שלאָף פון אַן אַכצן־יעריק מיידל. די קאַלטע אונטערערדישע ווינקעלעך פון אַ ווינטער־פאַרטאָג בייסן אין דאָס היציקסטע לייב, אַפילו דעם בלוטיקן קערפּער פון אַן אויפגעוואַכטן מיידל. קיין וואונדער ניט, וואָס דבורהלע האָט זיך געהאַרבעט, געגורטעט אין איר לייכטן ספּאָרטישן מאַנטעלע, ווי אַן אַלטע באָבעצע.

דער אַריינגאַנג אין סאָבווי: עס עפנט זיך אַ קבר ביי דער זייט פון גאַס, עפנט אויף אַ מויל טרעפּ אויף טרעפּ, שלינגט איין, קוועטשט צונויף מיט קאַכלנע וויס־גלאַנציקע ווענט און לאָזט אַראָפּ צו זיך אין די געדערים אַריין. אַ ווילדער געליאַרעם פון צייט צו צייט לויפט דורך, פליט אַוועק, ווי אַ גאַנצער באַרג אָפּגעקייקלטע שטיינער.

דבורהלע איז אַראָפּ אין סאָבווי. אַ צוג האָט ניט לאַנג אַוועק־געטאַנצט, אַוועקגעטראָגן מיט זיך דעם גאַנצן מענטשלעכן באַגאַזש. צום צווייטן צוג איז נאָך געבליבן אַ וואָסערע צען מינוטן. זי איז געבליבן שטיין אויף דער פאַראיינזאַמטער פּלאַטפאָרמע, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ מיט אַ פאַרעקשנטן קינדישן ברוגז: באַלד וועט זיך דאָס קינד פאַנאַנדערוויינען, אַ טופּ טאָן מיטן פיסל און פאָדערן ניט אַנדערש, אַז דער צוג זאָל זיך גלייך אומקערן צוריק...

טויט ווערט אין שטוב נאָך אַ שכורער הוליאַנקע, אין אַ שאַפּ — נאָכן טאָגיקן אויסהודזשען פון די עלעקטרישע מאַשינען. ס'איז אָבער גאָר־ניט אַנטקעגן דעם טויטן אומעט פון אַ פאַרלאָזענער סאָבווײ־פּלאַטפּאָרמע. דאָס אײנזאַמע מײדל האָט זיך אין דער ווײלע געפילט, ווי לעבעדיק באַגראָבן.

ס'איז נאָר אַן אומרו פון סעקונדן: אָט־אָט וועט אַ כליניע טאָן אַ נײע גרױסע מאַסע, וועט זיך צושפּאַרן צום אומגעצאַמטן גרעניץ, אויסמישן איר אומרואיקן געפילדער מיט דעם רעוועץ פון די אײזערנע רעדער. דערווײל זעט אָבער דבורהלע קײנעם ניט, די לעמפּלעך גיסן מיט אַן אומהײמישן, קאַלטן, דראָענדיקן פײער. דאָס יונגע אומרואיקע בלוט גליווערט, די שטײפע פיס ציטערן און דער מײדלשער בוזים הויבט זיך. ווי אַ קראַנקער בלאָט אויף אַ האַרבסטיקן בוים.

אָבער שאַ... אויף דעם אַנדער עק פון פּלאַטפּאָרמע איז עמיצער פאַראַן. דבורהלע דערקענט דאָרטן אַ מאַן. אינסטינקטיוו טוט זי זיך אַ טרײסל אויף, איר פּנים נעמט אָן אַ צוגעפּאַסטן אויסדרוק, די אומ־שולדיק־קאַרע אויגן גיסן זיך אָן מיט כיטרן נײגער.

זי גײט אַנטקעגן, דער קאָפּ אַנגעבויגן אָן אַ זײט, איז גרײט אויפ־צוכאַפּן די זײטיקע בליקן, וואָס וועלן באַלד אויפבליצן אין איר ריכטונג.

ער איז שוין דאָ... די טריט אויף דער סאָבווײ־פּלאַטפּאָרמע קלאַפּן אָפּ הילכיק און שרײענדיק־פרעך. זי וועט אַ ביסל אַ קער טאָן דעם קאָפּ, זען ווי קוקט אויס דער מאַן. אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן, דאַכט זיך ניט קײן איבעריק אינטערעסאַנטער, אַן אויסגעמאָגערטער שוואַרצלעכער פּנים. דאָס פיגורל אײנגעהויקערט, אַרויפגעטשעפּעטע אָרעמע קלײדער, ווי אויף אַ שטעקן אַ זאַך. נאָר אָט האָט זי זיך באַגעגנט מיט זײנע אויגן און אַ טרײסל געגעבן אויף אַ זײט. „גאָט! וואוהין קוקן זײ? וואָס זענען אַזעלכע אויגן?"

מוטנע־ווײסלעך, פאַנאַנדערגעגאָסן, צעמישט, אַ פײכט גלעזערן הײטל אַריבערגעצויגן, ווי אויף אַ פאַרהוקעטן שפּיגל. צונטער־בלוטיקע פלעקן אין די אויפגעריסענע ווינקלען און אין מיטן, אײנגעפּאַסט אין אַ טויטן ראַם, אַ פּאָר שטײענדיקע שוואַרצאַפּלען, קוקן אַזוי די אײנגע־גליווערטע שוואַרצאַפּלען ניט אַרום זיך, נאָך טיף אינוועניק אין זיך, זעען דאָרט אַ סוד, וואָס אין אַן אַכצניעריקן עלטער איז זײער שווער צו באַגרײפן און לאַכן מיט אַ פראָסט־שמײכעלע, וואָס קילט אָפּ די היציקסטע בלוטן...

דבורהלע האָט עפּעס איבערגעלײענט אין זײנע אויגן. זי האָט גלײך דערקענט, געווען זיכער, אַז מיט אים מוז הײנט אויסערגעווײנלעכס

פּאַסירן, אַז ער אַליין ווייס דעם סוד און גרייט זיך צו דעם, וואָס ער אַליין האָט אויף זיין שטערן אויסגעקריצט. זי האָט דערשפּירט דעם ריח פון רויען פלייש, אַ ריח, וואָס דאַרף ערשט קומען. עס האָט איר גענומען איבלען און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נענטער צום אַרויס־גאַנג אויפצוכאַפּן פרישע לופט.

צום גליק האָט זיך סאַבוויי־סטאַנציע גלייך גענומען אָנפילן מיט מענטשן. אַריינגעקומען צוערשט אַן אַלטינקער, אַ „טאַטעלע", וואָס האָט זיך חנעוודיק געשפּאַרט אויף זיין שטעקן און געקוקט מיט וואַרעמע אויגן אויף די זייטן. אַריינגעקומען אַ יונג בחורל „בלוט און מילך" מיט צערויטלטע שעמעוודיקע בעקעלעך, נאָך זיי די לאַנגע גרויע, אָן־פּנימדיקע קייט. דבורהלע האָט אָפּריער ניט געוואוסט, צו וועמען זיך צוצוטוליען: צום אַלטן טאַטעלען אָדער צום איידעלינקן בחור? איר אויסוואַל איז ענדלעך געפאַלן אויפן בחור. דער סאַבוויי־צוג האָט דערוויל גענומען גרילצן אָנקומענדיק פון דערווייטן.

דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צום אומגעצאַמטן גרענעץ. פון בראָנקס ביז די דרייסיקער גאַסן אין ניו יאָרק איז אַ היפּשער מהלך. ווער וויל דאָס בלייבן הענגען אויפן פּאַסיק? ווערן געשליידערט מיטן האַסטיקן פלי פון וואַגאָנען, ווי אַ שווערער קלאָץ? אָט צוזעצן זיך, צו פאַרכאַפּן אַן ערטל, פאַרטיפן זיך, פאַרבורען, ציען אַ לאַנגן דראַ־טענעם געדאַנק, ביז צו דער נסיעה ווערט נעמען אַ סוף.

דבורהלע האָט זיך געשטופּט גלייך מיט אַלעמען. איר אויפמערק־זאַמקייט איז געווען צעטיילט צווישן דעם מאַן מיט די פאַרהוקעטע אויגן און איר באַשיצער, דעם חנעוודיקן בחורל. מיט דעם ערשטן האָט איר פאַראייניקט אַ סוד, וואָס זי האָט אויפגעכאַפּט פריער אויף דער פאַר־לאָזענער פּלאַטפאָרמע. דער באַמעבלאָזער סוד איז געווען אַ סך דייטלעכער פון דער גאַנצער שטופּנדיקער, רירעוודיקער מאַסע, וואָס ווערט באַלד צעשוואומען ווערן און קיינמאָל ניט אויפקומען זיך מער צוזאַמען צוריק. דער צווייטער איז איר געווען נויטיק, אומגעהויער נויטיק, אויף וואָס — האָט זי נאָך אַליין ניט געוואוסט.

מיט אַ בראַזג און געפּילדער האָט דער צוג גענומען צופליען צו דער סטאַנציע. די בלוטיקע אויגן האָבן שוין געדרייט פון דערווייטן. דער אומגעדולדיקער עולם האָט אַ זעץ געטאָן פון אָרט. פּלוצלינג אַ טויבער אויסגעשריי, אַ קוויטש, אַן אומגעלומפּערטער פאַל פון אַ שווערן קערפּער איבערן ראַנד פון גרעניץ, נאָכדעם אַן אַנלויף פון רעדער. איידער זי האָט נאָך גוט דערזען, האָט דבורהלע דערפילט, אַז דאָס האָט געטראָפן מיט אים...

דער עולם האָט אַ שפּאַר געטאָן אויף צוריק. אַ פאַרשטיקטער אויסגעשריי, ווי דאָס בילן פון אַ הייזעריקן הונט אין אַ מיטן־נאַכטיקער שטילקייט, האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע מיילער. דבורהלע האָט אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט איר יונגן באַשיצער. אַ ווייכע, הייסע דלאָניע האָט צוריק איר האַנט אָפּגעדריקט. די מאַנסבילשע האַנט האָט אויף גיך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט. אַליין אַ צעציטערטע, אַ צערעגטע, מיט שפּריב־געגנדיקע אָדערן, האָט עס דאָך די מידלשע דלאָניע געצערטלט, געגלעט און אויפקלאַמערנדיק אין אַ הויפן די דינע צעשראָקענע פינגער, צו־געזאָגט שוץ און באַרואיקונג.

וואָס האָט געטראָפן? אַן אומגליקלעכער מאַן איז געשפּרונגען אָדער אַרונטערגעשטופּט געוואָרן פון דער פּלאַטפאָרמע. וואו? אָט דאָ טאָקע אונטן, דבורהלע מיט אַ בלאַס־צעשראָקענעם פּנים, ווילדע אויגן, אויפגעשויבערטע האָר, צעשטעלט אין ווילדע זיידעלעך, בויגט זיך אַרונטער, שלינגט דעם חושך פון צווישן די רעלסן. אַ דין שפּריצל, ווי אַ רויט שטראַלעכל, שפּרינגט אַנטקעגן, שנעלט איר אָפּ גלייך אין די אויגן און אין די אויפגעציטערטע, צעעפנטע ליפּן, דורכן רויטן שטראַלעכל זעט דבורהלע אַן אויסגעצויגענעם קערפּער, אַ שווערער ראָד אָנגעשפּאַרט אויף אַ געשוואָלענעם בויך, ווי אַ שטיוול אויף אַ בויך פון אַ שוואַנגערדיקער פרוי. די באַקאַנטע אויגן שליסן זיך שוין לאַנגזאַם. עס צאַפּלט נאָך עטוואָס פאַרשטענדיקס, מוראדיקער פאַרגעניגן אָדער אומענדלעכער פּיין. דבורהלען פאַרשווינדלט אין קאָפּ. אַ פּאָר מיט־פילנדיקע הענט כאַפּן זי אונטער. זי ווייס אויף זיכער, וועמענס הענט דאָס זיינען. כאָטש קיין פּנים קען זי מער ניט זען. ווייטער ווערט אַלץ פאַרצויגן מיט אַ גרויען ליזונט...

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער צוג נאָך געשטאַנען אויפן אָרט. טעמפּע קלעפּ פון געזונטע, אייזערנע האַמערס האָבן אָפּגעהילכט פון אונטער די רעדער צוזאַמען מיט אַ בריאַזגעריי פון קייטן. דאָס האָט מען שווער געאַרבעט אַרויסצושלעפּן דעם איינגעקוועטשטן מענטש־לעכן גוף. די אויפגעלאָפענע מאַסן־כוואַליע איז שוין צעפאַלן. צעשאָטענע קופּקעלעך זיינען געשטאַנען דאָ און דאָרט און מיט טעם באַשפּראָכן דעם נאָר־וואָס פאַרלאָפענעם אינצידענט.

דבורהלע איז געזעסן אויפן שטיינערנעם דיל. לעבן איר איז אויף די קני געשטאַנען איר יונגער באַקאַנטער. ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון אירער, גלייך געקוקט איר אין די אויגן מיט אַ צערטלעכן פאַרבענקט־יינגלישן קוק. זי האָט אים צוריק ניט געקענט ענטפערן מיטן זעלביקן בליק: דער שאָטן פון יענעם, וואָס איז איצט געלעגן פאַר־

שטשעמעט צווישן שווערע רעדער, האָט געבלענדט און געוויגט זיך אין לײדיקן שטח. אַרום אירע הויך־אַרויפגעקאָשערטע ברעמען, האָט דער שאָטן זיך געשפּיצט, געזוכט אַן אָרט אײנצושטעכן מיט אַ שפּיזיקן שאַרף אינם מײדלשן מוח און דאָרטן פאַרבלײבן אויף שטענדיק.

די מינוטן האָבן זיך צוריק לאַנגזאַם גענומען ציען. דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק: אַזאַ אָפּהאַלט! פאַרשפּעטיקט זיך צו דער אַרבעט, אין געשעפט, צו דער פאַרשפּראָכענער באַגעגעניש. ענדלעך איז מען דאָרטן אונטן געוואָרן פאַרטיק. דער קערפּער איז אַרויף אויף דער אויבערפלאַך. מען האָט אים שוין געבענטשט אין די קעשענעס, געזוכט אַ סליאַד צו דער געהײמניש. נאָך אַלעמען אַ געוועזענער לעבעדיקער מענטש מוז האָבן אַ נאָמען, אַ צונאָמען, אַ גאַס, אַ נומער און נאָך אַנדערע סימנים. דער צוג האָט צוריק אָפּגעכאַפּט זײן עלעקטרישן אָטעם. דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צום אַרײנגאַנג.

דער יונגער באַקאַנטער האָט דבורהלען צוגעפירט צום וואַגאָן, לאַנגזאַם געזעצט זיך, געדריקט די האַנט, געקוקט איר אין די אויגן מיט וואַרעמער צערטלעכער בענקשאַפט. די טיר האָט זיך צוגעהאַקט, דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט.

דבורהלע איז אַ פאַרמאַטערטע צוגעפאַלן צום זיץ־פּלאַץ. דער צוג איז געפלויגן מיט פולן בריאַזגענדיקן אימפּעט. דאָס אַכצן־יאָריק לעבן האָט זיך ווײטער געטראָגן, באַרײכערט מיט נײַע צוויי שאָטנס...

זשאַבאַ

זיין נאָמען איז געווען זשאַבאַ, זיין צונעמעניש — „סימפּל סיימאָן״. אַזוי האָבן אים גערופן זיינע חברים, פּאַרם־אַרבעטער, אין דער מיטל־וועסט. פון דאָרטן איז ער אויף אַ פראַכט־וואַגאָן געקומען קיין ניו יאָרק. עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אָנקוקן די גרויסע שטאָט.

די שטאָט, וואָס גיסט זיך בעכערדיק איבער די ברעגן, האָט אים אַמאָל, קינדווייז, פון איר טיף אַרויסגעשוימט; איז ער אַוועק איבערן לאַנד, געהאָלפן די פאַרמערס אין דער מיטל־וועסט בויען שטאַלן, זייען קאָרן און שניידן, גראָבן ברונעמס און צאַמען פאַרקאַנעס, וואו מען דאַרף.

איז אים די אַרבעט ניט נמאס געוואָרן; מיט אומרו און אימפּעט איז ער נאָך ניט געוואָרן זאַט; אָבער מיטאַמאָל זיינען אים באַפאַלן זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן, אַוועקגעשלעפּט אים פון דער וועלט פון קאָרן און זאַנגען אין שטאָט אַריין.

— זשאַבאַ! קום...

געקומען און איז נאָכאַמאָל געוואָרן שוים אין בעכער. געזונטער בערישער כח האָט זיין אָרט ניט געפונען און פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ גאַס פון אָפּפאַל און מענטשן־ברוך. זשאַבאַ האָט געוואָלט צוריק אַנטלויפן, אין שוין געווען שפּעט.

ער האָט געהונגערט, געשלאָפן אין פּאַרקס אויף די בענק. ביי־טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער גאַסן, און אין האַרצן ביי אים, ווי אַ ווינט אויפן פּרערי־פעלד, האָט געוואָיעט און געמאָנט:

— וו־אַ־ר־ק...

אַ הויכער איז ער געווען, אַ דינער און אַ לאַנג־פיסיגער; האָט ער זיך אַליין געפּלאָנטערט אין דער לאַנגקייט פונעם אייגענעם קערפּער. די אויסגעטראָגענע בגדים זיינען צו קורץ געווען און זיי האָבן זיך איבערן שטייפן ביין געצויגן אַרויף. זיינע האָר — זאַמדיקע, דער קאָליר פון די אויגן — אומשולדיק־בלוי. צוויי לאַנגע הענט — דינע שטאָלענע

פרענטן, וועלכע זיינען אַראָפּגעהאַנגען פאַרשעמט פון די זייטן און מיט פאַרמישטער אומגעלומפּערטער פאַרביטערטקייט געמאַנט:

— וו־וו־אי־ר־ק!...

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, נאָר די שאַטנס פון אַלטע טענעמענט־הייזער, פאַרביי וועלכע זיינע לאַנגע פיס האָבן אים דורכ־געטראָגן, האָבן זיך געוויגט מיט פינצטערער אומרחמנותדיקייט און געענטפערט אויף זיינע געדאַנקען:

— „וואָירק״ פאַר זשאַבאָן? ני־טאָ! ני־טאָ!...

***

פון אינדערפרי אָן האָט זשאַבאָ קיין ביסן ניט געהאַט; בייטאָג האָט אים געטראָפן אַ גליק:

ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ געשעפט, וואו מ׳האָט אויסגעפּאַקט קאַסטענעס. דער באַלעבאָס, אַ קורץ מענטשל מיט אַ סאָוע־באָז, וואָס האָט זיך כמעט אַנגערירט ביזן ליפּ, האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ רוף:

— עי, זשיראַף! ווילסט אַרבעטן? קום!

זשאַבאָ האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. אַרבעטן האָבן זיינע הענט־פרענטן ליב; ער האָט זיי אויסגעצויגן, פאַרחלשטע זיינען זיי שוין געווען, ווי מיט זשאַווער פאַרצויגן. איצט זיינען אים די אָדערן אָפּ־געגאַנגען, אַ דאגה וואָס פאַר אַן אַרבעט, אַבי מ׳טוט.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן און געקראָגן עטלעכע מטבעות, האָבן אים די לאַנגע פיס אַוועקגעטראָגן מיט פייגלדיקער לייכטקייט. די קורצע אויסגעטראָגענע הויזן האָבן זיך אַרויפגעצויגן און געפּאַטשט צו די ליטקעס, ווי צו אַ מאַסט:

— זשאַבאָן איז גוט, פריילעך! זשאַבאָ וועט היינט עסן צו זאַט.

ער איז געגאַנגען און געטראַכט, וואָס פאַר אַ סעודה צו פּראַווען: אַ לאַבן ברויט, אַ קעסטל סאַרדינקעס, פּאָמידאָרן מיט זאַלץ, אַ פּאַפּירן זעקל מיט וויינטרויבן אויף צו פאַרבייסן, מיט פייכטע קליינטשינקע ביינדלעך, וואָס וועלן זיך אויסשיסן פון מויל, ווי אַ שראָט:

— ש־פּר־ו־ו...

זיינען די בלוי־אומשולדיקע אויגן מיט נאַרישער פאַרחלומטקייט אָנגעגאָסן געווען: נאָך אַלעמען, זשאַבאָן איז ניט שלעכט; פּאָמידאָרן געזאַלצענע, וויינטרויבן פייכט־וויניקע. די טריט זיינען האַסטיקער גע־וואָרן, דער פוס־לייג — לענגער. לויפנדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפן טראָטואַר מיט אַ שפּילנדיקן קינד, וואָס ער האָט עס ניט ווילנדיק אַ שטופּ געטאָן און שיר ניט אַנידערגעוואָרפן אויפן שטיין.

ס'קינד האָט אָנגעהויבן וויינען, זיך דערשראָקן פאַר זשאַבאָן; האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן, מיט די דראָנגעס־הענט אויפגעהויבן אינדערהויך צו זיין פאַרוואָקסענעם פּנים און עס געוואָלט באַרואיקן:

— שאַ־שאַ! זשאַבאַ וועט קיין שלעכטס ניט טאָן; זשאַבאַ האָט ליב קינדער. טו־טו, בחורל! טו־טו־ו...

האָט זיך דאָס קינד נאָך מער צעוויינט. זשאַבאַ האָט צו אים וויטער איינגעטענהט אַט אַזוי:

— נו־נו, בחור, גענוג; קום, זשאַבאַ וועט דיר וויינטרויבן קויפן, פון זעקל וועסטו עסן, די ביינדלעך וועסטו אויסשפּייען און מאַכן ש־פּ־ו־ו...

געענדיקט האָט זיך די מעשה מיט אַזאַ סוף, אויף וועלכן זשאַבאַ האָט זיך ניט געריכט: אַ צעשראָקענע פרוי (דעם קינדס מוטער) האָט פון אַ פענצטער דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט, דערזען זשאַבאָן און פאַרגאַנגען זיך מיט ווילדע קוויטש־קולות: „אַ „קידנעפּער"! גוואַלט, מיין קינד!" דעם קול האָבן אַנדערע אויפגעכאַפּט און מיט אומרו פון שפּיר־הינט איז די גאַס געוואָרן פול; זשאַבאַ האָט דאָס קינד אַרונטערגעלאָזן און אַוועקגעלאָפן, דער עולם — נאָך אים. מען האָט אים דעריאָגט, געכאַפּט און געשלאָגן. זשאַבאַ האָט זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן, ער האָט נאָר געפּאָכעט מיט די וויעס איבער די בלוי־אומשולדיקע אויגן און די שטעקלעך־הענט זיינען נאָך הילפלאָזיקער געהאַנגען ביי דער זייט. אַ ביטערער פאַרדראָס האָט פּונעם איגענעם בלוט געמאָגט:

— פאַרוואָס שלאָגט מען זשאַבאָן? פאַרוואָס?...

**
*

פון דעמאָלט אָן האָט זשאַבאַ אַפשיי פאַר שטאָטיקע קינדער; גייט ער פאַרביי, היט ער זיך זיי ניט אָנצורירן, הונגעריק איז ער נאָך אַלץ און נאָך אַרבעט פאַרחלשט; אין האַרצן, ווי אַ פרעירי־ווינט וואָיעט און מאָנט!

— ור־אי־ר־ק...

זשאַבאַ האָט זיך איינגעוואוינט צו גיין אַלע טאָג אין זאָאָלאָגישן גאָרטן; צווישן חיות איז אים אָנגענעמער; דאָרטן פּלאָנטערט ער זיך ווייניקער אין זיין איגענער הויכער פיגור. אין שטאָט זיינען בנינים הויכע, רייזיקע און מענטשן — מיטלגעוויקסיקע. זשאַבאַ איז ניט שולדיק, וואָס אין די מיטל־וועסט פאַרמס האָט ער זיך אויסגעצויגן, ווי אַ דראָנג.

ער האָט ליב צו קוקן אויף זשיראַפן; אַ פּאָר זייערע שטייען דאָרטן. הויכע, שוויגנדיקע, מיט העלדזער פאַרריסענע, שטייען ווי געמעלעכצן.

געריירט זיך פון אָרט, אַריינגעשטעקט דעם האַלדז צווישן געפּאַנגשאַפּט־שטאַנגען; אפשר וועט מען עפּעס מעלה־גירהן דערלאַנגען, וועט זיין וואויל...

מענטשן זענען גוטהאַרציקע; דערלאַנגט מען ביסלעך און מ׳האָט דערפון הנאה. אַלטינקע קוועלן גאָר, אַ צווייטע יוגנט קומט אויף זיי. קינדערלעך הויבט מען אויף די הענט:

— דערלאַנג, קינדעלע, דערלאַנג...

כאַפּט דער זשיראַף אויף די ביסלעך; דאַנקען דאַנקט ער ניט. ער שטעלט ניט קיין פאָדערונג און במילא דאַרף ער שוין ניט באַדאַנקען; אָפּגעמיילעגיירעט, אויסגעצויגן דעם האַלדז און געבעטן נאָך.

מענטשן קומען צוגיין, אַלץ נייע; מ׳דערלאַנגט נאָך און נאָך.

זשאַבאַ איז הונגעריק; קיין ביסל דערלאַנגט אים קיינער ניט, כאָטש ער איז אויך לאַנג, דין און אויסגעצויגן, ווי אַ זשיראַף.

איז עס אפשר דערפאַר, וואָס ער איז ערגער פאַר דער חיה און בייזער פון איר? ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער קאָליר פון זיין אויג איז בלוי־אומשולדיק, און זיינע האָר — בלאָנד־שטרויאיק, און זיינע הענט־דראָנגעס פאַרשעמטע, איז דאָך אין האַרצן ביי אים ניט אַלץ רואיק. עפּעס קנויליקס, שווערס, שוואַרצס און ביטערס וואַקסט דאָרט און ווערט פאַרשאַרפטער; און אַז עס גייט צו צום האַלדז, ווערגט עס, און די אָדערן פון די הענט ציען אָן, ווי דראָטן אויף שטאָל:

— זשאַבאַ וויל אַרבעטן! זשאַבע האָט כח! פאַרוואָס האָט איר אים פאַרהונגערט, ווי אַ הונט?...

ער איז דעמאָלט מקנא די ווילדע חיות, טיגערס, לייבן און לעמפּערטן, וואָס זיינען פאַרשפּאַרט הינטער אייזערנע גראַטעס. אומרואיקע זיינען זיי, פּינצטערע; לאַפּעס קורצע, עקן פיילקע; קליקעס אויסגעשאַרפטע; שטעלן זיי אַוועק אַ לאַפּע, איז עס די ווייכקייט פון בלוט פאַרטייעטן, מאַנענדיקן, וואָס קען אויפשפּרינגען און שנעלן, ווי אַ שטאַרק־אַנגעצויגענער, געפּאַלירטער, שפּילנדיקער ספּרוזשינע־שטאָל.

זשאַבאַ האָט אַמאָל געזען, ווי מען האָט צו אַ חיה אין שטייג צו־געוואָרפן אַ שטיק פליש. רויכערדיקס איז עס נאָך געווען, רויט־זאַפּטיקס, און ס׳בלוט האָט פון דעם אַראָפּגעטריפט; אָבער די חיה האָט זיך צו דעם ניט צוגערירט, ניט באַמערקט אַפילו; דער צוגעוואָרפענער ביסן איז איר ניט געפעלן געוואָרן, האָט זי אים מיט אַ כיון פאַרשעמט...

זשאַבאַ, איז אַן אַנדערער: אַז עס הונגערט אים, וואָלט ער, דאַכט זיך מיסט געגריזשעט, און אַז זיין צאָרן גייט אָפּ, ווערט ער שטיל און נאָכגעביק, ווי אַ לאָם; ווען זשאַבאַ שלאָפט אין פּאַרק, חלומט זיך אים

אַמאָל, אַז ער איז אַ פּאַרמער אין דער מיטל־וועסט, דער קאָרן איז צייטיק און דער זאַנג איז אַ געל־גאָלדענער. זיין ווייב איז אַ פּאַרמערקע און ער זיצט און קיצלט די העלדזלעך פון קליינע זשאַבאָלעך, וועלכע לאַכן און הירזשען פון נחת אָט אַזוי:

— אי־הי־האָ־האָ־אָ...

אַז ער וואָלט אַ לאַנגן שנאָבל געהאַט, וואָלט ער אים, ווי דעם העלפאַנט, נאָך אַ ניסל אַרויסגערוקט: זשאַבאָ איז הונגעריק, די קישקעס פּלאַצן אים. אַרבעטן וויל ער, ברויכט מען עס ניט; גייט זשע צום טייוול און גיט אַ נוס. אַרויסשטעלן די האַנט איז אים אָבער שווער...

ער דרייט זיך אַרום דעם העלפאַנט־הויז, ביי די גראַטעס, פון וועלכע עס שטעקן זיך אַרויס די גרויסע, לאַנגע, רעדיקע שנאָבלען, וואוהין ס'שיטן זיך ניס און קערנער. די אויגן האַלט ער צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן אנן זוכט:

— וואָס ס'וועט אַראָפּפאַלן, ניט טרעפנדיק אינעם העלפאַנטס שנאָבל, געהערט צו מיר...

***

דריי טעג האָט זשאַבאָ געהונגערט. אויפן פערטן טאָג האָט ער אַ פאַרחלשטער, קוים די פיס רירנדיק, פאַרשלעפּט זיך אין „זו".

דער טאָג איז געווען אַ יום־טובדיקער; מענטשן, ווי מוראַשקעס, זיינען געווען אָנגעשאָטן אין יעדער אַליע, ביי יעדן פאַרצאַמטן שטייג, וואו אַ חיה איז געווען פאַרשפאַרט.

דעם גרעסטן עולם האָט געצויגן דער העלפאַנט. ניס, קערנער, געבראָטענער קאָרן האָט זיך אין אַ שפע געשאָטן צו אים אין נאָז.

און ער, אַ פוילער, קוים רירנדיק מיטן אומגעלומפּערטן גוף, האָט זיך דאָך אומעטום איינגעקערט און איבערגעוואָרפן די נאָז פון גאַסט צו גאַסט.

זשאַבאָ איז אויך ביים העלפאַנט געשטאַנען; דעם העלפאַנטס אויג האָט, דאַכט זיך, צוגעוואונקען צו אים:

— אַז מ'האָט אים שוין איינגעשפּאַרט און אומנוצלעך געמאַכט זיין באַרגיקן כח, טאָ גייט זשע צום טייוול און דערלאַנגט ניסלעך.

פונעם ריח פון געבראָטענע ניס און געצוקערטן קאָרן האָט זשאַבאָן געאיבלט. אין קאָפּ האָט אים געשווינדלט, די קישקעס אינווייניק, ווי געטריקנטע לעדער־שטיקער, האָבן געפּלאַצט.

נאָכדעם האָבן זיך גענומען פאַרציען די בלוי־אומשולדיקע אויגן

מיט אַ פינצטערער שפּיציקער שוואַרצקייט, די לאַנגע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן אינדערהויך.

און פּלוצלינג האָט עס זשאַבאָ פון די פיס אַ הויב געטאָן; די פינגער, וואָס זיינען געוואוינט געווען האַלטן געצייג, האָבן זיך איינגע־שטשעמעט אין די שטאָכעטן פונעם העלפאַנטס פאַרצאַמונג און ער האָט זיך גענומען דראַפּען אַרויף.

ער איז איבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, אַריבערגעשפּרונגען צום העלפאַנט און געבליבן שטיין לעבן אים, זייט ביי זייט.

זיינע אויגן זיינען נאָך פינצטערער געווען, שאַרפער און שפּיציקער. דער עולם, מיט פולע זעקלעך ניס אויף יענער זייט צאַם, האָט אים אויסגעקוקט ווי אַ פאַרביקער אינדערהויך־געקנוילטער שלאַנג.

ער האָט די לאַנגע דראָנגע־האָט אויסגעצויגן און מיט די פינגער גענומען שפּילן, ווי די ביגל־שניטן פונעם העלפאַנטס רעריקער נאָז:

— גיט ניסלעך זשאַבאָ דעם העלפאַנט! גיט...

— איך בין אַ העלפאַנט פון דער מיטל־וועסט! כח ביינערדיקער, הונגעריק איז ער. גייט זשע צום טייוול, ניסלעך דערלאַנגט...

זשאַבאָ האָט געוויינט און געלאַכט...

איידלשטיינער

דאָס שוי־פענצטער פון דער צירונג־פירמע „זילבערטוי און קאָמפּ.״ האָט זיך געבאָדן אין ליכט. די זון איז ערשט אַרויסגעשוואומען אויפן מיטן הימל און אָפּגעשווינקט מיט אַ טאַנצנדיקן שטראַלן־בינטל די פאַנאַנדערגעהאַנגענע גאָלד און זילבער שטיקער. אויף אַן אויסגעשפּרייטן פּליושענעם בעט זיינען געווען אויסגעלייגט שאַכטלעך פון איידעלן פּערל און בליציקן בריליאַנט. די שטיינדלעך האָבן געבלאַנקט, איבערגעגאָסן זיך אין אַ פריילעכן בליץ־שפּיל און פאַרכאַפּט דאָס אויג.

אין געשעפט איז נאָך געווען שטיל. דער אייגנטימער, דער אַלטער זילבערטוי, אַ נידעריקער פעסט־געבויטער מאַן מיט אַ שיין־געפורעמטן גרויען קאָפּ, גלאַנציק־זילבערנע האָר אויף די שלייפן, אַן אָנגעצויגן רעספּעקטאַבעלן פּראָפעסאָר־פּנים, מיט צוגעזשמורעטע קלוגע אייגלעך, איז געשטאַנען לעבן פענצטער. ער האָט פאַרקוועטשט אַ שפּאַקטיוו אין איין אויג, געהאַלטן אַ שטיק צירונג צווישן די פינגער און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט.

קענטיק, אַז זיין איינקוקן זיך האָט אים קיין איבעריקן פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט. זיין הויכער שטערן איז אויפגעלאָפן מיט בערגלדיקע קנייטשן. ער האָט יסורימדיק געקרימט זיין טרוקן־הויטיקן פּנים, פאַרביסן די ליפּן און אַן אומצופרידענער בליק האָט געכמורעט זיין איינציק־אָפענע אויג.

דער האַלדזבאַנד, צו וועלכן ער האָט זיך אַזוי אויפמערקזאַם צוגעקוקט, איז געווען געמאַכט פון אַ לאַנג־צאַצקעדיקער פּלאַטינום־קייט, איינגעפאַסט מיט גרעסערע און קלענערע בריליאַנטן. די עקן פון קייט זיינען נאַכלעסיק אַראָפּגעהאַנגען פון זילבערטויס הענט. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די שטיינדלעך האָבן אַזוי לוסטיק שעמערירט, געגליט און געצאַפּלט זיך אין טאַנצנדיקן שיין, איז דאָך דער באַלעבאָס געווען זייער שטאַרק ניט צופרידן. הפּנים זיין שפּאַקטיוו האָט דאָרט אויסגעפונען אַ היפּש ביסל פלעקן און שפּעלטלעך און דער כלומרשטדיקער

בלאַנק האָט בשום אופן ניט געקענט אָפּנאַרן די צוגעזשמורעטע קלוגע אײגלעך.

דאָס קוקן איז אים נמאס געוואָרן. ער האָט צונױפגעקליבן די קײט אין אַ הױפן, אַװעקגעװאָרפן מיט האַרץ אין אַ װינקל און אַרױסגעקוקט פון פענצטער. אַ מאַן איז דאָרט די גאַנצע צײט געשטאַנען פון דער צװײטער זײט, די נאָז פלאַך אָנגעשפּאַרט אָן שױב און האָט אַלץ זײער ערנסט באַטראַכט.

זילבערטױ האָט אים פײן צוגעװאוינקען, העפלעך, מיט אַ צי פון די צוגעזשמורעטע קלוגע אײגלעך פאַרבעטן אַרײנצוקומען. דער פרעמדער האָט זיך אַ װײלע געקװענקלט, אין פאַרלעגנהײט איבערגעשטעלט זיך פון אײן פוס אױף דעם אַנדערן. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן און איז אַרײנגעקומען.

איצט איז שױן געװען זילבערטױס אַרבעט צעגלידערן דעם בײ־אַרײנגעקומענעם קונד, אַרײנטאַפּן צו אים אין האַרצן, זען װאָס דאָס איז פאַר אַ „פױגל" און װי מען קען צו אים צוטרעטן. זילבערטױ האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ העכסט רעספּעקטאַבעלן קוק, ער האָט אָבער זײער װײניק געקענט אַנטאַפּן.

דער קונדע, אַ הױכער, אַ בײנערדיקער, גאַנץ אָנשטענדיק געקלײדט, מיט אַ שטײפער מאַסקע אױפן אָנגעשטרענגטן כמורנעם פּנים, איז געשטאַנען מיט אַן עטװאָס־אַריבערגעבױגענעם קאַרק, געקוקט קאַלט מיט אַ פּאָר גלעזערנע ברוגזלעכע אױגן און האָט אַלץ געהאַלטן אין פאַררוקן די הענט טיפער צו זיך אין די הױזן־קעשענעס.

— יעס סיר. מיט װאָס קען איך אײך אַרױסהעלפן. — האָט זילבערטױ זיך צעשטאַרלט מיט אַן אײדעלינקן שמײכעלע.

— אַ שטיקל צירונג פאַר מײן „סװיטהאַרט" — האָט יענער קאַלט אָפּגעהאַקט מיט אַ גראָבלעכער בײזער שטים.

— װי איר זעט, האָבן מיר אַ רײכן און פאַרשײדנאַרטיקן אױסװאַל. עס װענדט זיך, װי הױך איר װילט גײן מיט דעם פּרײז.

— כ'האָב נאָך ניט באַשטימט. שטײענדיק לעבן אײער שױ־פענצטער איז מיר אײנגעפאַלן אַ געדאַנק „סורפּרײזן" מײן פרױ מיט אַ שטיקל צירונג. באַװײזט עפּעס רעכטס.

זילבערטױ האָט אים אַ צװײטן מאָל פון אונטן שאַרף אָנגעקוקט און האָט װײטער גאָרנישט ניט געקענט דערקענען.

„װײזט אױס צו זײן אַ כיטרינקער, אַ קאַלטער. שטיקט דאָרט עפּעס בײ זיך אין הינטער־געדאַנק און װיל ניט אַרױסלאָזן. מיר װעלן אים שױן דערװאַרעמען".

ער האָט אויפגעעפנט אַ שאַכטל, פון וואַנען עס האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ גרין־בלוילעך פלעמל, האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ רינגעלע און גענומען זיך מיט דעם שפּילן.

— ווי געפעלט אייך דאָס רינגל?

דער קונד האָט נאָכלעסיק אַ שוועב געטאָן מיט די קאַלט־גלעזערנע אויגן. עפּעס האָט אויף אַ ווײַלע יע אַ ציטער געטאָן הינטער זײַן שטייפער מאַסקע, ער האָט זיך אָבער באַלד ווייטער פאַרשטייפט, געקוקט פויל און באַהאַלטן די הענט טיפער אין די קעשענעס.

— באַווייזט עפּעס אַנדערש.

זילבערטוי האָט אים צוגעטראָגן שטיקלעך צירונג איינע נאָך די אַנדערע. מיט אַ צערטלעכער שטים, מיטן ווייכן וואונק פון די עטוואָס־צוגעמאַכטע קלוגע אויגן האָט ער געפּרוּווט אויפוועקן ביי אים אַ בענקשאַפט צו איינעם פון די בלישטשענדיקע שטיינדלעך. דאָס שפּיל האָט ער גוט געקענט. ער האָט מיט אַ שטייגנדיקער התפעלות אַלץ גערעדט און דערציילט פון די גוואַלדיקע מעלות און שיינקייט פון זײַן סחורה.

— באַקוקט נאָר גוט דעם געשליף, דעם קאָליר. קונסטפול, פיין און פייערדיק־בלוי. איצט שטעלט אייך נאָר פאָר: איר טוט אָן דאָס ריגנל אויף אַ דינינקן איידל־געטאָקטן פרויען־פינגער. דער פינגער בויגט זיך אויס, טוט אַ ציטער מיט סטיינגעלעך פון אַ רעגנבויגן־קאָליר. כ׳זאָג אייך, ס׳איז שיין, פּראַכטפול, גרויסאַרטיק...

אַ געדאַנקל האָט זיך פאַרקנוילט ביי זילבערטוין אין קאָפּ און ער האָט אים בשום אופן ניט געוואָלט אָפּלאָזן: ווען דער קונד וועט שוין זײַן גוט „באַאַרבעט", וועט ער אים פלוצלינג צייגן דעם האַלדזבאַנד, וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג באַטראַכט. דעם האַלדזבאַנד האָט ער גע־האַסט פון טיפסטן האַרצן און געוואָלט פון אים וואָס גיכער פטור ווערן. אַ קליינינקייט! אַזוי פיל געלט, אַזוי פיל סחורה אַרייַנגעבראַקט אין דעם אומגליקלעכן האַלדזבאַנד און ס׳איז אַרויס אַזוי ניט געראָטן. זײַן אַמביציע פון אַ דערפאַרענעם „ביזנעסמאַן" האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און געוואַקסן. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז פאַרשדכענען דעם האַלדזבאַנד צום דעם דאָזיקן חברה־מאַן.

דער קונד האָט זיך אָבער ניט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. הפנים, ער האָט אויך אויף עפּעס געוואַרט, אפשר אויף דעם זעלביקן האַלדזבאַנד, וואָס ער האָט פריער באַמערקט דורך דער פענצטער. ער האָט זיך איינגעשטייפט אין זײַן מאַסקע, געקוקט קאַלט מיט אַ ביטערן פאַרשטעלטן שמייכל און אַלץ געבורטשעט צווישן די ציינער:

— באַוויזט מיר עפּעס אַנדערש.

אויפן גלעזערנעם „קאָונטער” האָבן זיך אַרויסגערוקט אַלץ נייע שאַכטלעך. ס'איז געווען אַ מינוט, ווען ביידע האָבן זיך איינער פון צווייטן שוין מיאָש געווען. זילבערטוי האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, געמאַכט אַן אומגעדולדיקע מינע און געטראַכט: „אַ ווילדער יונג! וויסט ניט וואָס ער וויל. ער האָט זיך מסתמא צעווערטלט מיט זיין פרוי, וויל זיך איבערבעטן, נאָר דאָס שטיינערנע הערצל קען עס בשום אופן ניט דערלאָזן”. דער קונד האָט פאַרביסן די ליפּן: „דער אַלטער שווינדלער האָט עפּעס דערשמעקט. ער באַוויזט אַלץ בלישטשעדיקע גלעזלעך. דעם האַלדזבאַנד וועט ער שוין ניט ציגן”. די שטייפע מאַסקע אויף זיין פּנים האָט זיך אויף אַ ווײַלע אַ שאָקל געטאָן. ער האָט זיך געוויגט אין אומבאַשלאָסענקייט: „אפשר וועט דאָס אויך גוט זיין?” באַלד אָבער האָט ער ווייטער פאַרכמורעט דעם פּנים און אַרויסגעזייט:

— וויזט עפּעס אַנדערש.

זילבערטוי האָט זיך פאַרלאָרן. אַ טונקעלער חשד האָט זיך דורכגעשאַרט ביי אים אין מוח. אין פאַרלעגנהייט האָט ער געבלאַנדזשעט מיט די אויגן אַרום און אַרום. די סודותדיקע קאַסטנס, אָנגעפּאַקט מיט כלערליי צירונג, האָבן נאָך שווערער געמאַכט זיין געדריקטע שטימונג. מיט אַ פרעסטל אין האַרצן האָט ער אַ קלער געגעבן:

„ווער וויס אים? אַ ווילדער נפש, אַ מאָדנער אויסזען, מאָדנע באַנעמונגען. די אויגן טוען ניט קיין שמייכל, דער פּנים גיט ניט קיין צוק. דאָ אַרום איז גאָר קיינער ניטאָ. ס'קען טרעפן. אפשר... אפשר..”

דעם געדאַנק האָט ער אַליין מורא געהאַט צו ענדיקן. ער האָט כלומרשט פאַרלאָרן אַ שטיקל צירונג, איינגעבויגן זיך צו דער ערד און, שאַרנדיק דעם דיל מיט קאַלטע פינגער, געשפּילט אַ קאַץ און מויז שפּיל, געהאַלטן די אויגן פאַרשאַרפט אינדערהייך, אפשר וועט ער עפּעס באַמערקן. אגב האָט ער ניט פאַרגעסן אַריינגליטשן צו זיך אין קעשענע אַ שטיקל וואָפן, טאָמער וועט זיך עפּעס טרעפן, אויף יעדן פאַל...

דער קונד האָט די מויזן־ראָלע געשפּילט גלענצנד, שוין אַ ביסל צו גוט. ער האָט זיך שעמעוודיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט, די גאַנצע צייט געקוקט געדולדיק אין אַ פינטעלע, דער פאַרשטיינערטער פּנים איז געבליבן ערנסט־שטיל, נאָר די אויסגעקרימטע ליפּן האָבן עטוואָס־עטוואָס צוגעשמייכלט.

אויפהייבנדיק זיך פון דער פאָדלאָגע, האָט זילבערטוי ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן. אין פאַרצווייפלונג האָט ער גלאַט אַזוי אַ בראָק געגעבן:

— אפשר ווילט איר זען אַ האַלדזובענדל?

— יע, יע. אָט דאָס וויל איך טאַקע אָנקוקן. — האָט זיך יענער מיט אַמאָל צעוואַרעמט און אַ קינדיש שמייכעלע האָט אַ שפּיל געטאָן אויף זיינע פאַרביסענע ליפּן.

דער טונקעלער חשד איז גלייך אַנטלאָפן. זילבערטוי איז געוואָרן פריילעכער און האָט צוגעטראָגן דעם האַלדזבאַנד מיט דער מינע פון אַ זיגער. יענער האָט אַרויסגעשלעפּט די הענט פון די טיפע קעשענעס און זיי צאַפּלדיק אויסגעצויגן צום האַלדזבאַנד.

די שטייפע מאַסקע האָט זיך אַראָפּגערוקט פון זיין פּנים. די אויגן האָבן געשפּריצט מיט לעבעדיקע התפּעלות־פונקען. ער האָט שטייף גע־האַלטן דעם האַלדזבאַנד־שנור אין האַנט און מאָדנע געפּלאַפּלט.

„איז דאָס טאַקע דער זעלביקער האַלדזבאַנד?"

„וועלכער?"

„וואָס איר האָט באַקוקט אין פענצטער".

„דער זעלביקער".

„אַ שיינער?"

„פּראַכטפול־שיין".

„אַ גוטער?"

„אַן אַנטיקל".

„ווערט אַ סך געלט?"

„ניט זייער ביליק".

„ווילט איר אים טאַקע פאַרקויפן?"

„וואָס פרעגט איר אַזעלכע מאָדנע פראַגעס?" — האָט זיך זילבערטוי צעלאַכט.

— דער האַלדזבאַנד איז מיינער" — האָט יענער גלאַט אָפּגעהאַקט און פּלוצלינג האָט אַ גלאַנציקער שטיק אייזן אַ דראַ געטאָן לעבן זילבערטויס שליף.

„שטיי אויף אײן אָרט! ניט ריר זיך פון פּלאַץ! כ'וועל דיר, ווי אַ הונט דערשיסן".

זילבערטוי האָט קוים געהערט די דראָענדיקע וואָרנונג. זיינע בלוטן האָבן מיט אַמאָל אויפגעזאָדן, דאָס אייגנטום־געפיל האָט ביטער רעוואָל־טירט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן צווייטן עק פון האַלדזבאַנד־שנור, געשלעפּט צו זיך מיט שטייפע הוליענדיקע הענט, געריסן, געצופּט מיט אַ ווילדער גיריקער בייזקייט.

אייגענע געדעכטע טענות. זיי האָבן זיך געראַנגלט אַ לאַנגע צייט, ביז וואַנען אַלץ איז שאַ־שטיל געוואָרן.

מען האָט זיי שפּעטער געפונען קאַלטע, שטילע, פאַרגליווערטע, אויסגעצויגן געמיטלעך איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. דאַכט זיך, צוויי אַלטע באַקאַנטע האָבן זיך נאָר־וואָס אַוועקגעלייגט באַוואַכן די סודות־דיקע קעסטלעך, אַנגעפּילט מיט איידלשטיינער.ביידע האָבן זיך פריינט־לעך געהאַלטן מיט די פאַרשטייפטע הענט פאַר די עקן פון האַלדזבאַנד. דאָס קייטעלע האָט זיך געוויגט און די איינגעפאַסטע שטיינדלעך האָבן, גאַרנישט וויסנדיק, געשפּילט זיך אין אַ פריילעכן שטראַלן־נעץ, געבליצט, געפינקלט און איבערגעגאָסן זיך אין אַ קאַלטן בלוי־רויטלדיקן ליכט...

זון־פאַרגאַנג

לאַנגזאַם האָט זיך די זון געשלעפּט אויף איר שפּאַציר־גאַנג פון מזרח צו מערב; אָט וועט זי דעם וועג דורכקריכן, וועט נאָך אַ טאָג פאַרגיין און נאָך איינער. ווער עס האָט חשק, זאָל עס אויסרעכענען אין וואָכן, חדשים און יאָרן...

און פונקט אַזוי לאַנגזאַם קריכעריש האָט זיך געשלעפּט די וואַקאַציע פון מיסטער פיינזילבערן: צוויי חדשים זון, אַ גאָלדיק־צעשמאָלצענער קנויל, וועלכער ווערט, ווי מיט לאַפּקעס פון אַ בלינדער, פוילער קאַץ, אַלע טאָג איבערגערוקט אין איין און דערזעלביקער ריכטונג, און ער, מיסטער פיינזילבער, מיט זיין משפּחה, וואַרעמען זיך, ווי קעץ, אין אָט דעם ליכט. די לאַנגזאַמקייט אַליין איז, ווי אַ געטראַנק, וואָס ווערט דורך אַ שטרויעלע געזופּט, זיס, פּריקרע, צעגיסט זיך אין אַלע אברים...

ניט לייכט איז עס אָנגעקומען דעם מיסטער פיינזילבערן אַרויסרייסן זיך פון שטאָט אויף אַ גאַנצן זומער. זיינע בוכהאַלטעריע־געשעפטן זיינען אין די איצטיקע צייטן אויך גוט געשלאָגן, נידעריק ביז צו דער ערד. אָבער... נאַטור איז ביי אים אַזאַ נויטיקייט, ווי ביי אַן אַנדערן — ברויט. און וואָס טוט מען ניט, אַז מען ווערט געצוואונגען פון דער „נויט".

איז אָט איז ער שוין דאָ; ער וואוינט אין אַ ברעטלעך־שטוב, וועלכע אַ פּאַרמער האָט מיט אייגענע רויע הענט צענויפגעקלאַפּט; ס'וייב מאַכט געריכטן פון גרינס און הינדלעך; די באַלעבאָסטע האָט מיט באַבלימטן ציץ (אויף וועלכן ס'זיינען געווען אויסגעמאָלט ביינער, בלומען און פייגעלעך) באַפּוצט די ברעטלדיקע ווענט צו שאַפן „קאָליר" און שטימונג...

און יעדער טאָג איז, ווי אין בלויע, פּוסטע מיט ליכט באַגאָסענע קעסטלעך אויסגעווירעט. אַ נאַטור ליבהאָבער, טאָ פּיל זיי, אָט די קעסטלעך אָן, אָבער אין מאָס, אַזוי, אַז ס'זאָל זיך ניט איבערגיסן איבער די ברעגן...

איז אַט ווי אַ פּײנזילבער־טאָג שאַטנט זיך אַדורכעט:

אײנדערפּרי אַ שפּאַצירל; אַ שטילער, אַ לאַנגזאַמער, מיט דריבנינקע טריטלעך; אויב אויפן שפּאַציר רייסט זיך פּלוצלונג אַ זיפצל ביי אים פון האַרצן אַרויס, איז אַ סימן:

פּײנזילבער איז געשטרויכלט געוואָרן. וואַכעדיקע זאָרגן האָבן ריינע נאַטור־שטימונגען ווי מיט שטויב באַקרישלט. ער האָט זיך דערמאַנט: בוכהאַלטעריי־געשעפטן זיינען געבראָכן. אין סעפּטעמבער וואַרט שוין אויף אים די וואָכעדיקייט און דאָס באַנק־ביכעלע צאָלט ביטער פאַר זיין וואַקאַציע, מיט רויטע ציפערן, מיט בלויזן און מינוסן. זיפצט זיך...

דאָס ווייבל אין געבלימטן פּאַלטאָ דערלאַנגט דאָס אָנבייסן; צעקייט מען עס זייער לאַנגזאַם. פון ביס צו ביס דערלאַנגט מיסטער פּײנזילבער זיין „פילאָזאָפיע״ איבער עסן:

— עסן דאַרף מען גראָזן, וואָס מער „וועדזשעטייבלס״, ס׳איז שיין, און רייך, און עטיש...

ער איז, חלילה, ניט קיין אויסגעהאַלטענער „וועגעטאַריאַנער״. אַ שטיקל פלייש (איבערהויפּט אַ קאַלב־בראַטן, מיט פרישע, צוגעברוינטע, גאַנצע קאַרטאָפעלעך) האָט אויך אַן „עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג״. אָבער... אַ מאָדערנע, ציוויליזירטע דיעטע מוז זיך „ספּעציאַליזירן״ אויף גראָזן...

נאָכן אָנבייסן איז די צייט אַריינצוקוקן אין אַ בוך. פונעם ניו יאָרקער אַפּאַרטמענט, וועלכער איז איצט מיט אַ פּעטנט־שלאָס פאַר־האַקט, האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ גאַנצן פּאַק ביכער. פאַרשידענע... היינטמאָדישע און קלאַסישע, פּאָעזיע און איבער דיעטע, מוזיק, קריטיק און סאָציאַלע קענטשאַפטן. טעגלעכע צייטונגען לייענט ער אויך, אָבער בלויז די קעפּלעך איבער די נייעסן. ער מאַשטשעט זיך איך אין אַ לען־שטול, אַזוי אַז דער גאָלדיקער זונען־קנויל זאָל שפּילן ביי אים אויף דער פּלייצע. פון צייט צו צייט רייסט אַ באַגייסטערונג־אויסרוף איבער דאָס לייענען (יע, יע, מיסטער פּײנזילבער האָט אויך באַגייס־טערונג־מאָמענטן! ער טיילט זיך מיט דעם ווייב:

— אַי, אַי, ענע! וואָס עס טוט זיך דאָרטן! דער אָריענט איז אויפגעשטאַנען! אַ קלייניגקייט דער אָ־רי־ע־נט!

אָדער:

— „אויב איר קענט ניט זיין דאָס, וואָס איר ווילט, זייט דאָס, וואָס איר זייט!״ הערסט, ענעלע? אַט, דאָס האָט איבסענס בראַנד געזאָגט... דאָס איז געזאָגט...

און אַז דאָס ווייב (וועלכע איז פאַרנומען אין קיך) העלפט אים ניט אַרויס אין זיין באַגייסטערונג, פאַרדעקט ער זיך מיט אַ גרוי וואָלקנדל:

— פרויען! אַטאַ וויינינגער האָט שוין געזאָגט! דער גורל פון אַ קולטורעלן מאַן איז צו זיין איינזאַם.

אַקוראַט, וואָס אַטאַ וויינינגער האָט געזאָגט, געדיינקט ער ניט אויף אַן אמת. אָבער די אָפּטע איבערחזרונג פון דער פראַזע האָט אים געמאַכט מיט דעם אַטאַ וויינינגער גוטברודעריש, אינטים, ממש. זיי פאַרשטייען זיך איינער דעם צווייטן אויפן וואונק...

נאָכן לייענען קומט די זון־באָד.

אין געשטרייפטן כאַלאַט לאָזט ער זיך גיין אַהינצו. אין אַז ער באָדט זיך אויף דער זון, רוקט ער צו איר אונטער שטיקער פלייצע, ברוסט, היפטן. אויסגעוויכטע בוכהאַלטעריע־הענט און פיס־מוסקולן, טאַשט איבער זילבער־ליכט און שאָטן, שאָטן און ליכט. גליטשט זיך די קיצלדיקע וואַרעמקייט און ער מורקעט, ווי אַ קאַץ. נאָר אויב אַ זיפּצעלע רייסט זיך אינמיטן אַרויסעט, איז אַ סימן:

— פיינזילבער איז געשטרויכלט געוואָרן. וואָכעדיקע געדאַנקען האָבן זיך ווי ווערים שטיל איינגעטאַטשעט: אַז בוכהאַלטעריע געשעפטן זיינען אין דר׳ערד, אַז דאָס באַנק־ביכל טריקנט, און ער ווייס, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט מיט זיך ברענגען...

אַ סגולה צו דעם איז: אַ וויש מיט דער האַנט איבערן ווייסן הויכן שטערן, איבער דעם בינטל שיטערע האָר (וועלכע האָבן אין זיך שוין זילבערנע שטרייפעלעך איינגעוועבט) וואָס רינגלט אַרום דעם נאַקעטן פּליכל. פון אַזאַ וויש מיט דער האַנט ווערט אַ געדאַנקעלע געבאָרן:

— זאָרגן זיך איז אומגעזונט. זאָרג ברענגט אַ שוואַך האַרץ, הויכן בלוט־דרוק, מאָגן־חולאַת און קאַנסער. אַ קולטורעלער מענטש מוז קאָנטראָלירן זיינע זאָרגן...

נאָכן זון־באָד (וואָס עפּנט פאַנאַנדער די קעמערלעך פון דער הויט) מוז קומען אַ וואַסער־באָד. מיסטער און מיסעס פיינזילבער, ער אין געשטרייפטן כאַלאַט, זי אין געבלימטן, גייען ווי שטאָרכן צום וואַסער. שווימען איז ניט פאַר אים, ניט פאַר זיינע כחות. (דער דאָקטאָר האָט אים געוואָרנט פון אַ שוואַך האַרץ) פיר מינוט אויפן זייגער, און ניט מער, קען ער שטיין אין וואַסער. אין דער צייט מאַכט ער וואַסער־מילכלעך, לייגט זיך, ווי אַ פלאַכטע, מיטן בויך אַרויף, דאָס פּנים קריגט דעם גליקלעכן אויסזען פון אַ קליין קינד, וואָס פּלאַשקעט זיך מיט הענטלעך און פיסלעך אין אַ וואַנע. אָבער ווען ער ווערט אומרואיק און אַ זיפּצעלע רייסט זיך פון האַרצן אַרויס, איז אַ סימן:

— מיסטער פיינזילבער האָט זיך דערשראָקן: אפשר איז ער זיינע פיר מינוטן איבערגעשטאַנען און ס׳וועט אים צום האַרצן פאַרשאַדן. פון

שרעק אַליין הויבן אָן העמערלעך צו קלאַפּן און אינעווייניק הויבט אָן צו קלעמען...

אַז דער פּוילער גאָלד־קנויל שטעלט זיך אַוועק אינמיטן הימל, איז שוין צייט זיך צום צווייטן מאָלצייט זעצן.

די מיסעס פיינזילבער ווייסט שוין די קאַפּריזן פון איר מאַן (יע, יע, מיסטער פיינזילבער האָט אויך קאַפּריזן). אויפן טיש שטעלט זי אים אַוועק אַ בוקעט פעלד־בלומען, וועלכע וויקן זיך אין אַ מילך־פלאַש. פּאָר אומגעהויבלטע מענטשן ברויכט מען צום עסן געווירצן פון אַן אַנדער מין. פאַר אים — אַט דאָס זיינען געווירצן...

שוויגן ביים עסן איז זייער געזונט. אָבער מיסטער פיינזילבער קען זיך דאָ אינגאַנצן ניט קאָנטראָלירן. פון צייט צו צייט וואַרפט ער זיך איבער מיט פלוצימדיקע שפּראַצן פון טיפע געדאַנקען:

— שיינקייט איז אין אַלץ פאַראַנען: וואָס קען זיין מיאוסער, אָבער וואָס איז שענער פון אַ געוויינטלעכן מאָלצייט...

און אַז דאָס ווייב, וועלכע איז צו שטאַרק פאַרנומען ביים טיש, לאָזט דורך אומבאַמערקט זיין געדאַנק, הילט ער זיך איין אין אַ גרוי וואָלקנדל:

— אָטאָ וויינינגער... דער היינטיקער סאַלאַט האָט אַ טעם פון מיין ביטערן לעבן...

— ברויט־שטיקער אָנגעשניטן היינט ווי גראָבע פלאַכטעס. וואָס גייט איר אָן די ביטערע בוכהאַלטעריע־פּרנסה? וואָס דאָס באַנק־ביכל צערט אויס, ווי אַ טובערקוליאָזער?...

אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך אויף זיין האַרץ־פעלער און פּרוּווט גלייך פאַרזיסן די ביטערקייט מיט האָניק.

— אַ טאָס קאַפע פאַר אַ קולטורעלן מענטשן איז אַ נויטיקייט נאָכן עסן. אָבער ניט קיין צו שטאַרקע קאַפע...

נאָכן עסן עפנט ער די ראַדיאָ (אַ שפּיל־קעסטל האָט ער אויך פון שטאָט געבראַכט, צוזאַמען מיטן פּאַק ביכער). שפּילן שפּילט ער בלויז קלאַסישע זאַכן.

און אַז פון דער צווייטער זייט דערלאַנגט מען אים די קלאַסישע מוזיק, ליגט ער זיך אויסגעצויגן, די אויגן אַרויף צום בלויען הימל. דער פּוילער זון־קנויל האָט זיך שוין איבערגעבויגן אויף דער צווייטער מערבדיקער זייט. שטיקלעך וואָלקנס שווימען אַרום, ווי פאַרלוירענע שעפּסעלעך. ער זעט דאָרט אין הימל שוועבנדיקע גייסטער (ניט אַלע קענען עס זען) בעטהאָווען און שאָפּען, און מאָצאַרט און מענדלסאָן. די פינגער קנאַקן פון מחיהדיקייט צו:

— אַי גוט, אַ, ווי געש־מ־אַק!

אַ געדאַנק ווערט פלוצלונג געבוירן: מיסעס פיינזילבערן אַ מתנה.

— גיב מיר מוזיק, און איך גיב דיר אָפּ דאָס גאַנצע לעבן...

אָבער, אַז שפּעטער רייסט זיך אַ זיפצעלע פון האַרצן אַרויס, איז עס אַ סימן:

— ווייטער די וואָכעדיקע בוכהאַלטעריע, מיטן געטריקנטן באַנק־ביכל. אַזש פּטור קען מען פון דעם ניט ווערן...

אַז דאָס דרימעלע הויבט אים אָן צו קלעפּן זיינע ברעמען און די מוזיק קלאַפּט־שוין, ווי אַן איינגעגעסענער דריי־טאָגיקער רעגן אויף אַ בלעכענעם דאַך, ווענדט ער זיך צום ווייב מיט אַ פאַרשעמט שמייכעלע:

— אפשר אַ קליין קאָרטעלע מאַכן? אַ פעני אַ גאַנג. אַזוי אויף צו פּלייסענס...

און ווען ער טאַשט די קאָרטן, איז עס מיט אַזאַ ביטול און אָפּ־שפּאָט־געלעכטערל, די פּאַפּירלעך צעקריכן ממש צווישן די פינגער, ווי איינער זאָגט:

— כמע־ע־ע! אויך מיר אַן ענין פאַר אַ קולטורעלן מענטשן! אָט אַזוי זיך אַ שפּילעכל...

דער פולער קיילעך רוקט זיך ווייטער און ווייטער. באַלד וועט נאָך אַ טאָג אין פינצטערניש זיך אָפּטונקען. אָבער פאַרן פאַרגאַנג מוז מען פאַרכאַפּן דעם דריטן מאַלצייט...

***

אַ ווייבל איז געקומען פון שטאָט. סיניאַקעס ביי איר אויפן גאַנצן לייב. אין אַ ברויט־סטרייק האָט מען געקלאַפּט, אויף דער פּיקעט־ליין ביי די דרעסמאַכער האָט מען געשלאָגן. ביים שטאָט־ראָט איז זי מיט אַ סך אַנדערע אונטער די פּאָדקאָוועס פון פערד געלעגן. מיט אַ בייזן דזשעני־טאָר האָט זי געהאַט אַ פאַרמעסט: אונטער די טירן האָט זי געוואָלט איבערלאָזן אויסרופן, ער האָט ניט געלאָזן. זי האָט אירס אויסגעפירט. אָבער אַ דאַנק קומט איר דערפאַר? פאַר זיך טוט זי עס, אָדער פאַר עמיצן אַנדערש?

איצטער דאַרף זי זיך אויסרוען. אָבער ווי אַזוי? עסן, טרינקען און שלאָפן? זי איז דאָך ניט קיין בהמה...

קוקט זי אויפן גראָז, אויף די ביימער. דוכט זיך איר: זיי זיינען אומרואיק. דאָרטן קאָכט זיך, קאַפּיטעס קנאַקן, פּאַטרול־וועגענער קליגגען הויך. ווי קאָן מען דאָ איינזיצן אויף די ערטער?

אָבער די סיניאַקעס שמאַרצן. ביינער — ווי יעדער איינציקער

וואָלט געווען געשפּאָלטן אויף צוויי, און אין די שליפן, ווי אומרואיקע פּאַטרול־וועגענער־גלאָקן וואָלטן ניט אויפגעהערט צו קלינגען.

גיט זי זיך, די וויבל, אַן עצה: אַט אַזוי זיך אַ ביסעלע לייכטע אַרבעט אָפּטאָן. אַ כאַפּ געבן אַ פּעקל ליטעראַטור, פּאַמפלעטן, ציַיטונגען, דורכלויפן זיך מיט דעם איבער די פּאַרזעצטע פּאַרמערישע שטיבעלעך און אויסשרייען:

„דעילי וואָירקער"! „מאָרגן־פרייהייט!" „יונגער פּיאָנער!" אויך מיר אַן אַרבעט...

אַ ביסעלע אינדערפרי, אַ ביסל בייטאָג און אַ ביסל ביינאַכט. דאָס איינגאַנצן.

און ביי מיסטער פּיינזילבערן, אין פּאַרמערישן שטיבל, האָט מען זיך אין אָוונט אַזוי געפירט:

מ'האָט אויף אַ לאַנגן טיש, וועלכן דעם פּאַרמערס רויע הענט האָבן אויף דעם פעלד צו דער מערב־זייט אויסגעמייסטרעוועט, אויסגעשטעלט שאָלן און גלעזער. די באַלעבאָסטע, אין ציצענעם געבלימטן כאַלאַט, האָט פּאַנאַנדערגעגאָסן טיי. מיסטער פּיינזילבער, אויבנאָן, האָט געזופּט טיי און די אויגן געהאַלטן צו מערב, דאָרט, וואו די זון האָט אַן איבעררייפע געפּלאַצט און הינטער די בערג געקראָכן זיך באַהאַלטן.

אַט די מינוטן פון זון־פּאַרגאַנג זיינען ביי מיסטער פּיינזילבערן געווען הייליק: ריידן האָט מען ניט געטאָרט, שטיל ריידן האָט מען אויך ניט געטאָרט, אַפילו אָנרייבן שטאַרק אַ שאָל און אַ גלאָז איז אויך געווען אַ גוואַלדיקע פּאַרשוועכונג. צוויי ווערטער האָט מען נאָר געטאָרט אַרויספּליסטערן, צוויי — ניט מער:

— מ־יי־ן — ביר־טי־פול!

די זון איז שוין געשטאַנען איבער די וויטע בערג אין דער קרים. די בערג איינגעוויקלט אין אַ גרינעם שוועבל־הויב. אַ רויטע, אַ גע־פּלאַצטע, האָט זי זיך אַרומגעזוימט מיט וואָלקנדלעך־פּאַסן; ווייסע, גרויע און ראָזעווע. לייכטע ראָזעווע פּינזל־שטריכן האָבן אַ שמיר געגעבן דאָס ווייסע און גרויע. מיסטער פּיינזילבער איז געזעסן, אויגן איינגע־ביסן אין יענער מערבדיקער זייט, וואו ס'האָט זיך געהאַלטן אין אויס־לעשן אַ טאָג־לעבן. דינע, לירישע געדאַנקעלעך, ווייכער פון פוך און זיסער פון האָניק, האָבן אים געגלעט און ערגעץ־וואו געטראָגן. מיט־אַמאָל — אַ קול:

— „מאָרגן־פרייהייט"! „דעילי וואָירקער"! „יונג פּיאָנער"! קויפט!

ער האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געגעבן: אַ פרוי, ניט קיין יונגע, מיט שווערע קאַרבן אויף אַן אויסגעמוטשעטן פּנים, שטייט מיטן פּאַפּירן־

פּאַק. איר אומגעדולד און אימפּעט איז געווען אַרויסרופנדיק און אָנ־שטעקנדיק.

— וואָס איז? ס'איז דען צופיל צייט פאַראַן, אַזוי פיל מענטשן און טירן...

אין געווײנלעכע מינוטן וואָלט מיסטער פייגזילבער פאַר קיין פאַל ניט אָפּגעזאָגט; ער וואָלט דעם פאַל אויסגענוצט אַ פילאָזאָפיר געבן: „איך בין אַן אַנטוישטער אין די זאַכן. נאָר מילא, קאָסט עס אַ ניקל. אָבער איצט! אין דער מינוט! אַ פאַר־שווע־כונג...

ער האָט זיך געפּרוּווט מאַכן ניט הערנדיק. אָבער דער אַרויסרופנ־דיקער קול האָט אים ניט אָפּגעלאָזן:

— „מאַרגן־פרייהייט״! „דעילי וואָירקער״! „סאָוויעט ראָשיאַ טו־דעי״!

ער האָט שוואַך מיט אַ פינגער אָנגעדייטעט אויפן געפּלאַצטן עיגול הינטער די בערג, ווי ער וואָלט זיך איידל געבעטן:

— לאָזט אָפּ! מאַטעריאַליסטן וואָס איר זייט, לאָזט אַ מענטשן געניסן...

אָבער זי האָט זיין וואונק ניט פאַרשטאַנען. איר קול האָט זיך צום דריטן מאָל איבערגעחזרט; און דער געפּלאַצטער קײלעך האָט געהאַלטן אין איין זינקען, זינקען...

הינטישע דערציאונג

1

אַז מען זוכט, געפינט מען. אַן אַלטער כלל און אַן אמתער. כאָטש ניט אַלעמאָל איז דאָס געפונענע ווערט געווען די טרחה פון זוכן. כ׳רעד עס טאַקע וועגן זיך אַליין.

אַט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך געמיינט, די וועלט עקט זיך, דער הימל פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. וואָס איז געשען? הערט־זשע טאַקע אַ מעשה: אין דער מיליאָנענדיקער שטאָט ניו־יאָרק גייט אַרום איינער אַ מאַן און שטאַרבט אַלע טאָג פון הונגער; און דער איינער איז ניט גלאַט אַבי־ווער, נאָר טאַקע איך אַליין. אַט אַן אומ־גליק! אַט אַ קאַטאַסטראָפע! קען זיך די וועלט פון דעם ניט איבער־קערן?...

דעמאָלט בין איך אַזוי בייז געווען: די וועלט געשאָלטן, די מענטשן געפלוכט, „באַוויינט״ דעם טאָג פון דעם אייגענעם געבוירן ווערן. שוואַרץ, אַלץ שוואַרץ, ניטאָ קיין זון, קיין לבנה, קיין „ווייסער וועג״, וואָס בריליאַנטעוועט איבער בראָדוויי, העט אַרויף אין שטאָט אַריין. איצט בין איך שוין אויפגעלייגט, מילד און אינגאַנצן רואיק. וואָס פעלט מיר? זאַט, באַשוכט, באַקאָלנערט, באַשירעמט קעגן אַ רעגנדיקן טאָג. אַ שטעלע האָב איך געפונען, פאַר מיר אַ צוגעפּאַסטע: כ׳בין געוואָרן אַ הינטישער דערציער...

וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? ווי אַזוי כ׳האָב די אַרבעט געקראָגן? ווער זיינען מיינע נייע באַלעבאַטים און ווער — מיין האַדאָוואַניק? כ׳וועל אַלץ, אַלץ אויספּירלען, אימירצע האַשעם...

געקראָגן די שטעלע האָב איך, ווי אַלע אַרבעטער, דורך אַן אַנאָנס אין די צייטונגען. געשען איז עס אַזוי:

כ׳בין געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ פּאַרק פאַר אַרבעטסלאָזע. איינע־ווייניק אין מיר איז געזעסן דער הונגער. ער האָט געשפּילט פּיאַנאָ

אויף די ביינדלעך אין מיין מויל מיט קאַלטע באַנעגלטע פינגער. פויל בין איך און אַפּגעלאָזן און אונטער די פיס וואַלגערט זיך צונויפגעדרייט אַן אַלטע שמוציקע צייטונג. אויפהויבן זי, אָדער ניט אויפהויבן? ס׳איז טאַקע אַן עבירה די הענט מטריח צו זיין. אפשר יע אַ בייג טאָן זיך און אויפהויבן! אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך אין דער פאַרפלוכטער שטאָט, זעטיקן זיך מיט סם־קערנער פון נקמה!

איך הויב אויף די צייטונג און מיין אויג פאַלט אויף אַזאַ אַנאָנס:

— אַ יונגערמאַן פאַרלאַנגט פאַר לייכטער הויז־אַרבעט. קיין „עקס־פּיריענס" איז ניט נויטיק. מוז אָבער האָבן אַ ווייכן, שטילן און איידעלן כאַראַקטער. דאַרף אויך וויסן, ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום הילפלאָזע באַשעפענישן, רופט אָפּ, אָדער קומט צוגיין פערזענלעך".

וואָס איז דאָס? אַ נס אָדער אַ צופאַל? אַ חנדל פון מזל, אָדער דער טרוקענער געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט? אַלץ וועט שפּעטער קלאָר ווערן. דערווייל שפּילט מיר צו אַ פריילעכער פאַרגעפיל און זאָגט אַן, אַז די שטעלע פאַר מיר איז ווי אָנגעבאָרן, מען דאַרף זיך נאָר צו־איילן, לויפן.

כ׳לויף. וואָס הונגער? וואו פאַרצווייפלונג? כ׳טראָג זיך אַהין גע־שווינט, פויגלדיק, אָדלערדיק, כדי צו זיין דער ערשטער אויפן פּלאַץ און פאַרכאַפּן דעם „דזשאָב".

ס׳האָט מיר אָפּגעגאָלטן! בלאָזט זיך אַן לונגען, שרייט, ליאַרעמט, צעטרייסלט די לופט. „הוראַ! הוראַ! און נאָכאַמאָל הוראַ!" כ׳בין געקומען אין צייט, געזיגט, געוואונען. טאַקע געוואונען...

2

אַזאַ וויכטיקע געשעעניש, לאָמיר עס דערציילן באַריכות:

דער אַדרעס האָט מיך געבראַכט צופירן צו אַן אַריסטאָקראַטישן אַפּאַרטמענט־הויז אין דעם מערב־טייל פון שטאָט, אַנטקעגנאיבער דעם סענטראַל־פּאַרק. אַ לאַנגע צייט בין איך געשטאַנען פאַר דעם טיר־גלעקל אין פאַרלעגנהייט; כ׳האָב זיך געשעמט פאַר מיין הילוך: אַ טאַנדעטנער אָנצוג, צעכליאַבעטע שיך, אַן אויפגעפּלאָנטערטע גריווע. מיט ציטערדיקע פינגער האָב איך דאָס גלעקל פאַרשעמט טרייסלענדיק אָנגעקוועטשט. די באַלעבאָסטע איז מיר אַרויס אַנטקעגן.

אַ מלאך אַ פאַרפומירטער, אַ פרוי אַ בילד־שיינע; יונג, אויסגעפּוצט, ווייס, קלאָר, פּוכקעדיק, ווי אַ פריש־געבאַקענער אָנגעצוקערטער קוילעטש. רעדט זי — שמייכלט זי מיט אַ מויל פּערלדיקע ציינער. צו וועמען?

צו אַ הונט אַ קודלאַטן? אַט איז גוטסקייט! אַט איז איידלקייט! אַט זיינען פיינע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן!

יע, זי האָט פאַר מיר אַ שטעלע. אין די אויגן קוקט זי מיר אַריין און זעט דאָרטן, אַז איך בין פאַר דער שטעלע צוגעפּאַסט. וואָס זעט זי? מיין בייסנדיקע פאַרלאַנקייט? דעם הונגער־ציטער אין די אויגן? כ׳פרעג זי גאָרנישט; כ׳וויל נאָר וואָס שנעלער וויסן, וואָס איז מיין באַצאָלט און וואָס איז מיין אַרבעט.

אַ היינטל האָט זי, „טאָבי מיין אייגענער״. ער איז איר טייער, ליב, ווי דאָס לעבן. כ׳גלויב איר. כ׳דערקען עס אין וואַרעמען צאַפּלדיקן שמועס, ווען זי דערמאָנט נאָר זיין היינטישן נאָמען. זי דאַרף אויף אַלץ האָבן אַן אויפזעער, אַן אַרויסהעלפער, קיין עין־הרע ניט, אַזוי פיל אַרבעט: וואַשן, קאַמען, רייניקן, עסן געבן, שפּאַצירן פירן און נאָך און נאָך. זי פאַרשטייט, אַז איך בין אַן אומדערפאַרענער מאַן, נאָר דאָס איז ניט די הויפּט־זאַך. צו טאָבין דאַרף מען האָבן אַ האַרץ, אַ נשמה.

— כ׳נעם אייך אָן, כ׳גיב איבער „טאָבי מיין אייגענעם״ צו אייך אין די הענט אַריין, זעט, זייט גוט צו אים!

— יע, יע! — האָב איך צוגעשטימט מיט גרויס התפּעלות.

— זאָגט מיר, ווי אַזוי וועט איר זיין צו אים? ווי אַ מאַמע?

— יע, יע, ווי אַ מאַמע.

— מיטן גאַנצן האַרצן? אָפּהיטן פון בייז, ציטערן איבער אים, צערטלען?

— זיכער, זיכער!

— געדענקט זשע! ער איז מיין איינציקער, מיין אויג אין קאָפּ. כ׳וועל אייך באַצאָלן, נאָר ניט אין געלט גייט עס, וואָס כ׳דאַרף איז ליבע און רחמנות...

זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע, גוטע, וואַרעמע אויגן. די אויגן זיינען געווען מיט טרערן פאַרלאָפן און געגלאַנצט מיט מוטערלעכער איבערגעגעבענער משוגעת. אַ מאַמע! אַ היינטישע מאַמע! כ׳האָב גלייך געגומען מקנא זיין דעם אומבאַקאַנטן „טאָבי מיין אייגענעם״ און די פרוי מיט איר גוטסקייט האָט מיך צעטומלט און גערייצט. נאָר איך בין גרייט געווען פאַר איר אַלצדינג צו טאָן, אַרבעטן, פאָלגן.

כ׳בין שוין דאָרט אין הויז פאַרבליבן אויף מיין שטעלע.

3

איצט דערמאָן איך זיך אַליין און לאַך: ווי גרין, ווי אומוויסנדיק כ'בין אַמאָל געווען.

אַ הונט, האָב איך אַמאָל געדענקט, קען אַנדערש ניט זיין, ווי אַ בילער, אַ שאַרף־ציינִיקער, אַ בייזער און אַ בייסער. אַ הונט, האָב איך געמיינט, געהערט נאָר צו איין מין: דער געשלאָגענער רוקן, וואָס האָט מורא פאַר אַ שטעקן...

נאַרישקייטן. הונט־פאַרשטייעריי איז אַ תורה, אַ טיפע תורה, וואָס מען דאַרף דערגרונטעווען, שטודירן. הינטישע מינים זיינען פאַראַן פאַרשיידענע, קלאַסן אַלערליי, וועלטן גאָר באַזונדערע, די וויסנשאַפט צעטיילט אַלע לעבעדיקע הינט אויף פינף הויפּט־מינים: דער יאַגד־הונט, דער אַרבעטער, דער ליידיק־גייער, דאָס פּיצל און די צאַצקע.

מיין האָדעוואַניק „טאָבי מיין אייגענער" האָט, פאַרשטייט זיך, גע־הערט צום לעצטן מין, צו די צאַצקעס.

אָנקוקן האָט מען אים געדאַרפט. ער איז געווען גרויס, ווי אַ גענִיץ, און האָט זיך געקענט באַהאַלטן אין אַ גוט צעגויפגעלייגטן מענ־לעכן פויסט, אַ הינטל, אַן אָפּגעמאָלטע קוקלע, אַ ליאַלקע. אַ פּעלכל אַ ווייכס, הערלעך געקרייזלט און געלאָקט, ווי פּוכענע פעדערלעך: דער קאָליר ברוינלעך־געל, עטוואָס שוואַרץ אונטערן נעזל. די פּיסלעך נידע־ריקע, דינינקע מיט אַ חנעוודיקן אויסבייג נעבן די קניען און פלינקע, פּייכטע, אונטערלעקערישע, אָן אַ פונק פון הינטישן כעס, אָן אַן אויפּזיד פון בייזן בלוט. ביי מענטשן קען מען נאָך אַזעלכע אויגן זען, ביי באַטירלעכע הינט — קיינמאָל ניט...

אַז ער האָט צום ערשטן מאָל מיך דערזען, האָט ער אַ סקאַוואַיע געטאָן אויף אַ פאַרשטיקטן קול, וואָס איז געקומען ווי פון וויטן, אויף דראָטן, נאָכדעם האָט ער העזהדיק געגעבן אַ שפּרונג גלייך אין פּנים אַריין. דאָס איז געווען אַ גוטער סימן! ס'האָט געמיינט, איך האָב אויס־גענומען...

מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן, איך האָב אים ערלעך געדינט, שקלאַפיש, נאָר אָן ליבע אין האַרצן...

מיין טאָג אַרבעט איז געווייגלעך געגאַנגען אַזוי:

גאַנץ פרי האָב איך גענומען „טאָבי מיין אייגענעם" און בין אַרויס מיט אים שפּאַצירן, כאַפּן פרישע לופט אין פּאַרק.

געפירט האָב איך אים פאַר אַ שיין זיידן שנירעלע. שפּאַצירט האָבן

מיר שטיל, פּאַמעלעך, רחבותדיק איבער פּאַרטאַגיקע טוי־באַפּערלטע אַלייען פון פּאַרק.

דעמאָלט איז טאַקע געווען שפּאַציר־צייט פאַר הינט, פון אַלע זייטן פלעגן אָנקומען הינטלעך און מענטשן, אַנדערע יונגען — אַזוי ווי איך, געדונגענע דערציער. ס׳זיינען אָבער אויך געווען חשובע אַריסטאָקראַטן, מערסטנטייל זקנים, האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף פרעמדע מענטשן און זיינען אַליין געקומען מיט זייערע האָדעוואַניקעס.

די הינטלעך זיינען אַרומגעלאָפן, געלעקט איינע ביי די אַנדערע אונטער די עקלעך און געשלאָסן צווישן זיך אײדעלע באַקאַנטשאַפט. מיר, זייערע אויפפּאַסערס, האָבן דערווייל געקענט צווישן זיך אַ וואָרט אויסריידן, באַקאַנט ווערן און טיילן זיך מיט פראָפעסיאָנעלע רכילותן און נייס.

דאָרטן האָב איך אויך מיין גאַנצע הינט־חכמה „צעאַקערט״, פאַר־פאָלקאָמט זיך אין מיין וויסן און באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע פאַרשטייער פון דעם מיין צאַצקע־הונט, וועמענס דערציער כ׳האָב איצט געדאַרפט זיין: דער סנאָבישער פּעקינעזער, דער עקזאָטישער פּאַפּילאָנער, דער לאַנג־האָריקער שפּאַניעלער, דער גלאַטיקער אָן־האָריקער מעקסיקאַנער. כ׳האָב שוין אָנטייל גענומען אין וכוחים און שפּאַרענישן, געקענט פאַרטיידיקן און אָפּשלאָגן אַ הינטישן פונקט.

נאָכדעם זיינען מיר ביידע געגאַנגען אַהיים. כ׳האָב זיך געדאַרפט איילן, צוגרייטן פאַר מיין האָדעוואַניק זיין מאָלצייט אין צייט.

„טאָבי מיין אייגענער״ איז דערווייל געלאָפן אין די אינווייניקסטע צימערן צו דער מאַמען זיינער און איך האָב געאַרבעט אין קיך. כ׳האָב געפּרעגלט קאָטלעטן, געבאַקט קאַרטאָפּליעס, צעריבן זיי און מיט פעטס. כ׳האָב צוגעגרייט אַ זופּ, אָנגעגרייט אויף צו פאַרטרינקען שיסעלעך מיט מילך. די דינסט־מויד האָט צום הינטישן מאָלצייט קיין שום שייכות ניט געהאַט. איך האָב געוואוסט אַלע „פאַרשריפטן״ און מנהגים; איך האָב אַלץ געדאַרפט טאָן אַליין.

אַז כ׳בין פאַרטיק געוואָרן, האָב איך געדאַרפט אַ גלעקעלע אָנ־קלינגען און דאָס הינטל מיט דער באַלעבאָסטע זיינען געקומען צוגיין.

דאָס הינטל איז געזעסן נעבן זיין טישל, פאַרדעקט מיט אַ סאַל־פעטקע און האָט געהאַלטן די פעטע אונטערלעקערישע אייגלעך אַרייג־געטאָן צו זיך אין שיסלע אַריין. ס׳האָט זיך אָבער ניט גלייך געכאַפּט צום עסן. די הינטישע מאַמע האָט געדאַרפט פריער אַלץ אַרומקוקן, באַשמעקן, פאַרזוכן; ערשט נאָכדעם האָט זי געגעבן אַ וואונק־סיגנאַל

און „טאַבי מיין אייגענער" האָט זיך מיט אַ היגטישער לעקעריי גענומען צו דער אכילה.

געדאַרפט האָט מען זען מיין באַלעבאַסטעס הנאה, ווען זי איז געשטאַנען אַנטקעגן מיט אַ ליכטיק פּנים, מיט העגט פאַרלייגטע אויף אַ הויכן געפורימטן בוזים און געקוקט, ווי איר הינטל שלינגט, לעקט, זשאַווקעט קיין עין־הרע ניט, מיט אַזאַ גוטן אַפּעטיט. איך, דער באַדינער, בין געשטאַנען מיט אַ האַנטוכל פאַרוואָרפן אויפן אַקסל, די פיס אויפגעהויבן אויפן גראָבן פינגער צוליב פלינקייט וועגן און געקוקט דעם הינטל גלייך אין די אויגן אַריין.

נאָכן עסן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה באָדן. מאַמעס ווייסן, וואָס עס מיינט אַריינזעצן אַ קינד אין אַ וואַנע, ווען דאָס קינד ווערט זיך, דריגעט עס מיט די פיסלעך און שפּריצט וואַסער אויף די זייטן אַרום. איך בין דאָך אָבער קיין מאַמע ניט געווען און „טאַבי מיין אייגענער" איז געווען צעלאָזן און ווילד. מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט, מיט זיין אַריינשפּרינגען און אַרויסשפּרינגען פון וואַסער, מיט זיין פאַרשפּריצן דעם גאַנצן באָד־צימער, וואו קיין טראָפּעלע האָט ניט געטאָרט זיין, האָט ער מיך אָפּט דערפירט ביז טרערן.

אויסגעבאָדן, אָפּגעווישט מיטן טרוקענעם פאַרפומירטן ליילעך, האָב איך זיך גענומען צו דער שער. כ'האָב צוגעגלעט און אַרומגעשאָרן די געקרייזלטע פוכיקע הערלעך, וואו מען דאַרף — איינציקע הערלעך מיט די פינגער געפליקט. כ'האָב צוגעפוצט און פאַרשניטן די קליינינקע נעגל, דעם עק ריכטיק פאַרשפּיצט. נאָכדעם האָב איך געשייערט דעם מעשענעם קאָלנער, דאָס זיידענע בענדל געוואַשן און געפּרעסט. „טאַבי מיין אייגענער" האָט הפנים פאַרשטאַנען, אַז איך בין בלויז אַן אַרויסהעלפער, אַ געדונגענער באַדינער זיינער. ער האָט עס געלאָזט פילן און האָט זיך מיט מיר מיט עזות געררייצט.

נאָכדעם איז ווייטער געגאַנגען: אַ שפּאַציר, אַ מאָלצייט, אַ וויזיט צום הינטישן דאַנטיסט, צוראַמען, אַרומווישן, צוקלייבן. שפּעט ביינאַכט איז דאָס הינטל געלאָפן אין די אינווייניקסטע צימערן צו זיין באַלעבאָסטע אויף נאַכט־לעגער און איך בין געפאַלן אַ פאַרמאַטערטער שלאָפן אין מיין קאַנורע לעבן קיך...

5

דאָס הויז דאָ איז געווען אַ מאָדנע. אַזעלכע הייזער האָב איך ביז דעמאָלט נאָך ניט געזען.

שטילקייט, אַריסטאָקראַטישע אָנגעבלאָזנקייט, שווערער אָטעם פון פּאַרפומירטן שימל האָט זיך געפילט אין יעדן ווינקעלע. ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס הויז ציט איר לעבן־חיות און געפינט זיך אין מיטן פון דער לעבעדיקער, קאָכיקער ניו יאָרק.

ווער זיינען געווען די איינוואוינער, מיינע באַלעבאַטים? יענקיס? דייטשן? פראַנצויזן? יידן? איטאַליענער? אפשר אַ געמיש פון עטלעכע מין בלוטן צוזאַמען? ס'איז שווער געווען צו וויסן און דערקענען. כ'האָב נאָר געוואוסט, אַז זייער נאָמען איז שערמאַן, די פאַמיליע שערמאַנס, ווייטער האָט זיך קיין זאַך ניט אָנגעזען אין שטוב.

פון אַ זיידנס בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָב איך געמאַכט אַ השערה, אַז מיינע באַלעבאַטים זיינען דייטשע יידן. דעם זיידנס הויכער רבנישער שטערן, געדיכטע אָנגעכמורעטע ברעמען, קאַלטע חכמה, וואָס האָט ווי פון זיך אַלעמאָל געשמייכלט און געגליווערט זיך אויף די ליפּן, האָבן מיך אַרויפגעפירט אויף דעם געדאַנק. קיין זיכערע באַשטעטיקונג האָב איך אָבער קיינמאָל ניט געהאַט.

דעם באַלעבאָס, מר. שערמאַן, האָבן מיר זעלטן געזען אין די אויגן. פון אַ פּאָר צופעליקע באַגעגענישן האָב איך באַמערקט, אַז ער האָט שטריכן ענלעכע צום זיידן, וועמענס בילד ס'הענגט אויף דער וואַנט. ער איז געווען אַ מאַן שוין אין די פופציקער, אַ סך עלטער פון דער פרוי זיינער. זיין אויסזען: אַ קאָפּ אַ פּליכעוואַטער, נאָר אַ פיין־געפורעמטער, יחסנדיקער, שלייפן הויכע, קלאָרע, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט אַ געקרייזלט־גרויען שיטערן פּוך־האָר, אויגן יונגע און ציינישע, דער פּנים אַ געמאַסאַזשירטער און צוגערויטלטער, די עלטער־קנייטשן אויסגעגלעט און גוט באַהאַלטן. פלײשיקע ליפּן האָבן אַלעמאָל אויף זיך געטראָגן אַ תּאוהדיקן קלוגן שמייכעלע. קומען אין הויז פלעגט ער שפּעטלעך ביינאַכט און אַוועקגיין גאַנץ פרי.

ער איז הפּנים געווען אַ גרויסער „העכט”, פון די, וואָס האַלטן ביים דופק די שטאָט; אַ בירזשע־ספּעקולאַנט אָדער אַ רייכער פאַבריקאַנט. זיין אויסזען האָט געוויזן, אַז ער איז אַ היפּשער אויסוואורף און הוליאַקע. אין זיין פרוי איז ער, קענטיק, ניט געווען פאַרליבט.

ס'איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז זי איז ביי אים אַן „אָפּגעקויפטע” פאַר דעם פּרייז פון וואוילטאָג און פאַרגעניגן, און אַז געקויפט

האָט ער זי ניט לאַנג צוריק. אמת, דער חברה־מאַן האָט געהאַט אַ גוטן געשמאַק און האָט זיך מיט זײַן סחורה גאָרניט גענאַרט; אַמאָל איז זי געווען אַביסל צעבאַלעוועט. נאָר די יונגע, לײַכטזיניק־שפּילעוודיקע צעבאַלעוועטקייט האָט שוין גענומען אַראָפּפאַלן, צעשיטן זיך, ווי דער ערשטער צוויט פון בוים, דאָס האַרץ איז געווען אַ גוטע און האָט שוין געזוכט מוטערלעכע וואַרעמקייט. כ׳האָב זי אַלעמאָל נאָכגעפּאָלגט מיט די אויגן, ווי זי גייט אַרום איבערן שטוב, אַ פּאווע אַ געפּוצטע, וואָס טראָגט אַנטקעגן איר זיכערן שטאָלצן קערפּער; ווייס, קלאָר, פּוכעדיק, ווי אַ געצוקערטער פרישער קוילעטש. אידלקייט און שטיקער יונג־פרײלעכער, קינדערלאָזער צער איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. מיט אונדז, דינער, האָט זי ווייניק פאַרבראַכט. זי איז געגאַנגען איבער די צימערן, אַרײַנגערעדט אין טעלעפאָן, געזעצט זיך נעבן דער פּיאַנאָ און נאָכדעם ווייטער צוגעכאַפּט זיך צו איר קלײנעם ליבלינג, דעם הונט...

כ׳האָב געקוקט אויף מײַן באַלעבאָסטע און נאָכדעם אויף דעם פּיצעלע נפש, דעם הינטל, מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט זי כאַפּט אים צו זיך אין די הענט אַרײַן! ווי זי קושט אים אין מײַלכל, אין מאָרדע, אין קאַלטן שפּיץ נאָז. אָט איז ליבע, אָט דאָס איז אַ דריק צום האַרצן! וואָס האָב איך קוקנדיק אויף דעם געפילט? אַ וועלפישן ברען, פלאַם אין די באַקן, שאַנד און באַליידיקונג, קלײנלעכע קנאה, צו וועמען? אפשר צום געלאַסטשעטן הינטל? נאָכדעם איבערזוכט, נאָדלדיק שטעכיק און אָפּ־געסמט — שאַרף.

נאָכדעם, אַז איך פלעג אַ פאַרמאַטערטער זיצן אין צימערל וואָס לעבן קיך, פלעגן מיך מאָדנע געדאַנקען באַפאַלן. אַ שווערע ברענענדיקע בענקשאַפט פלעגט מיך אַזוי ווי פאַר די האַר אָננעמען, וויגן, אַרומוויגן אין דער קאַנורע פון באַלקן ביז אַראָפּ. נאָכדעם פלעגט זיך אַ פּעפער־דיקייט אין האַלדז אײַנעסן, כ׳פלעג די צײנער אײַנשטשעמען, די ליפּן מיט אַלע כחות פאַרקלעמען, כ׳זאָל ניט אָנהויבן שרײַען, ברומען, ווי אַ הונגעריקער, צערײצטער וואָלף...

6

בײַ מײַן באַלעבאָסטע האָב איך געקראָגן חן אין די אויגן, זי האָט מיר געקויפט אַ ראָק מיט אָפּגעלײגטע זײַדענע לאַצן, אַ פאַראַדנער מלבוש פאַר אַ הינטישן דערציער. פון גוטן קעסט האָבן זיך מײַנע באַקן אויס־געפילט און צערויטלט. מען קעכלט מיך ניט אַזוי, ווי טאָבי דעם הינטל,

נאָר קיין עסן אין אַ רייכן הויז פעלט ניט אויס. איין חסרון: דער באַלע־באָס האָט מיך פיינט...

מר. שערמאַן, וועלכער קוקט אויף זיין ווייבס באַשעפטיקונגען מיט צינישן לייכטזין און ביטול, וועלכער ווייס, אַז איך בין ניט מער ווי אַ באַדינער פון זיין ווייבס הונט, האַסט מיך ווי אַ שפּין. פאַרוואָס, ווייס איך ניט. עפּעס האָט דער אַלטער פוקס דערשמעקט. אַלעמאָל, ווען מיר טרעפן זיך אָן אין אַ הויז־ווינקל, גיסט ער מיך אָפּ מיט זיין קאַלטן זויערן שמייכל און גיט זיך מיאוס און כוואַטסקע אַ דריי אָן אַ זייט.

אַ נאָמען האָט ער מיר געגעבן „וואָלף״.

כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, דער נאָמען רעגט מיך אויף. אַלעמאָל ווען ער גיט מיר אַ קוק אין פּנים און אַ שמיץ אַרייך דעם נאָמען „וואָלף״, ווער איך אָן אויפגעקאָכטער. אַ טבע האָט ער: אַ זאָג טאָן דאָס ווערטל שטיל, צווישן די ציין, און נאָכדעם קוקן תמעוואַטע אויף דעם הונט. וואָס קלערט ער דערביי, דער אויסוואורף? וואָס וויל ער מיר אַ וואונק געבן? די קרובהשאַפט פון אַ כמורנעם וואָלף און אַ לעקערישן הינטל?...

איינמאָל האָט ער מיך אַפילו שוין אָפּגעשטעלט און געוואָלט אַרייַנציען אין אַ געשפּרעך:

— דו! וואָלף! הינטישער עק!

כ׳האָב אים, פאַרשטייט זיך, ניט געענטפערט, נאָר געפילט האָב איך, כ׳בין בלאָס געוואָרן, דאָס בלוט איז שטראָמיק ערגעץ־וואו אַנטלאָפן און דאָס הויט אונטער די האָר־וואָרצלען האָט אַ שוידער געטאָן בערגלדיק־קאַלט.

וואָס וויל ער, דער פוקס דער אַלטער? וואָס האָט ער אין מיין פּנים דערקענט?

האָט ער אפשר אַ הינטער מיין געפאַלנקייט־מאַסקע אָן אַנדער פּנים דערזען? בין איך פאַר אים ניט גענוג געבראָכן, נעבעכדיק? ווייס ער, דער כיטרינקער, וואָס אין איינזאַמקייט לעב איך אין זיין הויז איבער? ווי איך האָס אים, זיין הויז און זיין גאַנצן מין?...

אפשר איז ער אייפערזיכטיק? לייענט דער אַלטער הולטיי מיינע געדאַנקען וועגן זיין פרוי און קנייטשט זיך דערביי פון אַריסטאָקראַטישן צאָרן? מיינע געדאַנקען באַליידיקן אים? איז ערשטנס, ליבט ער זי דאָך ניט און, צווייטנס, ווי פאַלט אים איין אַזאַ געדאַנק? ניטאָ, ווער ס׳זאָל לאַכן: איך און זי...

דערווילע גיי איך אָן מיט מיינע געוויינלעכע באַשעפטיקונגען, מאַך זיך, ווי איך באַמערק ניט קיין זאַך. דער הינטישער קאַלנער אויסגעשייערט, דאָס בענדעלע געפּרעסט, דער האָדוואַניק זאַט, ציכטיק,

צוגעפּוצט, צוגעקליבן. אַ דינער בין איך אַ גוטער, אַן ערלעכער. פאַרוואָס זאָל מען מיך פון דער שטעלע אָפּזאָגן? וואָס נאָך קען מען פאָדערן פון מיר?

פון צייט צו צייט וואַרף איך אַ בליק אויף מיין באַלעבאָסטע, וויל זען, צי באַמערקט זי, וואָס צווישן מיר און איר מאַן קומט פאָר. כ׳קוק איר אַריין אין די אויגן, ווען כ׳גיב איבער „טאָבי מיין אייגענער" נאָך זיין בעדל, אַן איינגעוויקלטן אין אַ ציכטיקער קאָלדרע, און אונדזערע פינגער רירן זיך אָן. זי כאַפּט צו זיך אימפּעטיק דאָס הינטל, דריקט אים צום האַרצן מיט דער הונגעריקייט פון אַ מאַמען, וואָס איז אַזוי פאַרטיפט אין איר אייגענער ליבע, אַז זי זעט ניט קיין אַנדער זאַך אויף דער וועלט.

אַז דאָס הינטל איז שוין אויסגעטריקנט און אָנגעקושט, הויבט די מאַמע צו אים אָן רירן, און ער ענטפערט איר אויף זיין חנעוודיקער פּיסל־שפּראַך, אַ מאָך מיט איין לאַפּקע, — יע, מיט צוויי — מיינט ניט. חכמות איבער חכמות, און איך שטיי פון וויטן, די הענט אויפן האַרצן פאַרלייגט און העלף איר קלייבן התפעלות פונעם גערַאָטענעם קינד.

אין דער צייט טרעפט אָפּט, אַז זי באַמערקט מיך, זי נעמט אַראָפּ די אויגן פון הינטל און קוקט אַנגעשטרענגט אויף מיר. מיטן פרויען־האַרץ דערשפּירט זי מיין שווערקייט און איינזאַמקייט און וויל מיך אָנ־וואַרעמען מיט אַ גוטן רחמנות־בליק. אַמאָל, גאַר ניט ווי געוויינלעך, הערט זי אויף רעדן צו טאָבין און ווענדט זיך מיטן זעלביקן וואַרעמען טאָן צו מיר.

— הערי, ביסט צופרידן?

— פון וואָס?

— פון דיין שטעלע, פון טאָבין, פון אַלץ.

כ׳קאָן ניט ענטפערן אָפן פּיסל־לשון און ברום עפּעס אונטער דער נאָז. איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערן צו דער זאַך.

— און טאָבין האָסטו שוין ליב? זאָג דעם אמת: יע, צי ניין?

די רייד וועגן דעם הינטל רעגן מיך אויף. פאַרוואָס, ווייס איך ניט. בין איך טאַקע אייפערזיכטיק? אויף וועמען? אויפן פּיצל־הינטל. וויל איך זיך מיט אים בייטן? אים — דער רחמנות און מיר — די ליבע, וואָס לעבט שפּילנדיק אין דעם יונג־פרייִלעכן האַרץ.

דער שמועס ביי אונדז קלעפּט זיך ניט, האַקט זיך איבער. נאָר ביינאַכט, אין דער איינזאַמקייט פון מיין קאַנורע, ווען איך גיי דורך מיינע טאָג־פּאַסירונגען, ענדיק איך מיט זיך אַליין דעם פריער אָנגע־הייבענעם געשפּרעך...

— הערי, ביסט צופרידן?

— פון וואָס?

— פון דיין שטעלע, פון לעבן, פון אַלצדינג.

— ניטאָ וואָס צו זינדיקן, עסן גיט מען, טרינקען גיט מען, די אַרבעט איז ניט קיין שווערע, נאָר...

— נאָר וואָס?

— אַ שפּיל גייט דאָ אָן אַ מאָדנע, אַ חיהדיקע: איך — אַ וואָלף, נאָך מיר — אַ כיטרער פוקס. אַרום אונדז — אַ פּאַווע, דערצו נאָך — דאָס קליין פּיצל הינטל...

— וואָס שמעקט ער, דער פוקס?

— כ'זאָל זיין הויז ניט אונטערצינדן, כ'זאָל זיין וואַסער ניט פאַרסמען, כ'זאָל זיין ווייב פון אים ניט אַוועקנעמען. און אפשר האָסט ער מיך ניט דערפאַר וואָס ער האָט מורא, נאָר ווייל איך בין דער נידעריקסטער פון אַלעמען, דער דערציער פון זיין ווייבס הונט...

— צו דער מאַדאַם ביסטו ניט גלייכגילטיק? זי זיך מודה? יע?

— ווי קום איך? הינטלעך האָט זי ליב. ביי מיין מאַמען האָבן זיך זעקס הינטלעך אויפן דיל געהאָדעוועט, שמוציקע, פאַרווערימטע, אויסגעהונגערטע. איינס פון די זעקס הינטלעך, דאָס איז געווען — איך. ווען כ'זע זי, פיל איך, ווי אַ הונגעריקער שלעפּער אַנטקעגן וועמען ס'ליגט אַ געצוקערטער געשמאַקער קוילעטש און צווישן אים און דעם קוילעטש — אַ געבאַלעוועט פּיצל הונט.

— איז דיר שווער? אפשר אַנטלויפן?

אין שטאָט איז אַזאַ אַרבעטסלאָזיקייט, דאָ אַ שפּע, אַ גרויסער איינשטעל אַזאַ שטעלע אַליין אַוועקצוואַרפן.

— אַהאַ! דער פוקס איז טאַקע גערעכט. וועלף געוואוינען זיך צו און ווערן הינטלעך. קענסט שוין לאַפּקע־שפּראַך?...

כ'באַשליס ביי זיך מאָרגן אַוועקגיין פון דאַנען, וואָס ס'זאָל ווייטער ניט זיין.

נאָר פאַרן אַוועקגיין וועל איך דעם פוקס זען, כ'וועל אים אויפקלערן. וועמען און וואָס פאַר אַ „גוט־ווינטשער" ער האָט געהאַלטן אין הויז און געשפּייזט פון זיין טיש. נאָכדעם וועל איך דער באַלעבאָסטע אַ זיי־געזונט זאָגן... אַזאַ וואָס זי פאַרדינט: „הינטישע מאַמע! פליישצעבאַלעוועטע, שיינקייט און גראַציע, גוטסקייט, איידלקייט און פיינע דערציאונג — צעפּוילט זייט איר און פאַרסמט. צום סוף וועל איך מיין האָדעוואַניק מיטן קנאַפּל אין זייט אַריינרייבן. זען צי קען ער נאָך קוויטשען, ווי אַן אמתער הונט...

כ׳ליג אין מיין קאַנורע, שטיק זיך פון צאָרן און ווייטיק און פיל, אַז איך ווער באַלד דערשטיקט.

8

דער סוף איז געקומען גאָר פלוצלונג, ווי געוויינלעך אומגליקן קומען אין אונדזער שטאָט.

אינדערפרי האָב איך נאָך מיט „טאָבי מיין אייגענעם" אין פאַרק געשפּאַצירט און געקאָרמעט אים מיט קאָטלעטן און פיינקוכן, ווי ער איז געווען געוואוינט. קיין זאַך האָט מען אויף אים ניט באַמערקט.

נאָכמער, יענעם טאָג האָט דער הינטישער דאַנטיסט זיין אַרבעט געענדיקט. „טאָבי" איז אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט מיט אַ נייעם גילדענעם ציינדל. אין ציינדל איז געווען איינגעפּאַסט אַ קליין דימענט־שטיינדעלע. דאָס שטיינדעלע האָט אַזוי שיין געבלישטשעט מיט אַ בלוי־ווייסן ליכט. די באַלעבאָסטע האָט איר התפעלות ניט געקענט באַהאַלטן און נאָכאַנאַנד געקושט טאָבין אין מיילכל אַריין.

צום אָוונט איז ער געוואָרן מיטאַמאָל אומעטיקלעך. דאָס קוויטש־קולכל איז געוואָרן פאַרשטומט־היזעריק, די גלאַטינקע, פייכטע, אונטער־לעקערשע אייגעלעך זיינען געוואָרן צעבורעט און אָנגעצויגן מיט דינינקע אָדערלעך בלוט. אַ געניט אויג האָט גלייך געקענט זען, אַז מיט טאָבין איז ניט גלאַט.

איך אַליין בין אין קיין זאַך ניט שולדיק. קעגן גאָט און לייט שווער איך: ניט שולדיק! כ׳האָב אים ניט פאַרנאַכלעסיקט, ניט געשלאָגן, ניט פאַרסמט, כאָטש כ׳האָב אים קיינמאָל ניט געליבט. זיין קרענק און דאָס ווייטערדיקע איז בלויז געווען אַ הימלשע שטראָף.

די באַלעבאָסטע איז גלייך געוואָרן אומרואיק. און האָט זיך גענומען ראַטעווען איר „טאָבי מיין אייגענעם". זי האָט אים אַריינגעלייגט אין בעטל, געמאָסטן די היץ, געטאָן אַלע געוויינלעכע היימישע סגולות און האָט מיך אויף שנעל אַוועקגעשיקט נאָך אַ דאָקטער, דעם גרעסטן הינטישן ספּעציאַליסט.

יענע נאַכט האָט מען ביי אונדז אין שטוב ניט געשלאָפן. טאָבי איז געווען אַ פאַרבייאיקער. מיר, די דינער, זיינען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע, געבראָקט אייז, געטונקט קאָמפּרעסן, געמישט אַלערליי פּילן און זי, די באַלעבאָסטע, איז ניט אָפּגעטראָגן פונעם חולהס בעטל אויף אַ טראָט. קיין אַנדערן האָט זי בשום אופן ניט צוגעלאָזן. זיינע ליידן, די לעצטע

אַגאָניעס, די יציאת נשמה, דאָס האָט קיינער ניט זוכה געווען צו זען, נאָר די באַלעבאָסטע אַליין.

פאַרטאָג איז שוין „טאָבי מיין אייגענער" ניט געווען מיט אונדז. זיין הינטישע נשמה האָט געשוועבט אויף דער אמתער וועלט.

נאָכדעם איז געווען די לויה. אַ פּאַראַדנע לויה געווען, אַ גרויס־אַרטיקע, ניט יעדערן איז אַזאַ לויה באַשערט.

טאָבי איז געלעגן אין אַ קעסטל, דאָס קאָלנערל בלישטשענדיק, דאָס בענדעלע געפּרעסט. אַ זיידן קישעלע אונטערן געזעס. דאָס קעסטעלע איז געווען פאַרטונקט אין בלומען.

אַז מען האָט דאָס קעסטל פון הויז גענומען אַרויסטראָגן, האָט זיך די באַלעבאָסטע אויף אים אַרויפגעוואָרפן, העגט אידעלע, ציטערדיקע, וויינענדיקע האָבן זיך פאַרצווייפלט געקלאַמערט און האָבן אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

אָנקוקן האָט מען זי געדאַרפט אין יענער מינוט: אירעליידן, איר צעבראָכנקייט, די בלאַסקייט, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעצויגן איבערן בלוט־שפּילנדיקן פּנים און אים געמאַכט אויסזען ווי דער פּנים פון אַ מת...

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אָטאָמאָבילן, געסט־אבלים זיינען אָנגעקומען גאָר אַ סך. די ווייטערע פריינט האָבן בלויז מיטליד־טעלע־גראַמעס צוגעשיקט, די נעענטערע זיינען געקומען צוגיין; פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע אבלים זיינען געווען די באַלעבאָסטע און דער הינטישער דערציער — איך...

לאַנג זיינען מיר געפאָרן, ביז מיר זיינען צום הינטישן בית־עלמין צוגעקומען, אַ פעלד, ווי אַלע פעלדער: בערגלעך, מצבות, אויפשריפטן, צעטריקנטע קרענצלעך בלומען, אַ ריח פון טרערן, וואָס האָבן זיך אויס־געוועפּט און אַריינגעזאַפּט זיך אין דער לופט...

שטיל, מיט קעפּ געבויגענע, האָבן מיר זיך צוריק אומגעקערט אַהיים.

אַ פּאָר טעג האָבן מיר די מאַדאַם שערמאַן אין די אויגן ניט אָנגעזען. זי איז געזעסן אין איר צימער און דער מאַן אירער, דאָס כיטרע פּיקסל, איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגעלייגטער, אַ גליקלעכער און געצילט זיך טרעפן מיט זיין טרפהנעם פרעכן קול גלייך מיר אין די אויגן אַריין. נאָכדעם, אַ בלאַסע, אַן אָפּגעצערטע, איז זי ענדלעך אַרויס.

די ערשטע איז זי צוגעגאַנגען צו מיר.

זי דאַנקט מיר זייער פאַר מיין איבערגעגעבענער דינסט. „טאָבי מיין אייגענער" איז עס ווערט געווען, אייביק וועט זיין אָנדענק בלייבן

אין איר האַרץ, נאָר דער אומגליק איז געשען, טאָבי האָט איר געפעלט און איך בין דאָ ניט נויטיק מער...

אויפן האַרצן איז מיר אַזוי שווער געוואָרן: אין שטאָט — אַרבעטס־לאָזיקייט און דאָ אין הויז אַזאַ שפּע, מ'קען זיך אָבער ניט העלפן: אַז מען הייסט גיין, מוז מען גיין.

צום אָפּשייד האָט זי מיר אַ האַנט געגעבן: אַ פּוכקע, אויסגעשניצטע, קאַלטע האַנט; פינגער, וואָס האָבן קוים אָנגערירט און זיינען גלייך צוריק אַנטלאָפן. פאַר אַן אָנדענק האָט זי מיר געגעבן אַ שטיקל זיידענעם בענדל פונעם הונטס האַלדז. דאָס שטיקל שנירעלע ליגט ביי מיר ביז הייַנטיקן טאָג... איך היט עס אָפּ.

רובין

רובין געדענקט אַליין ניט, ווי לאַנג ער איז דאָ אין אַמעריקע. צייטנווייז דאַכט זיך, אַז עס איז שוין זייער לאַנג, מי יודע וויפל יאָרן שוין פאַרבייגעלאָפן און אָפטמאָל פילט ער פאַרקערט, אַז אַט, אַקאָרשט, נעכטן, איז דאָס געווען.

אָפטמאָל פאַלט רובין אַריין אין זיינע געוויינלעכע טאָג־חלומות. ער דריקט שטיף צונויף זיינע שלייפן, פלאָנטערט זיך אַריין אין די צעשויבערטע האָר, פלעכט רינגלעך און דרייט זיי אַרום זיינע דינע פינגער. דעמאָלט טראָגן זיך פאַרביי אים דורך זיינע דורכגעלעבטע יאָרן ווי אַ מוטנער אויפגעבורעטער שטראָם און זיך אַליין זעט ער דאָרט ווי אַן אָפּגעבראָכן צווייגל, וואָס וואָגלט זיך אַרום אָן אַ סוף און אָן אַ תכלית.

מיט יאָרן און יאָרן צוריק און אפשר גאָר נעכטן איז ער געקומען צופאָרן אין ניו יאָרק, אַריינגעכאַפּט זיך אַהער, ווי אַ מויז אין אַ פּאַסטקע, די פּאַסטקע האָט זיך פאַרהאַקט, דאָס טירל האָט אַ קנאַק געגעבן און ער איז אינווייניק געבליבן שטעקן...

ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט געוועלט, געוואָרפן זיך מיט פאַרסמטער פאַרצווייפלונג אויף אַלע זייטן. מיט זיך האָט ער געבראַכט פון דער היים אַ רויט העמדל, אויסגעהעפּט פון אַ באַקאַנטער מיידלשער האַנט. מאָדנע, דעם מיידלס פּנים האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן, אירע הענט זעט ער אָבער אַלעמאָל, ווען ער שליסט נאָר די אויגן. אַ ווייכע שמאָלע דלאָניע, לאַנגע, דינע, דורכזיכטיקע פינגער, די שפּיצן אויסגעשטאָכן פון דעם נאָדל־שאַרף. דאָס רויטע העמדל פלעגט זיך אין זיינע אויגן פאַנאַנדער־שפּינען, אויפוועבן זיך אין לאַנגע דינע פעדימלעך, וועלכע פלעגן אים באַהעפטן מיט זיין פאַרנעפּלטן עבר, מיט יענע ווייטע דורכזיכטיקע אויסגעשטאָכענע פינגער. די ערשטע צייטן פלעגט ער זיך מיט דעם העמדל זייער אָפּט צאַצקען. שפּעטער האָט ער עס בחדרי־חדרים באַהאַלטן און ווען־ניט־ווען צוגעוואָרפן אַ פאַרגנבעטן בליק אין יענעם ווינקל.

ווען ער איז געקומען, איז ער נאָך געווען זייער יונג, דער מאַמעס

מילך אויף די ליפּן קוים פאַרטריקנט. דאָס בלוט האָט געריזלט און געשוימט אין די אָדערן. דאָס נייע אויסגעטרוימטע לאַנד האָט צו אים געשמייכלט פון דער ווייטנס און פריינטלעך פאַרבעטן אויף איר אויס־געשפּרייטער ברייטקייט, אויף דעם רייכן מאַלצייט פון איר שפע. אים האָט זיך געדאַכט, אַט קומט ער און לאָזט זיך אַוועק אויסמעסטן דאָס לאַנד אין דער ווייט און אין דער ברייט, ער זעט דעם אויפגעברויזטן מזרח, דעם בונטן דרום, די אומענדלעכע פּריירים פון דעם ווייטן מערב. ער פילט דעם קאַלטן אָטעם פון די אייביק־פאַרשנייטע באַרג־קייטן, די צאַרטע לעבלעכקייט פון די פאַרשלענגלטע ים־שטראָמען. עס האָט זיך רובינען געוואָלט, אַז דער יום־טוב פון לעבן, וואָס וועט זיך באַלד אָנהויבן, זאָל זיך גאָר קיינמאָל ניט פאַרענדיקן. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט. ווי אַזוי? קאָן ער זיך ביז היינט ניט אָפּגעבן קיין רעכענונג. צייטנווייז דאַכט זיך אים, אַז שולדיק אין אַלץ איז דאָס געלע שמוציקע ליכט פון די ניו־יאָרקער גאַסן־פאַנאַרן. דאָס ליכט האָט צו אים אין בלוט געפּלאָסן דורך אומזיכטבאַרע רערן. דאָס בלוט האָט געגומען אויפגעליווערן, סמן זיך. איבער זיינע ייִנגלשע חלומות האָט זיך פאַרצויגן אַ גרויער שפּינוועבס. ער איז אַ געפּלעפטער געבליבן שטיין אינדערמיטן און פּלוצלונג זיך האַסטיק פאַרשווינדלט אַרום אַ טויטן פּינטל...

ער איז ווי פריער אַרומגעגאַנגען, אַרומגעהאַוועט. ער האָט אָבער בשעת מעשה געפילט, אַז דאָס איז ניט ער, דאָס טוט אַ צווייטער, אַ פרעמדער, וואָס האָט זיך אויסגעוואָרצלט פון זיין אייגענעם „איך״, ווען ענס האַרץ עס איז שטיין, ווען ענס געדאַנקען עס זיינען אויפגע־פּלאָנטערטע שפּינוועבס־פעדים. ער אַליין שטייט גאָר פון דערווייטנס, שווינדלט זיך אין זיין פאַרכשופטן קרייז און קען פון דאָרט בשום אופן ניט אַרויסקריכן.

ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ שאַפּ. קיין שווערע אַרבעט האָט רובינען ניט געשראָקן. זיינע יונגע, ערשט אַנטוויקלטע, ערשט פאַר־האַרטעוועטע מוסקולן האָבן זיך פאַרחלשט געצויגן און געגאַרט נאָך אָנגעשטרענגטער אַרבעט. געטרוימט האָט ער אין זיין ווייטן שטעטל, וואו דאָס געצוואונגענע לידיק־אומגיין האָט אים שטענדיק געדריקט, צו ווערן אַ האָלץ־העקער, אַ קאָרן־שניידער, אַ מויערער. ער האָט געזוכט דעם ברייטן שוואונג, די ליכטיקע פרייד פון שאַפן, געוואָלט אַרויסקאָלופּען זיך פון זיין אייגענער שאָלעכץ און באַהעפטן זיך מיט זיינע מיטברידער אין איין פרײדיקער נוצלעכער אַרבעט. דער שאַפּ האָט אים גיך אַנטוישט.

ער געדענקט גוט דעם ערשטן טאָג אין זיין שניידער־שאַפּ. א

ווייטער פריינט האָט אים אַהין געבראַכט צופירן. דער ערשטער איינדרוק איז דוקא געווען ניט קיין שלעכטער. דאָס הודזשעריי פון מאַשינען, דאָס טרוקענע קלאַפּן פון אַנגעצויגענע רימען־פּאַסן אויף די שווינדלענדיקע וואַלצן, די אַנגעשטרענגטע עקשנות־פּנימער פון זיינע חברים־אַרבעטער האָבן אים איינגאַנצן פאַרכאַפּט. מיט גרויס התמדה האָט ער אויסגעהערט אַלץ וואָס דער נייער רבי האָט אים דערציילט וועגן די קונצן פון פעדים און נאָדל, פון צופרידנקייט זיך געריבן די הענט, און אין איבערפלוס פון פריידן האָט ער אַ ליד אויף אַ הויכן קול פאַרצויגן. די אַרומיקע האָבן אַנגעשטעלט מויל און אויערן און האָבן זיך פאַנאַנדער־געלאַכט...

די אַרבעט איז אים גיך דערעסן געוואָרן. אין סאַמע ברען פון דער קאָכיקער אַרבעט פלעגט ער פּלוצלונג וואַרפן אַ מוטנעם פאַרשנדיקן בליק אויף זיינע אַרומיקע חברים און זוכן אַ פינטל ליכט אין דער אַרומיקער גרויקייט: אַ פונק פון שאַפונגס־פרייד, אַ גלאַנץ פון בייזער אומגעדולד, ליבע, האַס, רחמנות. אומזיסט, אַלץ אַרום איז געווען האַרט, פאַרשטיינערט און נאָר זיין אייגענע נשמה פלעגט הודזשען און וויגן זיך אויף די גרויע כוואַליעס פון דער ציללאָזער פוסטקייט.

ווי איינער וואָס טרינקט זיך, האָט ער זיך געפּרואווט אָנכאַפּן אַן אַ שטרויעלע: ער וועט טראָגן דעם לאַסט פון זיין געצוואונגענער, דערווידערדיקער אַרבעט, נאָר ביז אַ צייט. ער מוז ווערן קאַרג און אויס־גערעכנט, זאַמלען אַ פּעני צו אַ פּעני, אין איין פרימאָרגן וועט ער זיך מיט אַ ריס פון אַלע זיינע פּענטעס באַפרייען, אַרויסשפּרינגען פון זיין פאַרכשופטן קרייז, אָפּטשעפען זיך פון זיין צווייטן פרעמדן „איך", אַראָפּטרייסלען דעם שטאָט־שטויב פון זיינע פיס און אַ ניי־אויפגע־לעבטער זיך אַוועקלאָזן אויף די ברייטע וועגן צו פייערן דעם יום־טוב פון זיין באַפרייאונג.

אָט די חלומות זיינען אויך גאַנץ גיך צעשוואומען געוואָרן. רובין האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג אין דער אַרבעט. עס האָבן אים גע־שטערט זיינע צעשוואומענע טאָג־חלומות, וואָס פלעגן אים באַפאַלן אין רעכטן קאָך, אָפּרייסן און פאַרטראָגן ערגעץ אַנדערש. אָט זיצט ער און קאָרמעט זיין מאַשין. וועלכע שלינגט, שלינגט פּעקלעך סחורה איינע נאָך די אַנדערע. קיין מענטשלעכן קול הערט מען ניט, כאָטש אין שאַפּ איז אַ הודזשעריי אַזש פאַרטויבט צו ווערן. רובין זעט דעם טומל, פאָלגט אים נאָך מיט זיינע מוטנע, שטאַרע אויגן. דער טומל נעמט אָן אַ שטויביקע קאָנוס־פאָרמע, דרייט און ווירבלט זיך האַסטיק, אימ־פּעטדיק ביזן רעכטן באַלקן. רובינס געדאַנקען ווערן אויך אַריינגעכאַפּט

אין דעם משוגענעם טומל־טאַנץ. מיט האַרצוויטיק און מיט פאַרצווייפלונג זוכט ער זיך אויסצופלאַנטערן פון דעם ווילדן געמיש און זיין קול שרייט ווילד, יאושדיק אַרויס פון זיינע צעקאַכטע בלוטן.

חברה אַרבעטער האָט רובינען באַמערקט און אים אָפּגעטאָן פאַר־שיידענע שפּיצלעך. אויף זיין חשבון זיינען באַשאַפן געוואָרן אַן אַ שיעור וויצן, גוטמוטיק האָט יעדערער געוואָלט אים באַהילפיק זיין, באַשיצן אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך. רובין האָט געפילט, אַז צווישן אים און זיינע חברים שטייט אַ דיקע וואַנט, וועלכע ער וועט קיינמאָל ניט קענען דורכברעכן. שולדיק איז ער און ניט עמיצער אַנדערש: דאַכט זיך, זיי לעבן אין דער זעלביקער שטאָט, אַרבעטן אַלע אונטער איין דאַך, זיי האָבן זיך צוגענומען און געלאָזן וואָרצלען, ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און פאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל. ער איז צייטנווייז געווען גרייט צוצוגיין און פאַנאַנדערעפענען פאַר זיי זיינע געדאַנקען. אָבער זייער גוטסקייט האָט אים אָפּגעפרעמדט און זייער וויכער באַשיצונגס־טאָן האָט אים געשטאָכן, ווי מיט גליענדיקע שפּילקעס.

פרעמד צו זיך און צו אַלע אַרומיקע איז ער אויך פאַרבליבן אין זיין היים. ווייטער אַ דיקע אָפּגעצוימטע וואַנט, וועלכע ער קען ניט דורכברעכן. דאַכט זיך, ער רעדט, פּלוידערט, אָטעמט אַריין די אַלגע־מיינע שטימונג פון אַרומיקן עולם, אָבער זיין אייגענער קול קלינגט אים אַליין פרעמד און איינזאַם, ער טראָגט זיך ניט פון זיין נשמה־טיפעניש, נאָר פון יענעם, צווייטן, וואָס האָט זיך פון זיין האַרצן אַרויסגעקאַלופּעט. די מענטשן — נאָענטע, וויל ער — קען ער זיינע הענט אויסשטרעקן און זייערע קליידער באַרירן. און דאָך זיינען זיי אים פרעמד און ווייט. האָט ער עמיצן פון זיי ליב אָדער פיינט? וועט ער בענקען, ווען זיי וועלן נאָך זיך די טיר צושליסן און ער וועט פאַרבלייבן אין זיין איינזאַמקייט? קען ער אַרויסרופן זייערע געשטאַלטן, לאָזן אָפּקלינגען דעם עכאָ פון זייערע שטימען? אַ סך גרינגער האָט ער זיך געפילט אויף זיינע נאַכטיקע שפּאַצירן, ווען ער פלעגט אַ געיאָגטער אַרומטראָגן זיך מיט גיכע שפּרייזן פון איין גאַס צו דער אַנדערער, פאַרטרינקען זיך אין אַ מענטשן־שטראָם, שלינגען זייער כאַאָטישן ליאַרעם, קוקן אין די אויסגעפוצטע שויפענצטער און נאָכדעם אויף די פלעמלעך פון די גאַסן־פאַנאַרן, ווי זיי טוקן זיך, פינטלען און ווינקען צו מיט זייער געלער, פאַרסמטער ליכטיקייט.

אַן אויסגעמאַטערטער פון זיינע לאַנגע שפּאַצירן, פלעגט ער זיך נאָכדעם אַריינוואַרפן אין בעט, ליגן מיט אָפענע אויגן און פלאָנטערן זיך אין די געדאַנקען. פון דער טונקעלער פוסטקייט פלעגט אַרויסשווימען

אַ האַנט, אַ ווייכע, אַ שמאָלע דלאָניע מיט אויסגעשטאָכענע, דינע, דורכזיכטיקע פינגער. די פינגער פלעגן באַרירן זיינע קלאַפנדיקע שלייפן. און אַ לייכטער שוידער פלעגט דורכלויפן דורך זיין קערפער. מיט האַרץ־קלאַפעניש פלעגט ער צוקלעפן זיינע אויגן און וועלן טרעפן: וועמענס האַנט איז דאָס? די האַנט פון יענער ווייטער, וועמענס פנים ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. אָדער פון דער באָענטער, באַקאַנטער, וואָס אַרבעט מיט אים אין איין שאַפ, זיצט אַלעמאָל אים קעגנאיבער און אַרבעטנדיק וואַרפט זי אַזוי פלינק מיט איר נאָדל־פאָדים?

נאָכדעם בייטאָג, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, פלעגט ער זיך בעסער צוקוקן צו דעם מיידל, וואָס איז אַנטקעגן אים געזעסן און נאָכפאָלגן די פלינקע באַוועגונגען פון אירע דינע פינגער. איר פנים פאַרשוויצט און אין איר קלעפיקן שוויס שווימען אַרום שטויביקע פעדימלעך פון געפאַרבטן געוואַנט. אַ סאַטין־שוואַרצער צעקנייטשטער פאַרטוך פאַרצויגן אַרום אירע היפטן. די האָר צעשויבערט און מיט די זעלביקע געפאַרבטע געוואַנט־פעדימליך לייכט באַשפרינקלט. די פינגער ציען זיך, שווימען, צייכענען אויס האַלב־רונדע ליניעס און לייכטן אין דער גרויער לופט מיט זייער דורכזיכטיקער בלאַסקייט.

רובין איז מיט סיידין געווען פון ווייטן באַקאַנט. ביסלעכווייז האָט ער זיך צו איר אַזוי צוגעוואוינט, אַז ווען זי פלעגט אַ מאָל ניט קומען צו דער אַרבעט, פלעגט ער וואַרפן אומרואיקע בליקן אויף דעם ליידיק געבליבענעם פלאַץ און פילן שאַרפע, לעבעדיקע שטעך אין ווינקל פון זיין פאַרשטיינערט האַרץ. קוקנדיק אויף איר אין די לאַנגע פויזנדיקע אַרבעטס־שעהן פלעגט ער אין זיינע געדאַנקען איר פנים ריין פון די שטויביקע פעדימלעך וואַשן, אַנשטאָט דעם גראָבן פאַרטוך, איר קערפער פאַרציען, אין שניי־ווייסע זיידן־קליידער, ברייט פאַנאַנדערפענען די טירן פון זייער פאַרשפאַרטן צימער און מיטנעמען זי אויף די פליגלען פון זיין ווייט־שוועבנדיקן געדאַנק...

סיידי, וועלכע איז שוין געווען ניט איבעריקס יונג, ניט איבעריקס שיין און האָט געברענט מיט דער מידער היץ פון וועלקנדיקער יוגנט, האָט גיך דערשפירט מיט איר אַנטוויקלטן פרויען־אינסטינקט רובינס געפילן. אמת, ניט אַזאַ ווי רובינען האָבן איר געמאָלן אירע אַמאָליקע יונג־מיידלשע חלומות. יענער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, האָט איר שטענדיק געקוקט גלייך אין די אויגן, אויפגעכאַפט איר יעדן באַגער און געלאָפן מיט שמחה אַנטקעגן. אָבער דאָס פאַרחלשטע פרויען־האַרץ, וואָס האָט געבענקט נאָך אַ היים, נאָך אַ מאַנס צערטלעכקייט און

נאָענטקייט, האָט סיידין געמאַכט מער פּראַקטיש און מיט דער נאָכ־געביקייט פון אַ וועלקנדיקער פרוי איז זי געגאַנגען רובינען אַנטקעגן.

אין די אויפדערנאַכטן, נאָכן טאָג אַרבעט, פלעגט רובין אַרויסגיין מיט סיידין שפּאַצירן.

ער פלעגט זי שוין אָפּוואַרטן אויפן שטיינערנעם גאַניקל פון אַ טענעמענט־הויז אויף מאַנראָו סטריט, וואו זי איז געווען אַ קוואַרטי־ראַנטקע. דאָרטן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אייזערנעם פּאַרענץ, וועמענס געפלאָכטענע רערן האָבן זיך שוין פון אַלטקייט געשיילט, פלעגט רובין ציטערנוויז פאַרגעסן נאָך וואָס און צוליב וועמען ער איז אַהער גע־קומען.

פון טונקעלן קאָרידאָר, פון וואַנען עס פלעגט די גאַנצע צייט אָפּהילכן אַ טעמפּער קלאַפּ פון שווערע שלעפּנדיקע טריט, פלעגן זיך צו אים ציען לאַנגע ווירבלענדיקע שטויב־שטראַלן, פון צווישן די שטראַלן פלעגט זיך אויסציען אַ האַנט, די זעלבע בלאַסע, לאַנג־באַקאַנטע האַנט, די שפּיצן אויסגעשטאָכן פון דעם נאָדל־שאַרף. די האַנט פלעגט צו אים ווינקען, רופן אַהין אין טונקל־שאָטנדיקן קאָרידאָר, אַנטפּלעקן סודות, אויפעפענען זכרונות פון לאַנג־שוין פאַרשוואומענע יאָרן. רובין פלעגט זיך שטייף־שטייף איינקלאַמערן מיט די פינגער אין דער פולווערדיקער שטעכיקייט פון דעם געבויגענעם פּאַרענץ און מיט אָנשטרענגונג בלייבן שטיין אויף זיין אָרט.

נאָכדעם, אַז סיידי פלעגט אַרויסקומען, די הויט פריש געוואַשן פון דעם בייטאָגיקן שאָפּ־שטויב, די האָר גלאַט פאַרקאַמט און אַ חנעווו־דיקע כלה־אויפרעגונג צעגאָסן אויף איר צערויטלט פּנים, פלעגט רובין פּלוצלינג זיך אויפכאַפּן, ווי פון אַ קאָשמאַר. אַ שטילע, בלאַסע ליכטיקייט פלעגט זיך צעשפּיגלען אויף זיין אָנגעשטרענגטן פּנים, מיט אַ פאַרשולדיקטן צופרידענעם בליק פלעגט ער איר גיין גלייך אַנטקעגן.

מיט ווייכע טריט פלעגט ער איר נאָכגיין איבער די שווימלענדיקע איסט סיידער טראָטואַרן. זי — פאָרויס מיט דעם שטאָלצן געהויבענעם קאָפּ פון אַ געגאַרטער, געליבטער „זי", וואָס פאַרבאַרגט אין זיך פלאַמענדיקע, טיף־פאַרבאַרגענע סודות, וועלכע זי וועט איר איינציקן אויסדערוויילטן מיט דער צייט אַנטפּלעקן. ער — אַהינטער מיט דעם פאַרשולדיקטן בליק פון אַ יינגל, וואָס האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַן אויפרעגנדיקן שפּיל און ער אַליין ווייס נאָך ניט וואוהין דאָס שפּיל וועט אים פאַרפירן.

זייער באַליבטער אָרט איז געווען דער „דזשעקסאָן פּאַרק״. אַרום זיי אין אַ דריי־ווינקל פלעגן זיך אויפשטיקן די שטרענגע טעמפּ־אַנגעכמורעטע עק־שטאָט בנינים, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט אַ ציגל־רויטן פילגאָרנדיקן מיל, וועלכער רודערט שטענדיק מיט זיינע שווערע מיל־שטיינער, זיפט אָן אויפהער אַן אַרבעסדיקן צעשטויסענעם טומל. אַנטקעגן זיי אין געלבלעכן טומאַן־הייטל פלעגט זיך אויסשלענגלען דער איסט־ריווער, פויל שלעפּן זיך אויף זיינע וואַסערן די שמוציקע משונה־פאַרמיקע באַרקעס, וואָס דומפּן אָפּ פון צייט צו צייט מיט אַ הייזעריקן צעשראָקענעם פּיף. דער פּיף פלעגט זיך צעברעקלען, צעשיטן זיך אויף איין־איינציקע אומרואיקע קולות, וואָס פלעגן זיך איינבייסן אין האַלדז און אָנפילן דאָס האַרץ מיט אַ מאָדנעם אומרואיקן פלאַטער.

רובין פלעגט זיין סיידין אוועקפירן ווייטער. דאָרט ביים ברעג טייך, וואו דאָס מוטנע, אויל־געזומטע וואַסער לעקט שטילערהייד מיט די דינינקע, עטוואָס־געגרייזלטע שטראָמען די שוואַרץ־פאַרעלטערטע, פעטע ברעטער מיט וועלכע דער טייך איז ביי זיין ברעג איינגעצוימט, פלעגן זיי זיך אויסזוכן אַן איינזאַמען פלאַץ. אַמאָל זיינען עס געווען קלעצער, וואָס טאָרטשען אַרויס מיט זייערע פּיענעס פון ברעג וואַסער, און אויף זיי זיצנדיק פלעגן זיך טונקען די פיס אין וואַסער. אַמאָל — אַ באַרג קליינינקע שטיינדעלעך, וועלכע גאָט אַליין ווייס צוליב וואָס פאַר אַ ציל מען האָט זיי אַהער געבראַכט צושלעפּן.

סיידי פלעגט רובינס קאָפּ אַוועקלייגן צו זיך אויפן שויס. מיט אירע אויסגעשטאָכענע פינגער שפּילן זיך, פלעכטנדיק רינגלעך פון זיינע גרייזלדיקע האָר. רובין פלעגט צו איר אויפהויבן זיינע אויגן, קוקן אַרויף אָנגעשטרענגט מיט אַ פאַרשולדיקטן יינגלשן בליק. אַ פאַרטראַכטער, בלאָנדזשענדיקער שמייכל פלעגט זיך אויסשנירלען אויף עטוואָס־צעעפנטע ליפּן. ער פלעגט ניט אויסרעדן קיין וואָרט.

„האָסט מיך ליב?״

„יע, סיידי״.

„זייער, זייער ליב?״

איר קול פלעגט אויפציטערן מיט אַ פרעמדן, פאַרחלשטן געלעכטער. אַ פרויען־געלעכטער, וואָס דערציילט פון איר לאַנג־פאַרשטיקטער מיידלשער בענקשאַפט, פון איר באַגער אָט די אַלטע בענקשאַפט איצט צו פאַרצערן אין ליידנשאַפטלעכע פלאַמען, אַז קיין איין אומאָנגענעמער זכרון פון אים זאָל ניט פאַרבלייבן.

רובין פלעגט איר גיין אַנטקעגן. אַ ווילדע אומרואיקייט פלעגט

אים אינגאַנצן אַרומכאַפּן און ער פלעגט פון זיינע בלוטן צו איר אַרויסשרייען:

„יע, סיידי, זייער, זייער ליב".

„האָסט נאָך ביז איצט קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט?"

„ניין, קיינעם ניט".

„וועסט מיך אַלעמאָל ליבן?"

„אַלעמאָל, אייביק!"

„מיר וועלן פאַר זיך אַ שיינע היים אויפבויען? ביידע צוזאַמען גליקלעך זיין?"

„יע, סיידי".

„דו וועסט ווערן פריילעכער, מונטערער, ניט אַזאַ „חלום" ווי איצט?"

„איך וועל פּרוּוון, איך וועל דאָס וועלן זיין".

אַ באַליידיקטע שאַטנדיקייט פלעגט אַנלויפן אויף איר אַקאַרשט צעבליטן פּנים, אירע צעשוואַכטע פינגער פלעגן אַפּלאָזן זיינע רינגל־דיקע האָר.

„זאָג מיר נאָר, רובין, פאַרוואָס ביסטו אַנדערש פון אַלעמען? ביסט עפּעס אַזאַ מאָדנער?"

„אַ מאָדנער?"

„יע, אַ פאַרחלומטער, אַ פאַרטראַכטער. צייטנווייז דוכט זיך מיר, דו קוקסט אויף מיר און זעסט מיך גאָר ניט אָן".

„דאָס דוכט זיך דיר נאָר אַזוי".

„אָבער, רובין, וועסט דאָך מיר ניט לייקענען. איך זע, איך פיל".

ער פלעגט ווערן נאָך אומרואיקער. אַ פאַרטרוילעכע האַלב שעמעוו־דיקייט פלעגט זיך צעגיסן איבער זיין גאַנצן פּנים.

„אמת, סיידי, איך בין טאַקע אַנדערש פון אַלעמען. איך בין אַ גע־כאַפּטער".

„וואָס מיינסטו מיט דעם? וואָס רעדסטו?"

אַ קינדערשע צוגעלאָזטקייט פלעגט אים מיט אַמאָל אינגאַנצן באַהערשן, זיין קול פלעגט איבערגיין אין אַ סודותדיקן פליסטער.

„איך ווייס אַליין ניט, אפשר דאַכט זיך עס מיר נאָר, אפשר איז דאָס טאַקע אַן אמת. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ פּיצל קינד. אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען און מיך איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין הויז.

איך האָב זיך צעשראָקן אײנגעגורעט אין אַן אײנזאַמען װינקל און בין דאָרט שטילערהײט געזעסן. ס'איז געװען פאַרנאַכטלעך, אַ טונקעלע שאָטנדיקײט האָט געשטראָמט פון פאַרבאָרגענע װינקלעך און אָנגעפילט די גאַנצע שטוב. פּלוצלינג איז דאָס הויז אָנגעפילט געװאָרן מיט פּרויען, אַ גאַנצע מחנה פּרויען, אַלטע מכשפות. אויפגעהאַרבעטע מײלער. זײ האָבן מיך מיט גוואַלט אַרײנגעשלעפּט אין זײער קרײז, געדרײט זיך מיט מיר, געטאַנצט און געשפּרונגען. פריער שטיל, אַן װערטער, נאָכדעם מיט אַ פאַרשײטן טומל, ליאַרעם און הו־האַ. אײנע האָט זיך אײנגעבויגן און האָט מיר, פאַרשײט־לאַכנדיק אײנגעטרויט אַ סוד אין אויער. דעם סוד האָב איך נאָכדעם גלײך פאַרגעסן, ער איז אָבער מיט מיר אויף שטענדיק פאַרבליבן. איך בין מיט אים צוזאַמען אויפגעוואַקסן, ערגעץ ליגט ער אין אַ װינקל־טײל פון מײן מוח, איך װיל און קען זיך אים בשום אופן ניט דערמאָנען".

„אָבער דאָס זײנען דאָך נאַרישקײטן, קינדערשע אײנרעדעניש. װי שעמסטו זיך ניט, רובין, אַזאַ גרויסער יינגל, דערציילן נאַרישע באָבע־מעשות?"

זי פלעגט זײן קאָפּ נאָך שטאַרקער צודריקן צו איר צעװאָרעמטן שױס. אירע פינגער פלעגן נערװעז פאַנאַנדערשפּילן זיך אין זײנע צעגרײזלטע האָר, װעלנדיק מיט איר װײכן הויט־אָנריר פאַנאַנדער־גלעטן די נשמה־קנײטשן, װאָס האָבן אים געמאַכט פאַר איר אַזוי פרעמד.

רובין פלעגט בלײבן אײנגעשפּאַרט, קאַפּריזנע, װי אַ נאָכגעגעבן יינגל. זײן קול פלעגט איבערגײן אין אַ געפּעלשטן קװיטש.

„אָבער סײדי, דאָס זײנען דאָך ניט קײן נאַרישקײטן".

„נאַרישקײט, נאַרישקײטן!" — פלעגט זי זיך באַלײדיקט צע־פּיעשטשען און טרערן פלעגן זיך צעטרײסלען אין איר פאַרשטיקטן קול.

רובין פלעגט זיך דעמאָלט דערפילן װי אַ פאַרשולדיקט יינגל. ער פלעגט אָננעמען איר װײכע דלאָניע, צערטלען די לאַנגע, נאָדל־צעשטאָכענע פינגער, הויכן אויף זײ מיט זײן הײסן אָטעם און קושן זײ אײנציקװײז.

זי פלעגט זיך צו אים טיף אַריבערבויגן, קוקן מיט צעמישטע לײדנשאַפט־אָנגעגאָסענע אויגן, אײנשטשעמען זיך מיט די ליפּן און אײנבײסן אַ װילדן קוש.

„דו װעסט װערן צוריק יונג, שטאַרק, מונטער און פרײלעך. מיר

װעלן צוזאַמען אַ הײם אױפבױען, בײדע אײנאײנעם גליקלעך לעבן. ניט אַזױ? ניט אַזױ, רובין?"

און רובין פלעגט איר פון זײַנע בלוטן צוריק אַרױסשרײַען:

"איך װעל פּרואװן! איך װעל זײַן!"

דער אָװנט פלעגט װערן טיפער און אָנגעשטרענגטער. אַ פײַף פון אַ װײַטער באַרקע פלעגט אָפּהילכן, צעשיטן זיך אױף אײנציקע צערו־דערטע קלאַנגען און אָנפילן דאָס האַרץ מיט אַ מאָדנעם אומרואיקן פלאַטער. זײ פלעגן זיך אױסגעמאַטערטע אױפהױבן און שטיל, אָן װערטער, אומקערן זיך דורך די שװיבלענדיקע איסט־סײד טראָטואַרן צוריק אַהײם...

היימעלע לערנט

פון פערטן שטאָק האָט די מאַמע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער און גערופן מיט אַ קוויטש:

— היימעלע, קום אַרויף! היימעלע, דער רבי וואַרט...

דער, וועמען מ'האָט גערופן, איז גאָר געווען שטאַרק פאַרנומען. פריער האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך ייִנגלעך, פון ערגעץ געטאַסקעט אַ מאַטראַץ; איצט האָט מען אים אויסגעצויגן איבערן גאַס, געריבן שוועבלעך און געפּרואווט אים אונטערצינדן. באַלד האָט זיך אַ פייער געדאַרפט צעפלאַקערן.

היימי האָט אַ פריער געהאַט אין געדאַנק צו מאַכן זיך טויב; דער טאַטע איז אינדערהיים סיי־ווי ניטאָ, אַרבעט זוכט ער אַרום די גאַסן, איז עס, הפּנים, ניט קיין לייכטע זאַך: נעם און געפין... מיט דער מאַמען קען מען אַן אומאַנגענעמען עסק ווי עס איז צערייבן, און דער מאַטראַץ איז „פאַן"...

אָבער די געשרייען דורכן פענצטער זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און קוויטשעדיקער, אַז היימי וועט איצט ניט פאָלגן, וועט עס שפּעטער אויף אַ טעלערל צום טאַטן צוגעטראָגן ווערן: וועט זיך אָנהייבן אַ חתונה; די מאַמע וועט פאַרלייגן די הענט אויף די באַקעס, פינטלען מיט די אויגן און וויינען, פונקט ווי זי לאַכט. דער טאַטע וועט זיך בייזערן, שלאָגן, מוסרן און פון הויז טרייבן. העלפן קען מען זיך ניט, אַפילו ווען עס איז אַזוי שווער.

ער פאַרלאָזט אַלץ און לאָזט זיך אַוועק קלעטערן איבער די שטיגן צום רבין. מיט זיך טראָגט ער אַ שווער פּעקל פון ביטערקייט און גאַל:

— „דעם איט"! וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט? וואָס ווילן זיי פון מיר? לעבן לאָזט מען גאָר ניט אויף דער וועלט...

אין קיך, ביים עס־טיש, זיצט שוין דער רבי און וואַרט. אַ ווייס ציגן בערדעלע האָט ער; אויף די שפּיץ באַקן — קישקעלעך רויטע. איין אויג איז ביי אים פאַרזשמורעט, און דאָס צווייטע, ווי אַ קליין ווייס לאַמטערנדעלע, האָט ער אָנגעשטעלט אויף היימעלען און טרייבט אים צו:

— שנעלער סידור לערנען! דו מיינסט כ'האָב אַ סך צייט? נאָך „באַיטשיקלעך" וואַרטן אויף מיר...

און פון דער צווייטער זייט,ביים טשוהונענעם שוואַרצן אויוון, איז געשטאַנען די מאַמע,די הענט פאַרלייגט אויף די באַקעס. אירע אויגן האָבן פרום געבלינצלט, ווען זי האָט געקוקט אויף היימעלען, איר זון:

— נו, זעץ זיך שוין לערנער סידור, מיין קינד...

היימי איז צוגעלאָפן, מיט אַ טראַסק זיך אָנגעזעצט אויפן שטול לעבן רבין. די באַקן זיינען ביי אים געווען פאַררויטלט, דער שטערן פאַרשוויצט, די פּאָר שוואַרצע אויגן אָנגעגליטע; אָפּכאַפּן, פאַרשלינגען דאָס ביסל אָפּקומעניש און נאָכדעם ווייטער לויפן שפּילן.

דאָס קליינע ווייסע לאַמטערנדעלע האָט אים אַרומגעקוקט, באַזוכט; דאָס ציגן־בערדל האָט זיך צוגעשאָקלט אומצופרידן.

— אַ „באַיטשיקל", אַז עס לערנט סידור, דאַרף עס אַ היטעלע אויפן קאָפּ טראָגן; וואו איז דאָס היטעלע?

די מאַמע, ווי אַן אָפּגעבריטע, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, די הענט פון די באַקעס אַראָפּגעוואָרפן. אַ פאַרשעמטע פאַר איר נאַרישן זון היימעלען, האָט זי איצטער איר גרויסע שאַנד אין קולות געוואָלט פאַרטומלען:

— ווי מיר ניט! ווי פאַרשטיפט מען איז דאָס. פאַרטראָגן, שדים ווייסן וואו! גיכער, געפין און טו אָן דאָס היטל...

היימי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן זוכן. ער האָט צעריעט דער מאַמעס בעביכעס, געקראָכן אונטער די בעטן, צווישן דער קאַנאַפּע, אין קליידער־שראַנק. די מאַמע האָט אים געהאָלפן; זי האָט אַפילו אָפּגעבונדן דעם שמוציקן וועש־זעקל, אפשר איז עס דאָרטן פאַרשטופּט געוואָרן; ניטאָ און ניטאָ...

פאַר היימין איז עס אפשר געווען אַ שפּיל; אָבער די מאַמע האָט שוין פאַרלאָרן איר געדולד. זי האָט ניט געשריען, אָבער מיט די פינגער האָט זי געקליבן און שטילערהייט געקניפּט שטיקלעך פליש פון היימין, וועלכער האָט, ווי אַ ווילדע קאַץ, אַרומגעפּויזעט איבערן שטוב. אָבער, וואָס העלפט עס? קיין היטעלע, צו לערנען סידור איז נאָך אַלץ ניטאָ.

און די ווייסע פאַרשלאָפענע לאַמטערנדעלע מאָנט:

— מיין פרנסה וויל מיר אָט דאָס „באַיטשיקל" אָוועקקוילעענען. וויפיל אומשטיינס געזאָגט, קריגט מען עס פאַר אָפּבעקען סידור. אַ ווינטע, פינצטערע פרנסה. אין דר'ערד זאָל עס גיין...

גוט, וואָס די מאַמע האָט זיך געכאַפּט, וואָס מ'דאַרף טאָן: זי האָט

געכאַפּט אַ האַנטוך, אים אַרומגעדרייט אַרום הײמעלעס קאָפּ, ווי אַ טערקישע פּעסקע. האָט זיך דעם ײנגלס אויסזען אינגאַנצן געביטן: ער האָט איצטער אויסגעזען ווי אַ צעשראָקענער, פאַרשמירטער, געפאַנ־גענער טערק. דאָס קאַלטע ווײסע לאַמטערנדל פונעם רבין האָט אים באַקוקט און איז איצט צופרידן געבליבן.

— כשר און גוט!

געזעצט זיך לערנען. דער רבי האָט געזאָגט פון סידור און הײמי נאָך אים. איז דעם רביס קול געווען פאַרשלאָפן, פונקט ווי ער וואָלט פליגן פון מויל געטריבן און די פליגן, קלײנע, שוואַכע און זלידנע, קוים וואָס זײ פאָכען מיט זײערע שוואַכע פליגעלעך און זשומען די גאַנצע צײט אַזוי:

— זש־ש־ש־ש...

זײ האָבן געלערנט פון סידור, ווי אַזוי מען מאַכט אַ ברכה איבער אַ בליץ, אַ דונער, אַ טרונק וואַסער, אַ פרוכט און אַ קאַרטאָפליע. אינם סידור (וואָס דער רבי האָט מיט זיך געבראַכט צוטראָגן) זײנען די ברכות געווען אָנגעפּיקעוועט אײנע אויף דער אַנדערער. הײמי האָט שנעל באַמערקט, אַז אַלע ברכות הײבן זיך אָן מיט די זעלביקע ווערטער, ווי אין לידעלע, און ענדיקן זיך בלויז אַנדערש. זײ זינגען זיך אָט־אַזוי:

— בורעך אַטו...

הײמי האָט זיך געפּרואווט זינגען צוזאַמען מיטן רבין, פאַרגעסן זיך אַ ווײלע אָן דער גאַס, אָן דעם מאַטראַץ, אָן דעם „פאָן", וואָס מ'האָט פון אים אַוועקגערויבט. אָבער וויפיל ער האָט ניט געפּרואווט, איז עס ניט געגאַנגען: דעם רביס בײנערדיקע, קײלעכדיקע פלײצע (וואָס האָט זיך צום טאַקט פון די „באָרעך־אַטוס" אַזוי מאָדנע צוגעוויגט) האָט אַלע ווײלע אַוועקגעגנבעט זײן אויג. דאָ האָט ער גאָר חשק געקראָגן אויסזוכן דער מאַמען, ווי זי שטײט, אונטער אַ שנירל מיט געהאָנגענע וועש, די הענט אויף די באָקעס און הערט זיך צו. מער פון אַלץ און פון אַלעמען האָט אים געצויגן, געלאָקט צו זיך דער מאַטראַץ...

ס'איז מיט אים אַ מעשה אַ גאַנצע, ווי אַזוי מ'האָט אים געקראָגן, וואו מען האָט אים געקראָגן, ווי אַזוי ער איז אַרײנגעפאַלן צו חברה אין די הענט.

ס'האָט געוואוינט בײ זײ אויף בעטגײט עווּעניו אַ מאַן, וואָס מ'רופט אים עכיעל, אָדער מיסטער עכיעל, וועלכער האָט געפּעדלט מיט באַנאַנעס אויף אַ וועגעלע אין גאַס. דאָס העמד פון די הויזן איז בײ אים שטענדיק געווען אַרויסגעקראָכן, זײן קול אַ קרײעדיקס, און די פלײצע אָן

אויסגעבויגענע, אַ רונדיקע ווי אַ ראָד. יינגלעך פלעגן נאָך אים שטענדיק נאָכלויפן און נאָכמאַכן זיין הייזעריק־קרייענדיקן קול:

— טשיפ, באַנאַנעס, ווייבעלעך, טשיפ...

איז אַט דעם עכיעלן האָט מען היינט פון דער דירה אַרויסגעוואָרפן: מיטן טיש, מיט די שטולן, מיט אַ גרויסן קיילעכדיקן קנופּ בעטגעוואַנט, ווי אַ ווייסער פּוזיר. עכיעל איז שוין היינט מיטן וועגל באַנאַנעס ניט געפאָרן, און ניט געקרייעט, מיטן אַרונטערגעבויגענעם קאָפּ: „ווייבע־לעך, טשיפּ". ער איז געשטאַנען אַרום זיין בערגל אַרעמקייט, געשאָקלט מאָדנע מיט די ברעמען און זיינע רויטע אויגן זיינען געווען פייכט.

היימי מיט נאָך יינגלעך זיינען דאָרטן אויך געווען; כאָטש קיין נאָווינע איז עס ניט היינטיקע צייטן. מען זעט שוין אַזעלכע זאַכן גענוג... שפּעטער האָבן זיך אין גאַס, אַרום די אַרויסגעשטעלטע זאַכן אָנגעהויבן צו קלייבן מענטשן. איינער פון זיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ קעסטל, געהאַלטן אַ רעדע און געפּאַכעט הייס, צעקאָכט מיט די הענט. היימי איז טשיקאַווע געווען צו הערן, וואָס דער מאַן רעדט. האָט ער זיך נענטער צוגערוקט און צוגעלייגט אַן אויער. אים איז די רעדע געפעלן געוואָרן. ער האָט צוגעשטימט צו אַלץ, וואָס ער האָט דאָרטן געהערט:

— דזשי, דזשי! דער מאַן איז דאָך גערעכט! „יו בעט יור אַן סוויט לייף"...

טאַקע, פאַרוואָס וואַרפט מען עס אַזעלכע עכיעלס אַרויס, און ווי דערלאָזט מען עס, אַז מ'זאָל אים אַרויסוואַרפן? עס פעלן דאָך קיין דירות ניט אויף בעטגייט עוועניו, איז פאַרוואָס זאָל זיך אַ מענטש וואַלגערן אינמיטן גאַס? עכיעל האָט קיין געלט ניט געהאַט צו באַצאָלן? מאָרגן וועט אַ צווייטער ניט האָבן, און אַ דריטער, איז ווער איז שולדיק? טאַטעס ווילן דאָך אַרבעטן. אָט זיין אייגענער טאַטע, דער פּרעסער: ער גייט דאָך אַרום ווי אַ שאָטן און אומעטום נישטערט ער. „וואָר־יר־ק— וואָר־יר־ק!" בייך, מ'טאָר עס אַזוי ניט לאָזן; מען מוז זיך איינשטעלן: „נאָו וואָרק — נאָו רענט"...

היימי האָט זיך אַזוי צעוואַרעמט, און אַליין, פונעם אייגענעם קאָפּ, אויסגעטראַכט אַ פּלאַן, וואָס צו טאָן: נעמען און עכיעלס זאַכן צוריק אין שטוב אַריינטראָגן. „נעווער מיינד", וואָס מ'האָט אים אַרויסגעוואָרפן. אַזעלכע „טריקס" וועלן שוין מער ניט גיין. ער האָט זיין פּלאַן געוואָלט אויסשרייען צום מאַן אויפן קעסטל, וועלכער האָט גערעדט. פּלוצלינג האָט ער דערזען, ווי די מענטשן אין גאַס האָבן אַ שווים געטאָן צו עכיעלס קופּע, געכאַפּט די פּעק, שטולן און קנופּן, אָנגעהויבן זיי צו

טאַסקען צוריק; פּונקט אַזוי־אַ, ווי ער, הײמי, האָט עס אָט מיט אַ מינוט פריער פאַרטראַכט...

פאַרשטייט זיך, אַז ער אַליין איז אויך פון אַלעמען ניט אָפּגעשטאַנען. נאָך ייִנגלעך זיינען צוגעשטאַנען צו אים: מייק און הערי, סעמי און סידני. פאַרוואָס טאַקע זאָלן זיי ניט צולייגן קיין האַנט? זייערע טאַטעס זיינען עפּעס מיליאָנערן? אַז מ׳וועט אָנהייבן „קיקן" פון די שטיבער, וועלן זיי דאָך זיין אויפן ערשטן פייער. עכיעל איז ניט קיין איינציקער...

דער סוף פון דער גאַנצער מעשה איז, אמת, געווען ניט קיין פריילעכער: מיטאַמאָל זיינען אָנגעלאָפן „קאָפּס", רויטע, צעקאָכטע, צעיושעטע. זיי האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די „קלאָבס" און צעטרייבן די מענטשן. וואָס האָבן די „קאָפּס" צו עכיעלן און וואָס האָט ער זיי געטאָן? די מענטשן האָבן געמוזט איבערלאָזן די זאַכן און אָפּטרעטן. הײמי — מיט זיי אויך.

ער איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, פאַרשטעקט צווישן אַ סך אַנדערע און געשריען, מיט אַלעמען, מיט אַ גוואַלט, אַזש די קישקעס אינעווייניק האָבן זיך געקאָרטשעט:

— נאָו וואָירק,נאָו רענט! נאָו וואָירק, נאָו רענט!

— קאָזאַקס, שעים, ש־עי־ם!

קינדער, צוזאַמען מיט אַ לערער, זיינען אויך דאָרטן געשטאַנען... זיי האָבן „געטשירט" און געזונגען. הײמי האָט זיך צו זיי צוגערוקט נעענטער, באַטראַכט די טאָוולען מיט אויפשריפטן, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט צוטראָגן. מיט איינעם אַ חברה־מאַן האָט הײמי אַפילו פאַרפירט אַ שטיקעלע שמועס:

— ווער זיינען עס די „קידס"?

— פון אַ שול. פון דער ייִדישער אַרבעטער־שול.

— און דער רבי איז אויך דאָ?

— דער לערער? אָט דאָ שטייט ער.

— וואָס לערנט מען דאָרט ביי איך? סידור און דאַוונען?

— ניין, חבר, מיר לערנען זיך ייִדיש לייענען און שרייבן און „פייטן" פאַר די אַרבעטער. און וואו לערנסטו?

— ביי אַ רבין.

— סידור?

— סידור.

— און דאַוונען?

האָט הײמי באַמערקט אַ באַהאַלטענעם שמייכעלע אויף די ליפּן

פונעם אומבאַקאַנטן; האָט ער זיך גלייך פון אים אָפּגעקערט. פון אים לאַכט מען ניט. און אַז אַ רבי איז וואָס? ער האָט אים אַליין אויסגעקליבן?

שפּעטער איז זיך דער עולם צעגאַנגען און אויפן טראָטואַר איז שוין גאָרנישט געבליבן. עכיעל האָט די זאַכן אַריינגעפּאַקט צו זיך אין וועגעלע און זיי ערגעץ־וואו אַוועקגעפירט. די פּלייצע איז ביי אים, ווי שטענדיק, געווען אַ קיילעכדיקע, ווי אַ ראָד. דאָס העמד פון די הויזן — אַרויסגעקראָכן. דעם קרייענדיקן באַנאַנע־ניגון האָט ער אויך ניט געזונגען.

איבערגעלאָזן אויף בעטגייט עווענין האָט ער בלויז דעם אַלטן צעפּליקטן מאַטראַץ, וועלכן די ייִנגלעך האָבן שפּעטער אַוועקגעטאַסקעט צו מאַכן אַ פּייער.

איצט מוז שוין דער מאַטראַץ אַוודאי ברענען. עכיעל איז פאַרלאָרן געגאַנגען, געוואָרן אויס שכן. די פענצטער פון זיין פוסטער דירה קוקן אויס, ווי דעם רביס אויגן, נאָר ביי היימין אין זכרון שטייט נאָך די גאַנצע פּאַסירונג, ווי אַן אויסגעטאָקטע פון ביין. זאַכן, וועלכע זיינען אים קיינמאָל אין קאָפּ ניט געקראָכן, האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט; אויסגעבויגן זיך אין אַ סך, אַ סך פראַגע־צייכנס און לאָזן אים ניט רוען.

— פאַרוואָס האָט מען עכיעלן פון שטוב אַרויסגעוואָרפן? פאַרוואָס האָבן זיך די „קאָפּס" געשלאָגן? וואָס האָבן זיי צו עכיעלן? און ווער זיינען עס געווען די. וועלכע האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט?

ווי אַן ענטפער אויף זיינע פראַגעס, איז געקומען דעם רביס פאַרשלאָפענער, מיט פליגן זשומענדיקער קול, די ווערטער — פון געלן סידור אַרויס:

— בורעך אַטאַ — — בוירע פּרי האַגאָפען...

קיינמאָל האָט היימי מיטן רבין ניט גערעדט. אָפּגעשאַלעמייזעט זיך און פאַרטיק. היינט האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן. זיין שפּיץ צונג איז ווי מיט פעפערדיקס געווען באַשאָטן, איבערגעהאַקט אינמיטן און אַ פרעג געגעבן:

— רבי, ווי מאַכט מען אַ ברכה, אַז מ'שטעלט אימיצן אַרויס אין גאַס?

— וואָר־עס?

— ביי אונדז אין גאַס האָט מען עכיעל, דעם פּושקאַרט־פּעדלער, אַרויסגעוואָרפן פון שטוב, ווייל ער האָט ניט געקענט צאָלן קיין „רענט". וואָס דאַרף ער איצט זאָגן פון סידער?

— ניטאָ אין סידור אַזאַ ברכה.

— פאַרוואָס ניטאָ? אויף אַלץ איז פאַראַן. אָט קוק: „אַ האָל לאַט".

די מאַמע איז געשטאַנען פון דער זייט, די הענט פאַרלייגט אויף די באַקעס. זי האָט זיך צוגעהערט און געשמייכלט: קענטיק, הנאה געהאַט, וואָס דער זון אירער רעדט מיטן רבין, „טוירע"...

— פאַרשטייסט, באַיטשיקל, דאָס איז אַ גאָטס־זאַך: איינעם גיט ער און איינעם ניט. ניטאָ פאַר דעם, וואָס צו בענטשן, און וואָס צו שעלטן.

אָפּגעזאָגט און ווייטער צעוויגט זיין ביינערדיקע פלייצע, צעזונגען זיך אויף אַ פאַרשלאָפענעם פליגן־זשומענדיקן קול:

— ברוך אתה...

אָבער היימין איז עס נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען: עכיעלן האָט, הייסט עס, גאָט איין גאַס אַרויסגעוואָרפן? און די „קאַפּס" האָבן זיך פאַר גאָט געשלאָגן? און די, וועלכע האָבן זיך פאַר עכיעלן איינגעשטעלט, און זיינען אַנטקעגן גאָט געגאַנגען, זיינען דאָך אָבער געווען גערעכט...

ער וואָלט איצט גאָר וועלן טרעפן דעם לערער פון יענע קינדער. וועלכע זיינען געקומען מיט טאָוולען, און „געטשירט" און געזונגען; וועלכע האָבן אים געענטפערט אויף דער פראַגע: וואָס זיי לערנען? — אָט וואָס:

— מיר לערנען זיך „פּייטן" פאַר די אַרבעטער; פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס...

אַז דאָס לערנען האָט זיך געענדיקט, האָט זיך דער רבי אויס־געפּירכעט, און צו דער מאַמען, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען, די הענט פאַרלייגט אויף די באַקעס, געזאָגט:

— כממם. אַ גאַנץ געראָטענער „באַיטשיקל" איז אייערס; אַ גוט קעפּל. נאָר ס'מוח'ל איז ביי אים אַ ביסל פאַרדרייט. ער האָט ערגעץ־וואו אַ קנייטשל דאָרט.

אַ בלינדזשע געטאָן מיט דער ווייסער פאַרשלאָפענער לאַמטערנדעלע, ווי ער וואָלט דער צעשראָקענער מאַמען אַן אַנצוהערעניש געגעבן:

— גיט אויף אים אַכטונג, אויף אייער חכמל; איצטער איז נאָך צייט; נאָכדעם וועט זיין צו שפּעט...

אַז דער רבי האָט פאַרמאַכט די געלע בלעטלעך פונעם סידור און זיך אויפגעשטעלט, האָט די מאַמע אַרויסגענומען אַ צעקנייטשטן דאָלאַר פון אירער אַ באַהעלטעניש און מיט שעמעוודיקע פינגער עס אים דערלאַנגט:

— רבי, נאָט.

— רבי, עס איז צרהדיק דאָ אין שטוב; מיין מאַן אַרבעט ניט; קיין דירה־געלט שוין לאַנג ניט געצאָלט. פון אומעטום רייסט מען פאַסן פליש. מיין מאַן איז אַ פּרעסער; האָבן די הענט ביי אים אָנגעהויבן ציטערן. וויל אים דער „באָס" ניט האַלטן. יונגע וויל ער, אַלטע טויגן ניט פאַר אים. אָבער גאָט וועט מסתמא ניט פאַרלאָזן. און צו אייך איז עס ניט שייך: פאַר תורה לערנען וועל איך דעם לעצטן ביסן אָפּגעבן, דאָס העמד פון לייב...

די מאַמע האָט איר געוויינטלעכע מינע געמאַכט; געוויינט לאַכנדיק. דער רבי האָט אַ טשמיכע געגעבן, דעם פאַרשעמטן דאָלאַר פאַרקוועטשט אין דלאָניע פון דער האַריקער האַנט. מיטן סידור אונטער דער פאַכווע, מיט אַ זאָנטיק אין האַנט איז ער אַרויס פון שטוב.

הימי האָט זיך צוגערוקט צו דער מאַמען, געצופּט זי און מיט טרערן אין איינגעשפּאַרטקייט געמאָנט:

— מאַ־מע, כ'וויל ניט קיין רבין, איך וויל בעסער גיין אין דער אַרבעטער־שול, אויך לערנען יידיש, לייענען און שרייבן און ווי צו „פייטן" פאַר די אַרבעטער און אָרעמע מענטשן.

גוטהאַרציקע

איך האָב דעמאָלט געלייענט טאָלסטאָיען, אָנגעגאָסן זיך, ווי אַ לאָגל, מיט פרומקייט און גוטהאַרציקייט, און געזוכט נאָר אַ געלעגנהייט אויסצובייטן די טעאָריעס אויף מעשים פוןווירקלעכן לעבן.

אויפן האַרצן איז געווען בוימלדיק. אומגעזעענע קאַנאַריקלעך האָבן אין די אויערן געפּישטשעט. אַך, ווי גוט, אַך ווי פויגלדיק! איך ליב אייך אַלעמען, מענטשעלעך, קיעלעך, חזירימלעך. איך ליב אייך דאָ. מיט דער הילף פון מיין ליבע וועל איך זיך אויף אַ בעסערער וועלט אַריבער־פּעקלען. זעט איר, פון אייך פאַרלאַנג איך גאָרנישט, אינגאַנצן גאָרנישט. קיינער איז מיר קיין זאַך ניט שולדיק...

ווילט איר מיר אַריינפּאַסקען אין די באַקן? פּאַטשט, פּאַטשט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. די הענט טוען וויי? אַ רחמנות. רוט אָפּ אַ ווייליטשקע. אויסגעפּראַסקעט די רעכטע באַק? נאַט אייך, זייט אַזוי גוט, די לינקע. ווילט איר שנעלן אין נאָז? צופּן פאַרן אויער? פאָרקען זיך מיטן פינגער אין אויג? אַדרבה, פּאַטשט, צופּט, פאָרקעט, איר וועט זיך סוף־כל־סוף פאַרשעמען, ס׳וועט אייך נאָכדעם אַליין פאַרדריסן...

קיין איידעלינקער פּריצל בין איך דעמאָלט דווקא ניט געווען. געלעבט אין ניו יאָרק, געקרענקט, געליטן. פאַרטאָג האָב איך געזוכט אַרבעט, פאַרנאַכט זיך, ווי אַ מידע קליאַטשע, אַהיים געשלעפּט. אַלע ווילע געדאַרפט נייע פלעצער זוכן. נאָר די ביכעלעך, די איידעלינקע האָב איך פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן...

כ׳געדענק, כ׳פלעג קומען צוגיין אַהיים, אויסציען זיך אויפן בעט, אָנצינדן אַ טונקל גאַז־רער. אין די אויערן פלעגט נאָכאַנאַנד עמיצער טורקען: „הער, בחור, ס׳איז דיר ביטער — וויין. דו ביסט איינזאַם — האַס. ביסט אָפּגעשוואַכט — ראַנגל זיך, שטויס צוריק, אַז ניט, וועט מען דיך אינגאַנצן אין כף הקלע אַראָפּשטופּן. איך אָבער, ווי אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך צו צום שטעקל מיטן אָנגעקלעפּטן זיסן צוקער, פלעג זיך צוכאַפּן צו מיינע איידעלינקע ביכלעך און געדאַנקלעך, קוויקן זיך מיט זיי, פּאַסמאַקעווען זיך מיטן געשמאַקסטן פאַרגעניגן.

איינמאָל האָט מיט מיר עפּעס געטראָפן: כ׳בין געפאָרן אויף דעם טראַמוויי אַהיים און האָב אונטער מיינע פיס געפונען אַ בייטעלע מיט געלט.

געקומען אַהיים, אָנגעצונדן דעם טונקעלן גאַז־רער, איבערגעציילט די פּאַפּירלעך: אַרום און אַרום אַן ערך צוואַנציק דאָלאַר. ניט קיין גוואַלדיקע סומע, נאָר פאַר מיר, אין די דעמאָלטיקע אומשטענדן, איז דאָס געווען אַ היפּשער אוצר.

אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד זיין פאַרזאָרגט מיט אַ מאָלצייט און מיט גרייטן דירה־געלט, ניט דאַרפן אויפשטיין פאַרטאָג, אַרומשלעפּן זיך און בעטלען אַרבעט, ליגן אויסגעצויגן אין בעט און מיט אַ רואיקן געמיט לייענען די וואוילע ביכלעך, שנירלען חנעוודיקע געדאַנקען. ניט קיין קלייניקייט.

דאָך האָט דער יצר־הרע אויף מיר דעמאָלט קיין ברעקל שליטה ניט געהאַט. וואָס הייסט? אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך! מ׳דאַרף געפינען דעם באַלעבאָס, אומקערן אים זיין פאַרלוסט. ווי־זשע אַנדערש?

ביי מיר אין קאָפּ איז דעמאָלט שטייף געזעסן דער כלל, אַז גוטס ברענגט גוטס און שלעכטס — שלעכטס. אַ גוטינקער האָב איך געוואָלט זיין, אַ „וואוילטעטער״ פאַר אַלע פאַרבלאָנדזשעטע נשמהלעך: „זעסט, ברודערל, גוטינקע זיינען מיר, ערלעכינקע, מלאכים־געדאַנקעלעך שווימען אַרום ביי אונדז אין קאָפּ. נאַ! אָט האָסטו דיר דיין פאַרלוסט. אַביישפּיל האָב איך דיר געגעבן. לערן זיך זיין איידל, פרום און גוטהאַרציק. לאָמיר אַלע צוזאַמען ווייכע און אידעלינקע זיין...

נאָר ווי געפינט מען אויס דעם פאַרלירער? איך האָב זיך קיין עצה ניט געקענט געבן: אין בייטעלע, אַ חוץ די עטלעכע צונויפגעקאָמקעטע פּאַפּירלעך, איז קיין זאַך ניט געווען.

בײַם שיין פון טונקעלן גאַז־רער האָב איך עטלעכע מאָל אויסגעקערט דאָס בייטעלע הין און צוריק, געזוכט, געשמעקט נאָך עפּעס אַ סימן. מיין ביטערע האַרעוואַניע האָט זיך מיט „דערפאָלג״ געקרוינט

ביים זייט בייטעלע, קוים באַמערקבאַר, איז מיט בלויען טינט, מיט דראָבנינקע אותיותלעך, דער נאָמען און אַדרעס פונעם אייגנטימער געווען אָנגעשריבן.

איך האָב קוים פאַנאַנדערגעשיפרירט די צעפלעקטע אותיות מיט מאַטערניש, אַ וואָרט צו אַ וואָרט צוגעקלעפּט. מיין שמחה האָט זיך מיט דער פרייד פון דעם ערשטן יעראָגליפן־לעזער אפשר געקענט צוגלייכן.

נאָכדעם האָב איך אַ בריוועלע אָוועקגעשיקט:

„ליבער, אומבאַקאַנטער מיטמענטש מיינער!

„אין דעם און דעם טאָג האָסטו אַ בייטעלע פאַרלאָרן. אין דיין צער אויפן פאַרלוסט האָסטו אפשר אַ זינד באַגאַנגען: האָסט חושד געווען אַן אומשולדיקן ברודער אין גנבה, אָדער דו האָסט אים פאַרהאַסט פאַר זיין געלט־גייציקייט און תאוה. זיי וויסן, אַז דאָס געלט האָט אַן אייגענער מענטש געפונען. ער וועט צופרידן זיין עס אומקערן יעדע צייט, ווען דו וועסט זיך צו אים ווענדן..."

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך אויף מיין גאַסט געוואַרט, ביז וואַנען ער איז ענדלעך אַראָפּגעקומען.

פאַרנאַכטלעך אַזוי. מיין גאַז־רערל האָט שוין געברענט און אַרויס־געקנאַקט דורכן געלן קרוין מיט גאָלדענע פונקען. איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל, וואָס האָט זיך אין ענגן צימערל געקענט אַריינשטעלן. די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ אַזוי שטיף, אַזוי פריינטלעך, ווי אוטנטערהאַלטנדיק אַ טייערע וואָזע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געראָיכערט אַזעלכע אידעלע לופטיקע געדאַנקלעך. כ'האָב אַביסל געבלענדט די אויגן, אַריינקוקנדיק אין אַ ביכל, אַ ביסל געחלומט אויפן וואָר.

מיט אַמאָל אַ קלאַפּ אין טיר. אין אַ סעקונדע בין איך געווען אויף די פיס אַריינלאָזן מיין לאַנג־געגאַרטן חשובן גאַסט.

— „קאָם אין", „קאָם אין", איך בין גוואַלדיק צופרידן.

אין צימער צו מיר איז אַ פרוי אַריינגעקומען.

שעמעוודיק בין איך דעמאָלט געווען. פון יעדער קלייניקייט אָפּ־געגאָסן זיך מיט בלוטיקן צונטער ביז איבער די אויערן. כ'וויס ניט, שולדיק איז אפשר געווען די רויע יוגנט אָדער די צוקערדיקע געדאַנק־לעך, מיט וועלכע איך האָב זיך איבערגעזעטיקט. דעם גאַסטס אַריינקומען האָט מיך אינגאַנצן צעטומלט. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם נעבן טיר.

— זעצט זיך, זעצט זיך, איך בעט אייך זייער.

קיין שטול איז אין צימער ניט געווען. דער איינציקער זיץ־פּלאַץ איז געווען דאָס צעשויבערטע בעטל. איך האָב באַמערקט, ווי די פרוי האָט מיט ביטערער צעטומלטקייט אומגעקוקט זיך איבער אַלע ווינקלעך פון מיין וואוינונג, האָט אַ ווײלע געקווינקלט, ביז זי האָט ענדלעך באַשלאָסן און צוגעזעצט זיך, מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע אויף געשלאָ־סענע ליפּן, אויף אַ שפּיץ־בעט.

איך האָב אַראָפּגעגנבעט אַן איינציקע סעקונדע, אויפגעהויבן די אויגן און אָפּגעמאָסטן מיין נייעם „מיטמענטשן".

אַ פרוי אין די דרייסיקער, מיט אַ געזונטן פּנים, אַ טרוקענע רויט־קייט אויף די שפּיץ־באַקן. אַזאַ פּנים, פון וועלכן ס'איז שווער צו לייענען די עלטער, און וועלכער, כאָטש ניט מיאוס, פאַרמאָגט אין זיך אַ סך שטריכן פון מענטשלעכקייט. אַ פּאָר גוטמוטיקע קאַלטע אויגן. דער בליק איז פריי און אָפן, דאַכט זיך, שוין אַביסל צו־פרעך. דאָך קען מען אויף די אויגן ניט זאָגן, אויב זיי שמייכלען פון גוטהאַרציקייט, צי זיי טרייבן קאַטאָוועס, אָדער זיי בלישטשען גלאַט אַזוי, ווי אַ גע־פאַרבט שטיק גלאָז. איר קליידונג איז אויך געווען אומבאַשטימט, ניט גאָר געשמאַקלאָז און ניט איגנאַנצן ווייבעריש. אַ פאַרקויפערין אין אַ געשעפט, אַ קאַסירערין אין אַ רעסטאָראַן, אָדער גלאַט אַזוי אַ פרוי אָן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע...

קיין פרויען־קענער בין איך קיינמאָל ניט געווען. אַזעלכע פרויען האָב איך איגנאַנצן ניט באַגעגנט. אין מיין פאַרלעגנהייט האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. גלאַט אַזוי אַרויסנעמען און אָפּגעבן דעם טייסטערל האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין נאַריש און ניט גענוג איידל.

— נו, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, יונגערמאַן? — איז די פרוי מיר צוהילף געקומען.

— אָט אַזוי. כ'האָב צופעליק אייער געלט געפונען. מען דאַרף עס אָפּגעבן.

— זייער, זייער פיין פון אייער זייט. מ'זעט אָבער גלייך אַן איידעלן, ערלעכן מענטשן.

דער טאָן, צוזאַמען מיטן בליק, וואָס זי האָט מיר גלייכצייטיק צוגע־וואָרפן און נאָכדעם אין אַלע ווינקלעך פון מיין אָרעמער באַלעבאַטישקייט צעשפּרייט, איז געווען מאָדנע! לאַכט זי פון מיר? חוזקט זי? וויל זי מיך אונטערקויפן מיט פאַלשער חניפה, ווייל זי האָט מורא, איך זאָל אין דער לעצטער מינוט קיין חרטה ניט קריגן? אָדער רעדט זי און הנדלט זיך גלאַט אַזוי, ווי אַן אָנגעדרייטער אויטאָמאַט?

— ס'קומט מיר דערפאַר קיין דאַנק ניט. ס'איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז אַזוי דאַרף האַנדלען יעדער אָנשטענדיקער מענטש. וואָלט איר אין אַזאַ פאַל אַנדערש געהאַנדלט?

— אָ, זיכער, זיכער, — האָט מיין גאַסט באַשטעטיקט מיט אַ געמאַכט־ערנסטן איילנדיקן קול.

די פאַלשקייט, די קוים־פאַרשטעלטע חוצפה, וואָס איך, דער ניט־ווייט זעענדיקער שוואַכער פרויען־קענער, האָב גאַנץ לייכט געקענט דערפילן, האָט מיך גענומען ביסלעכוויס אַרויסטרייבן פון געדולד.

— זייט איר אַזוי זיכער, מאַדאַם?

— וואָס הייסט?

זי האָט זיך אינגאַנצן צעצאַפּלט און גענומען אַרומפּאַכן מיט אירע גראָבע מענערשע הענט. די גערקינצלטקייט, איר פאַלשער לייכטזין האָט מיך נאָך מערער צעערגערט, גערייצט, ווי מיט אַ טעמפּער זעג.

ס'איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז די פרוי איז נאַריש, טעמפּ ווי אַ שטיק האָלץ. דאָך האָט יעדע מינע, יעדער וואונק פון אירע אויגן אויסגעזאָגט, אַז זי כיטרעוועט, אַז זי האָט דערשמעקט פאַר זיך אַ ניט־איבערגעשפּיצטן נעבאַכדיקן לעמעלע, און זי וויל אים וואָס גיכער אַרומדרייען אַרום אירע פינגער, אָפּפּטרן זיך, מאַכן אַ סוף.

אין מיין אומגעדולד האָב איך געפּרואווט אַרומשפּרייזן הין און צוריק איבער מיין ענגן צימער, אַ זאַך, וואָס איז געווען ניט לייכט צו טאָן. מיין גאַסט האָט אויך, הפּנים, דעם געדולד גענומען פאַרלירן. זי האָט אומצופרידן, פון אַ זייט אַזוי, אַ קוק געטאָן אויף די צעקנייטשטע בעט־צייג, אויף וועלכע זי איז געזעסן. די גוטמוטיקייט איז אַוועק פון איר פּנים. דאָס האַרטע פליישׂ פון פּנים האָט זיך אַרונטערגערוקט, אַראָפּגעלאָזן זיך, ווי ביי אַ פאַרכמורעטן פערד.

— יונגערמאַן, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן? — איר גיט שוין, אָדער איר גיט ניט אָפּ מיין געלט?

— האָט געדולד. גיט אָן סימנים. כ'בין נאָך ניט אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס געלט איז אייערס.

געפילט האָב איך בשעת מעשה, אַז איך רעד ניט דאָס, וואָס כ'באַדאַרף, אַז אַ מענטש מיט מיינע „פּרינציפּן", מיט מיין געדאַנקן־וועלט דאַרף רעדן אַנדערש, באַנעמען זיך אינגאַנצן אַנדערש מיט זיין „מיט־מענטשן". אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט העלפן: אַ טריפהנע שׂנאה צום דעם פּנים האָט מיך אינגאַנצן באַצוואונגען. איך האָב געזען, ווי אין אַ היץ.

— מאַכט זיך ניט נאַריש. אויף וואָס דאַרפט איר סימנים? איר האָט דאָך געזען מיין נאָמען אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס.

— אָבער... — האָב איך אַ ביסל געפאַלן ביי זיך, גענומען שטאַמלען.

— וואָס פאַר אַן אָבער? די זאַך איז קלאָר.

איך האָב גערעדט נאָך שטילער און געפאַלענער:

— הערט זיך איין. איר זייט דאָך אַ מענטש מיט האַרץ, מיט געפילן. איר זעט דאָך מיינע אומשטענדן. ניט קיין גלענצנדיקע? האַ? איך האָב זיך ניט געקענט העלפן. די צייט איז געווען זייער אַ שלעכטע. מיט איין וואָרט, כ'האָב אַביסל פון אייער געלט פאַרטאָן...

— וואָס? — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון בעט און אָנגעשטעלט אויף מיר ניט גאָר קיין גוטמוטיקע אויגן.

— וואָס איר הערט. אויסגעגעבן, פאַרטאָן. באַצאָלט פאַר אַ פּאָר מאָלצייטן. דער באַלעבאָסטע פאַר דירה־געלט. דאָס איבעריקע וועט איר באַלד קריגן.

— ווי האָט איר געוואָגט?

זי האָט געשיפּעט גאַנץ גיפטיק.

— נאָר באַדענקט זיך: דער חוב פון מענטש צו מענטשן, ליבע, יושר, רחמנות! — האָב איך זיך מיט געפּאַלנקייט געבעטן.

— ווי האָט איר געוואָגט? יענעמס געלט, פרעמדס! כ׳וועל אייך לאָזן אַרעסטירן. אין פּריזאָן וועט איר ביי מיר פוילן.

— האָט גאָט אין האַרצן. פאַרגיט. זייט מוחל. כ׳האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט.

איר פּנים איז געוואָרן מיאוס. אַזוי מיאוס, ווי נאָר אַ טעמפּע מיטל־יעריקע פרוי קען ווערן אין איר אויפגערעגטקייט און צאָרן. אַן עקלדיקע בלויקייט האָט זיך צעגאָסן איבער די ברעגן פון אירע שטייף־צונויפ־געשנורעוועטע ליפּן. איך האָב זיך געקילט מיט גאַל.

— וויפיל? — האָט זי מיטאַמאָל מיט אַ קוויטשיק־שניידנדיקן קול אַרויסגעשריען.

— וואָס מיינט איר?

— וויפיל געלט האָט איר צוגעגנבעט... פאַרטאָן?

ליבע שוועסטערל. פאַר וועמען נעמט איר מיך אָן? כ׳בין אַן ערן־מאַן, אַ מענטשן־ליבער, אַן ערלעכער ביז גאָר. דאָס געלט אייערס האָב איך ניט גלאַט צוגענומען, נאָר פאַרטיילט: אַ העלפט פאַר מיר, אַ מענטשן אין גאָר שלעכטע אומשטענדן, אַ העלפט פאַר אייך. אייער חלק קריגט איר גלייך צוריק. זייט איר שוין צופרידן? זאָגט? יאָ?...

איר האַרט־רויטלעכע הויט האָט זיך נאָך מער אַרונטערגעלאָזן פון כעס און גיפט. די גאַנצע ווילד־געוואָרענע גייציקייט, וואָס האָט זיך אין מענטשלעכן מין פון דורות לאַנגע אָנגעקליבן, האָט, דאַכט זיך, איצט פון אירע אויגן געשפּריצט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון פּלאַץ און מיט אַ צערייצטן קול עפּעס אַזוי ווי אַרויסגעוואָיעט:

— נו, גיט שוין אַהער!

לאַנגזאַם, ניט אײַלנדיק, בין איך צוגעגאַנגען צו אַ פּלאַץ, אַרויס־געצויגן מיט צוויי פינגער דעם טייסטערל, ווי מען שלעפּט אַרויס אַ העסלעכן עקלשפּין. כ׳האָב עס צוגעטראָגן צו מיין גאַסט, ביי וועמען די

פינגער האָבן זיך מיאוס, ווערמדיק געצאַפּלט. זי האָט ביי מיר דאָס טייסטערל אַרויסגעריסן פון די הענט...

כ'בין געזעסן אַ פאַרשטיינערטער און געקוקט, ווי דאָס ווייבל האָט געציילט דאָס געלט, געקנאַקט מיט די פּאַפּירלעך איינס נאָכן אַנדערן איבער די פינגער. די פּאַפּירלעך זיינען געווען נייאינקע, כרושטשענדיקע. ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די ווייסע פרויען־פינגער שפּילן זיך איצט מיט פייכטע נאַר־וואָס אויסגעשיילטע ביינדלעך. פון ווייטאָק האָב איך פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ ווײַלע.

— הייסט דאָס, איר האָט פון מיר געשפּאַסט?

דאָס קולכל אַזאַ צופרידענער, פריזנדיקער. דער גלאַנץ פון די אויגן אַ פעט־חזרדיקער. צוריק די אַלטע אַרויפגעצויגענע גוטמוטיקייט. איך האָב געשוויגן, ניט געענטפערט קיין וואָרט.

— איך בין זייער צופרידן...

מיין גאַסט איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. אַ ווײַלע האָט זי זיך פאַרהאַלטן אין אומאַנטשלאָסנקייט, געגריבלט מיט די פינגער אין די פּאַפּירלעך, געקעמפט אוודאי מיט אַ גוטהאַרציקן אויסברוך, דערלאַנגען עפּעס אַ מתנה. נאָכדעם האָט זי זיך שטייפער פאַרשטשעמעט דאָס טייסטערל און האָט פאַרהאַקט די טיר, איז אַרויס...

כ'בין אַ היפּשע ווײַלע געבליבן זיצן אַ צעטומלטער. נאָכדעם האָב איך זיך אויפגעהויבן, אויפגעפּראַלט אַ פענצטער, דאָס איינציקע פענצטערל, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ שטוביקן קאָרידאָר. ס'האָט מיך געשטיקט. איך האָב געזוכט לופט...

די באָבע און דער טעלער

אַ גאַנצן טאָג איז די טיר פון הויז פאַרשלאָסן: די באַלעבאַטים זיינען פאַרנומען אונטן אין זייער אייגענעם שפייז־געוועלב. די קינדער גייען אַוועק אין „סקול".

נודיען זיך אַהינטערן שלאָס די קיך, די שלאָף־צימערן, דער גאַסט־צימער. אין גאַסט־צימער דרעמלען אַ רויט־פּלושיקער „דעווענ־פּאָרט", די פאַרשטומטע מחותנתטע, אַ „בייבי־גרענד", אַ יחסנדיקער „קאַרלסאַן" ראַדיאָ־אַלמער, זיין געדראָטעוועטער טעלער, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט, פונדערוויט, אויפן פּיאַנאָ; און אויף דער וואַנט אַנט־קעגן, אין אַ שווערן געגילטן ראַם, הענגט און זשמורעט זיך, פאַר־חידושט קוקנדיק אויף זיי אַלעמען, אַ פאַרטרעט פון אַן אַלטמאָדישער תמימותדיקער יידינע, דעם באַלעבאָס' מאַמע.

שווייגן אַלע נאַריש־אומזיניק; און אומזיניק פאַלן אויף זיי שטויב־ווערימלעך, וואָס ווען, דאַכט זיך, אַט אַזוי פאַלן־פאַלן ביז ס'וועט אַלץ אין הויז פאַרגרויען און פאַרשטויבן.

נאָר ביינאַכט ווערט דאָס הויז לעבעדיק; ס'קומען אַרויף די באַלע־באַטים פון געוועלב און די קינדער פון „סקול". אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, געגעצט מען אויס די פויל־טאָגיקע מידקייט און מ'גייט אין גאַסט־צימער פאַרברענגען. אַ טעכטערל צימבלט אויף דער „בייבי־גרענד" און אַ זון פאַרעט זיך אַרום דעם יחסנדיקן „קאַרלסאַן"...

זיצן טאַטע־מאַמע רחבותדיק אַנגעלייגט אויפן ווייך־פּלושיקן „דעווענפּאָרט", הערן זיי זיך צו, ווי דער טעלער אינדערהייך, אויפן פּיאַנאָ־געשטעל, כריאַקעט אַרויס טומל, גוואַלדן און געשרייען; פידלען און פּויקן, צימבלען און טראָמבאָנען, קוויטשען פון דזשעז, אַנזאָגן פון בייז־באַל שפּילן און געווינסן. די קינדער ווערן אָפּטמאָל אַזוי אַנט־ציקט, אַז ס'הייבט זיי פון אָרט, און זיי דרייען זיך אַוועק, טאַנצנדיק צום טאַקט פון ראַדיאָ־מוזיק איבערן גאַנצן צימער:

"Oh, yes she is my baby" . . .

עלטערע מענטשן קענען זיך באַהערשן; נאָר די צופרידנקייט שטעקט אַרויס פון דעם פאַרשעמטן שמייכל, פון די בנעימותדיקע געשפּרעכן:

— אַ טייערע זאַך, אַ קאַרלסאַן...

— אַ, ווי גוט!

— ניט גערעכט זיך אויף דעם גאַסט, דעם קאַרלסאַן. אַליין געקומען...

— און אַזוי פּלוצלונג...

— אַז מ'איז געהאָלפן געוואָרן: געקענט אים קויפן פאַר „קעש", פאַר 'האַרטע מזומנים.

— אַזאַ יחסן! דער אמתדיקער...

— ווי קומען מיר צו אים? מישטיינס געזאָגט: ווייס־פאַרטעכדיקע „גראָסעריליים"...

— און פון וואַנען קומען מיר? אונדזער אַמאָליקער יחוס...

די עלטערע פאַרטיפן זיך אין זכרונות, און דער טעלער כריאַקעט דערווייל אַרויס אַ נייעם טומל, פאַרכליאַבעט זיך מיט ווערטער און שלינגט זיי איין אין אייגענער התפעלות. די אַלטמאָדישע יידענע, אין ראַם, זשמורעט זיך פאַרחידושט און פאַרשעמט: זי קען זיך ניט אָפּוואונדערן:

— ווער איז דער לץ, וואָס פּילדערט?

— אַ הפקר־יונג! ס'אַראַ קולות...

און ביינאַכט, ווען ס'ליכט אין פראָנט־צימער ווערט אויסגעלאָשן און ס'גאַנצע הויז לייגט זיך אָוועק אין די בעטן שלאָפן, דעמאָלט קען זיך שוין די באָבע ניט איינהאַלטן; ס'פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך צווישן דער אַלטמאָדישער יידענע אין ראַם און קאַרלסאָנס גרויען טעלער, וואָס שטייט אַ געדראַטעוועטער פונקט אנטקעגן איר, אויפן אָנלען פון פּיאַנאָ...

די אַלטע, תמימותדיק:

— ווער ביסטו, פּעטערל?...

— איך? אַ קאַרלסאַן! זיך לעצטע דערפינדונג. אַ פּאַטענט־שטעמפּעלע איינגעקוועטשט ביי מיר אין אויער.

— קיינמאָל פון דיר ניט געהערט... נאָר, זאָג מיר, קרובל: וואָס טוסטו דאָ? ווי קומסטו אַהער צו מיין ניאַמקען?...

דער טעלער, העזהדיק־גוטמוטיק, מיט געלאַסענער גדלות:

— ביי מיסטער בענדזשאַמינען, מיינסטו? ביי מיין באַלעבאָס? ער האָט דאָך מיך געקויפט צו אַמוזירן אים, מיט אים פֿאַרברענגען. פֿינף הונדערט קנאַקעדיקע דאָלאַרן, איינס אין איינס, האָט ער פֿאַר מיר באַצאָלט. זאָג מיר, באַבעניו: דוכט זיך מיר עס בלויז? ביסט אויף מיר עפּעס ווי אָנגעשטויסן?...

— וואָס אמת, איז אמת, פּעטערקע. נעם נאָר ניט פֿאַר אומגוט; אַ חוצפּהניק ביסטו, אַ שרייער! ווי אַ שיכורער גוי, רק געהאַליאַקעט, און געהאַליאַקעט. קיין יידישן וואָרט פֿון דיר קיינמאָל ניט געהערט. היי! און היי! אַ קוויטש, אַ בורעניגע און אַ טומל...

— אָבער דייַן, ווי רופֿט מען אים, ניאַמקען, בין איך יע געפֿעלן? און זיין ווייב אויך? און די קינדערלעך אויך? סט׳געזען זיי אונטער־טענצלען. „דזשעז" רופֿט מען אָט יענע האָפּקע, „דזשעז", רופֿט זיך מיין מוזיק. פֿריילעך, באַבעניו? האַ?...

די יידענע פֿאַרשעמט:

— גיי, גיי, העזהניק! פֿאַראַן פֿון וואָס נתפּעל צו ווערן... פֿו, אַ בזיון! ס׳אַראַ רימפּלען, ס׳אַראַ צימבלען... די אייניקלעך קען איך ניט, ס׳גלויבט זיך מיר קוים, אַז דאָס זיינען ניאַמקעס קינדער. אַ נייעם קלעזמער האָט מען אויסגעטראַכט! אַן איבערגעקערטן טעלער מיט דראָט, אויף אַ הילצערנעם פּיסל. פֿון אַזאַ שיסל האָט ניאַמקע ביי מיר אינדערהיים טשאָו געגעסן, און דאָ — אַ גאַנצער קלעזמער...

דער טעלער נייגעריק:

— ווער ביסטו, באַבעניו?

זי:

— ניאַמקעס, זאָל געזונט זיין, זיין אייגענע מאַמע.

— אַ היגע? אַן אונדזעריקע?

די יידענע טרייסלט מיט די פֿרומע פּאַטשיילקע־שפּיצן, וואָס אַריבער אירע אויערן:

— חלילה, קרובֿל, אין דיין אַמעריקע בין איך קיינמאָל ניט געווען; אין שטעטל אָפּגעשטופּט דאָס נאַרישע לעבן, געמוטשעט זיך דאָרטן, פֿאַרקויפֿט טוקעווע שמאַלץ־קוגעלעך, געבדז געפּליקט, מיט אייער געהאַנדלט; ביז איך בין אַזוי געשטאָרבן און אויפֿן זאַמדיקן פֿעלד האָט מען אויף מיר אַ באַרג אָנגעשאָטן...

דער טעלער פֿאַרוואונדערט:

—איז מיסטער בענדזשאַמין, ס׳הייסט ניאָמקע, דיין זון? איז ער עס פון דאָרטן אַהערצו געקומען צופאָרן?

די יידענע, מיט דעם מאַמעדיקן שמייכל אויף חרובע ליפּן:

— אַוודאי, אַוודאי... דו קענסט אים שוין אַ מאַן, מיט פּאַרנעם, מיט אַ פּליך, און איך געדענק אים נאָך אַ פּיטשינקן, ווען כ׳האָב מיט צעשטשערבעטע פינגער מולטענע מייטקעלעך פאַר אים גענייט, וואַטאָווע קאָפּטלעך און ציצענע העמדלעך, ביי מיר אין שטיבל איז קיין פאַל ניט געווען; האָט ניאָמקע קליינערהייט, פויזנדיק, דאָס ערד פון דיל ליב געהאַט אין מיילכל צו נעמען און צו קייען. איינמאָל אַ פאַרבייאיקער איז ער געווען, האָט ער זיך מיט ערד איבערגעשטאָפּט; כ׳האָב אים קוים אָטכאַיעט...

דער טעלער אַנגעשרויפּט:

— איז וואָס ווייטער?

— שפּעטער איז ער אויסגעוואַקסן אַ געזונטער בחורל. ס׳בעסטע מאַכל איז ביי אים געווען מילך און לונגען. און ברויט האָט ער ליב געהאַט. כ׳פלעג אָפּבאַקן ס׳געבעקסל ברויט אויף אַ גאַנצער וואָך, שווער איז עס אָנגעקומען, ווי אַ טורעם אויפצושטעלן; און ער, ניאָמקע, אָפּגע־גנבעט זיך אין אַ ווינקל, ס׳מעסער באַהאַלטן אַהינטער דער פאַלע און אָקרייצעס געשניטן. אָקרייצעס האַרטע האָט ער שטאַרק ליב געהאַט. איך כאַפּ זיך: ס׳געבעקסל ביי מיר טאָגט, באַלד וועט מען שוין דאַרפן אויפשטעלן אַ נייעם טורעם...

דער טעלער שמייכלט:

— מ׳האָט גלייך געקענט זען, אַז ס׳וואַקסט אַ „גראָסער". דעמאָלט טאָקע האָט ער, הפּנים, זיין פאַך גענומען שטודירן...

די מאַמע, אין פאַרלעגנהייט:

— וואָס באַלעמוטשעסטו, פּעטערל? כ׳פאַרשטיי דיך ניט...

— כ׳מיין, דו ווייסט גאָר ניט, באָבע? מיט שפּייז־זאַכן האַנדלט דאָ דיין ניאָמקע, אַ גרויס געשעפט האָט ער: שמאַלץ און סאַרדינקעס, חזיר־פלייש און קאַפעס. אַ געשעפטסמאַן איז ער דאָ, אַ חשובער, אַ דערפאַרענער, אַ דערפאָלגרייכער. אַהאַ! אַ נאָמען! אַ פּאַרנעם! אים וועסטו שוין פאַר קיין פאַל ניט נאַרן...

די יידענע, תמימותדיק:

— און ביי מיר אינדערהיים האָט ער מיט קעלבלעך געהאַנדלט. אַ יונג איז ער געווען אַ האָרעפּאַשנער, די קאָפּיקע ליב געהאַט —

ס'חיות. ער פלעגט אַוועקגיין אין דאָרף, ברענגען צוטאָסקען פון דאָרטן אַ קעלבל אויפן פּלייצע. זיך אַליין האָט ער בלויז פאַרגונען דעם גרייזשיק און מילצל, ס'איבעריקע אַלץ געמאַכט צו געלט; אַליין, מיט די אייגענע כחות, זיך דערשלאָגן צו איך קיין אַמעריקע.

דער טעלער מיטפילנדיק:

— דערפאַר אָבער איז מיסטער בענדזשאַמין „אָלרייט". אַהאַ!...

די יידינע מיט אַ ליבטיקן מאַמע־שטאָלץ:

— אַזוי? רייך? אַ לייט? מ'זעט. קיין עין־הרע: אַ שטוב, מעבל, פּאַרפּוצט, צוגעקליבן. מיין ניאָמעלע...

דער טעלער, גאוהדיק:

— אַז ער איז עס אַראָפּגעקומען צו אונדז, צו קאַרלסאָנען, אַ יום־טוב איז ביי אים דער טאָג געווען, ס'געשעפט האָט ער אויף פרעמדע הענט פאַרטרויט. און ער געטרויט זעלטן: ס'געלט־שרענקל איז ביי אים, ווי ס'באַהעלטעניש פון אייגענעם האַרצן. געקומען, איז ס'בעסטע גיב אים, ס'נייסטע, ס'טייערסטע. געלט איז קיין מניעה ניט, אָבי ס'זאָל טרעפן זיין געשמאַק. מאַהאָגאַני, דעמבּ, נוסן־האָלץ, אַלץ ניט דאָס, ווייז אים בעסערס, טייערס. און איך בין דאָס דער מזלדיקער געווען: פאַר מיר האָט ער אַרויסגעשלעפּט ס'טשעק־ביכל פון טאַש און פאַר איין מאָל אויסגעשריבן די גאַנצע סומע...

די מאַמע, מיט קליינשטעטלדיקע התפעלות:

— אָוואַ! איך פרעג אים: אויף וואָס דאַרף ער עס, אויף וואָס? אַן אויסברענגער איז דאָ ניאָמקע געוואָרן, אַ שאָלטיק, אַז ניט געשטראָפט זאָל איך זיין פאַר מיינע רייד!

דער טעלער:

— זאָרג ניט, באָבע: ער פאַרמאָגט גענוג, ער האָט...

די ידענע, ניט הערנדיק:

— אָט האָט זיך אים אַ פּאָרטרעטל פון מיר פאַרוואָלט; איז שרייבט ער און מאָנט: „מאַמע, שיק". און איך, אַ ידענע, אַן אלמנה, אַ לעבן אַן אויסגעקנייטשטס, וואָס נאָך פעלט מיר? פּאָרטרעטן גאָר? אָבער אַז ניאָמקע בעט, האָב איך אַ קאַשמירענעם קלייד ביי אַ באַלעבאָסטע געליען, אַ זייגער מיט אַ קייטעלע אויפן פאַרעלטערטן ברוסט אָנגע־טשעפּעט, אַ ווייס זיידן טיכל אָנגעטאָן, געמאַכט אַ פּאָרטרעט און אַזוי בין איך אַהער מגולגל געוואָרן, הענגען אויף אַ וואַנט, אין אַ שווערן ראַם און צוהערן זיך צו טריפהנע קולות...

דער טעלער, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן:

— הער זיך איין, באָבעניו; אומעטיק איז אים דאָ, און איך מאַך אים פריילעך...

— מיט די גוואַלדן?

— זיין בלוט שרייט אין אים און איך שריי עס איבער.

— וואָס פעלט אים?

— ער וואַרט שוין אויף גאָרנישט, די פראָסטע האָפענונג פון דער היים האָט ער פאַרלאָרן...

— און די אייניקלעך האָפקען צו?

— ס'איז זייערס.

— וואָס?

— איך! קאַרלסאָן מיין באַלעבאָס; מיינע מעשות און געשרייען.

— וואָס דערציילסטו זיי?

— כ'טראַכט קיין זאַך ניט אויס; וואָס מ'שרייט אין מיר אריין, גיב איך איבער.

— ווער?

— אַ רב, אַ גלח, אַ קונצנמאַכער, אַ שאַנטאַזשיסט; מיר איז אַלץ איינס.

— איז וואָס פילדערסטו אַזוי?

— מיר איז אויך אומעטיק...

— דיר?

— קאַרלסאָן, דער טאַטע, האָט מיך פון דראָט און קנאָפּן באַשאַפן און פאַר געלט פאַרקויפט אין שווערן הויז, צו בענדזשאַמין דעם קרעמער.

— צו ניאַמקען, מיינסטו?

— מיטן פליכן קאָפּ; יונגערהייט האָט ער דעם פאַרלוסט פון זיין פראָסטער האָפענונג פאַרשפּילט אין קאַרטן און פאַרגאָסן מיט שנאַפּס. איצטער וויל ער, אַז איך זאָל עס פאַר אים פאַרשרייען...

— וואָס איז מיט אים דאָ געוואָרן?

— ער בענקט; אפשר נאָכן האַרטן אַקראַיעץ און קעלבערנעם גרייזשיק...

— דאַכט זיך, וואָס פעלט אים! אַזאַ גביר, אַן אדיר...

— ער געטרויט ניט זיין אייגענער זאַטקייט: זי איז צו אים צו־פלוצלונג געקומען.

די אַלטיטשקע, אין ראַם:

— אָט הער איך אים פון שלאָפצימער, ווי ער קערט זיך אין בעט

און קרעכצט, דרייט זיך אויף אַלע זייטן. אַזוי פרי און מיין ביאַמקע איז שוין אומרואיק.

— ס׳רופט אים זיין געשעפט. ער דאַרף שוין גיין שמאַלץ און סאַרדינקעס פּאַקן, חזיר־פליש און קאָפּעס אָפּוועגן. ס׳געלט־שרענקל וואַרט אויף אים, דאָס באַהעלטעניש פון זיין אייגענעם האַרצן. בייטאָג זיינען מירביידע דאָ איבעריקע.

מיסטער בענדזשאַמין, מיט אַ פאַרשלאָפענעם פאַרטאָגיקן הוסטל, גייט אַרויס פון שלאָפצימער. אין גאַסט־צימער צעגיסט זיך אַ קילע גליווערדיקע גרויקייט, ווי אָטעם אויף אַ שפּיגל. די טיר פאַרהאַקט זיך אויפן שלאָס. דער טעלער און די יידענע אין ראַם ווערן ביידע אַנטשוויגן...

דער קליינער מאַטראָס

אַז פּיטשי איז אַלט געווען דריי יאָר, איז זיין מאַמע געשטאָרבן. פאַרן לעצטן געלט האָט דער טאַטע געדונגען אַ גלח, וועלכער האָט איבער איר טויטן גוף געפּרעפּלט. נאָכדעם האָט מען זי באַגראָבן אויף אַ בית־עולם אין סטעטן־איילאַנד.

דער טאַטע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן קליינעם זון. ער אַליין איז געווען אַ מאַטראָס אויף אַ שיף. איבערלאָזן פּיטשין האָט ער ניט געהאַט ביי וועמען.

האָט ער אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די הענט, געטראַכט און געטראַכט. און אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, האָט ער גענומען דעם קליינעם פּיטשין אויף די הענט און איז מיט אים אַוועק צום ברעג ים. דאָרטן איז געווען דער אָפיס פון זיין שיף־קאָמפּאַניע.

— אַזוי און אַזוי. מיין ווייב איז טויט. דעם זון האָב איך ניט ביי וועמען איבערלאָזן. דערלויבט מיר אים צו נעמען מיט זיך אויף דער שיף.

נאָך אַ סך געבעט און טענות, האָט מען אים דערלויבט. אַ מאַן אין אַ ווייסן מונדיר, מיט אַן אַנקער אויפן היטל האָט צום סוף געגעבן פּיטשין אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

— גיי, זון, לערן זיך! וועסט אויסוואַקסן אַ גוטער מאַטראָס.

דער טאַטע האָט אים געקויפט אַ מאַטראָסן־בלוזקע, אַ פּאָר לאַנגע ברייטע הייזקעלעך אַ ווייסע היטעלע מיט שוואַרצע באַנדן. ער האָט אים אַרויפגעטראָגן אויפן שיף און פאָרגעשטעלט פאַר די מאַטראָסן:

— דאָס איז מיין זון פּיטשי, ער וועט שווימען מיט אונדז.

די מאַטראָסן האָבן גוט־ברודעריש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מ׳האָט פון אַלע זייטן פּיטשין געהויבן אויף די הענט:

— ניט געזאָרגט, ברודערל. וועסט זיין מיט אונדז. אַזעלכע חברה האָבן מיר ליב. וועסט אויסוואַקסן און זיין אַ גוטער מאַטראָס.

די שיף, אויף וועלכער פיטציס טאַטע האָט געאַרבעט, איז געווען אַ פּראַכט־שיף. דאָ, ביים האָפן אין סטעטן־איילאַנד, פלעגט זי זיך אָנלאָדן מיט כל־ערליי קאָסטנס סחורות און אָוועקשווימען ווייט־ווייט צו די האַפנס אין אייראָפּע: קיין האַמבורג, ברעסט, ליווערפּול. פאַבריקאַנטן פון דאַנגען האָבן די סחורות געשיקט, גרויסע אַרטיקע הענדלער, האָבן די סחורות דאָרטן אָפּגעקויפט. די מאַטראָסן האָבן געפירט, ניט געוואוסט אַפילו וואָס זיי פירן.

ס'איז געווען מלחמה־צייט. עס האָבן זיך געשלאָגן ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, און נאָך אַ סך אַנדערע לענדער. מ'האָט געדאַרפט געבן די סאָלדאַטן ביקסן, מאַשין־ביקסן, באָמבעס, גראַנאַטן. די פאַבריקאַנטן, אויף דער זייט, האָבן ניט געהאַט קיין גענוג הענט. סטעטן איילענדער האַפנס זיינען געווען פאַרלייגט מיט סחורות. די מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון אַ רייזע איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, האָבן קיין צייט ניט געהאַט רעכט אָפּצורוען זיך. דער אָפּיס פון דער שיף־קאָמפּאַניע האָט געטריבן:

— גיך! גיך! איבערן אָקעאַן — צוריק! געשעפטן גייען באַרג אַרויף. ניט אַלע מאָל טרעפן זיך אַזעלכע גליקן.

די שיף איז געווען אַן אַלטע. אירע ריפּן, געפאַרבט ווייס, מיט אַ פעטן שוואַרצן זוים, זיינען געווען אָפּגעקראַכן, ברודיק, און קיין פריש פאַרב האָט שוין ניט געהאָלפן. די מאַשינערייַ איז געווען פאַרעלטערט. אַזאַ באַבעצע האָט שוין געדאַרפט גיין אין ברוך־קופּע, ווייל דאָס מאַטראָסן־לעבן איז אויך ניט געווען געזיכערט. אָבער די שיף־קאָמפּאַניע האָט זיך ניט געאיילט:

— אָט זאָל זי נאָך אַ מאָל דורכשווימען. אַ שיף בויען קאָסט צו טייער. טאָמער וועט מיט איר אַן אומגליק געשען, איז אויך קיין בייז ניט. זי איז גוט פאַרזיכערט...

פיטציס טאַטע, האָט געוואוסט, אָבער ער האָט קיין ווערט דערפון ניט געמאַכט, ניט געטראַכט דערפון אַפילו. פון קליינוויז אָן האָט מען אים אויסגעלערנט:

— אַ מאַטראָס דאַרף זיין בראַוו. ער האָט פאַרן טויט ניט קיין מורא...

איצט, אַז די שיף האָט זיך געדאַרפט אַרונטערנעמען פון אַנקער, איז אין אָפּיס אָנגעקומען אַ דראַטלאָזע מעלדונג:

— ניט אַלע האַפנס אין אייראָפּע זיינען זיכער. ניט אומעטום קען מען פירן ביקסן און מאַשין־ביקסן, באָמבעס און גראַנאַטן. די

שטאַרקערע האָבן די האָפנס פון די שוואַכע פאַרמאַכט, און לאָזן אַהין קיינעם ניט צו. פאַרקויפן סחורה קען מען איצט בלויז צום שטאַרקן.

די שיף־קאָמפּאַניע עסט זיך דערפון אָפּ דאָס האַרץ:

— אַ דאגה וועמען! אַבי פאַרקויפן, פאַרדינען געלט. דעם שטאַרקן איז נאָך זיכערער, בעסער.

לאָזט מען וויסן אין דערזעלביקער מעלדונג:

— שיפן אויפן ים דאַרפן זיך זייער שטאַרק היטן. דייטשע אונטערוואַסער־שיפלעך לויערן אויפן וועג. פאַקן זיי אַ פראַכט־שיף, זינקט מען זי גלייך. ניט פאַר זיי, ניט פאַרן שונא.

ווייסט שוין די שיף־קאָמפּאַניע וואָס צו טאָן:

די בעסערע שיפן באַוואָפנט מען מיט קאַנאָנען. ווערט אָנפאַלן אַ סובמאַרין, ווערט זי שפּייען פייער אויף צוריק. די שיף, אויף וועלכער פּיטצי מיט זיין טאַטן שווימען? ווערט זי דערטרונקען ווערן, איז נאָך בעסער. די סחורה איז פאַרזיכערט, די שיף איז פאַרזיכערט. און די שיף איז ניט מער ווי אַ צעפוילטע מולטער.

וועגן פּיטציין און די מאַטראָסן האָט מען פאַרגעסן.

שווימט די שיף איבערן אַטלאַנטיק אָקעאַן. ביידערנאַכט היט מען זיך, ווי פיראַטן, און מען פאַרלעשט אַלע פייערן. אַ שוואַרצע טויטע חיה אויף גרוי־שוימענדיקע כוואַליעס. בייטאָג זיינען מאַטראָסן־הענט זייער שטאַרק פאַרנומען. נאָר אַז מ׳האָט אַ מינוט פריי, נעמט מען זיך שפּילן מיטן קליינעם פּיטציין:

— ווער ביסטו?

— אַ מאַטיאָס.

— וואוהין פאָרסטו?

— אין אייראָפּע.

— און אַז דו וועסט גרויס ווערן וואָס וועסטו זיין?

— אַ גרויסע מאַטיאָס.

— האַ־כאַ־כאַ־כאַ!

הענט, ווי געפלאָכטענע שטריק, ציען זיך צו אים, מ׳הויבט אים אין דער הויך, שטעכיקע האָר און וואָנצעס דראַפּען אים דאָס פּנים.

— אָט אַ יאַטל! מאַטראָסישער ביין. בראַווקייט וועט אים שוין ניט פעלן...

אַן עלטערער מאַטראָס נעמט אים צו זיך אויף די הענט. אויל שמעקט פון אים, פון די הענט, פון די וואָנצעס, און אַפילו דער ריח

פון זיין מויל איז, דוכט זיך, אויך — אויל. ער דריקט פיטצין שטיף צו זיך און פרעגט אים:

— ווייסט, פיטצי, וואָס אין איראָפּע איז איצטער?

— ניט!

— אַ מלחמה.

— וואָס?

— אַ מלחמה. מענטשן מאַכן איינע אַנטקעגן די אַנדערע: פּיף־פּאַף.

— פּיף־פּאַף?

פיטצין איז די מעשה זייער שטאַרק געפעלן. ער גייט אַרום איבערן דעק פון שיף און מאַכט אַזוי: פּיף־פּ־אַ־אַף...

ס'איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג. די שיף, ווי אַ גרויסע, טויטע, ביינערדיקע חיה, האָט זיך אַרומגעשליידערט איבער הויכע, מוטנע, שוימיקע כוואַליעס, יעדער ריפּ אין איר האָט געקרעכצט. ווי די מאַלפּעס, זיינען אַלע מאַטראָסן אַרומגעלאָפן, אָנגעכאַפּט זיך פאַר שטריק, אַז זיי זאָלן זיך קענען האַלטן אויף די פיס. ווי אַ קליין מאַלפּעלע, איז אויך פיטצי אַרומגעקראָכן איבערן דעק, נאָכגעמאַכט די גרויסע אָנקלס, און געשפּילט זיך אין דער שפּיל:

— פּיף־פּאַף.

פון ערגעץ־וואו איז פּלוצלינג אַרויסגעקראָכן אַן אומרואיקער גערודער. די אומרו האָט זיך צעשפּרייט. דער קליינער פיטצי, וועלכער האָט געשפּילט: פּיף־פּאַף, האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'האָט פּאַסירט:

— אַ דייטשע סובמאַרין!

אין צעשראָקענע קופּעס זיינען די מאַטראָסן געשטאַנען. די אויגן ביי אַלעמען — גרויסע, פּוסטע, און זיי קוקן אַלע אין איין ריכטונג: דאָרט, וואו עס קאָכן אויף גרויע, שוימיקע כוואַליעס און הויבן זיך אויף, ווי בערג. פיטצי קוקט אויך אַהין און זעט גאָרנישט. כאָטש דער טאַטע האַלט אים הויך אויפגעהויבן אויף די הענט, דריקט אים שטיף צום האַרצן; און דאָס האַרץ ביי אים קלאַפּט אַזוי שטאַרק, וויגט זיך, ווי אַ כוואַליע וואָלט אינעווייניק געקאָכט.

און פון דער סובמאַרין קומט אָן אַ באַפעל:

— אַרונטערלאָזן זיך אויף שיפלעך! אין צען מינוט אַרום! אַ סעקונדע מער — וועט שוין זיין צו שפּעט.

קרעכצן די ריפּן פון דער אַלטער שיף, עס קרעכצן די קייטן, וועלכע לאָזן אַרונטער שיפלעך אויפן וואַסער. מאַטראָסן שוייגן, אָבער אין זייער שווייגן הערט זיך אַ פאַרשאַלטענער קרעכץ.

און אין דער לעצטער מינוט ציען זיך פון אַלע זייטן הענט צו פּיטציק.

— זיי געזונט, פּיטצי!

— צום ווידערזען זיך!

— אונדזער קליינער, גוד־ב־יי־יי!

אַט גליטשט זיך שוין דער טאַטע איבער אַ שטריק. ביי אים אויף די אַקסלען, ביידע פּיסלעך איינגעשטייפּט זיצט פּיטצי; פּיענע שפּריצט, גיסט אים אָפּ דאָס גאַנצע פּנים. פּיטצי זשמורעט זיך, מאַכט צו די אויגן, פאַרשליסט שטייף־שטייף די לעפּעלעך. דאָס גליטשן זיך געדויערט אַזוי לאַנג־לאַנג. ענדלעך זיי זיצן שוין אין אַ שיפל.

דאָס שיפל קוליעט זיך, קרעכצט, הייבט זיך און פאַלט. אַ ווינט ברומט, קוויטשעט אויף אַלערליי קולות. מוטנע פּיענע שפּריצט און בייסט. פּיטצי האַלט די אויגן שטייף־שטייף פאַרזשמורעט. ער פילט, ווי עמיצער וואַלט אים פון אָרט געריסן, ווי אַ שטרוי, ווי אַ פעדערל... אָבער דער טאַטע האַלט אים אַזוי שטאַרק צו זיך צוגעדריקט, אַז עס טוט אים וויי.

עפנט פּיטצי אויף אַ שפּעלטל אויף די אויגן, זעט ער, ווי נאָך שיפלעך, ווי שוואַרצע פּינטעלעך, זיינען אָנגעזעצט אויפן שוים. דאָרטן זיצן נאָך אָנקלס. אָנקלס, וואָס טוט זיך עס? וואָס איז געשען?

און מיטאַמאָל — פּיף־פּאַף!!!

אַ שפּיל אַזאַ ווי די, וועלכע פּיטצי האָט זיך אויפן שיף אויסגעלערנט; אָבער אַ גרעסערע, אַ שטאַרקערע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר גרויסע אָנקלס. ער האָט זיך אַזש דערשראָקן און צעוויינט.

און אין זיין ביטערן געוויין האָט ער פאַרהערט, ווי אַ ווינט, רייטנדיק אויף אַ שוים־כוואַליע, האָט שטייף אַ שטויס געטאָן זיין שיפל, עס איבערגעקערט און אויסגעשאָטן אים, מיט זיין טאַטן, מיט די איבעריקע אָנקלס אין די וואַסערן פון ים...

אויפגעהויבן זיך, ווי אַ קליין פישל, אָפּגעטונקט זיך און אַוועק צום דעק...

אויף מאָרגן זיינען די צייטונגען געווען פול מיט נייעס וועגן דער דערטרונקענער שיף. מען האָט געשריבן וועגן דעם שוידערלעכן פאַר־ברעכן פון די דייטשע סובמאַרינס, וועגן דעם טויט פון דעם קליינעם פיטציק. מען האָט גערופן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אָפּצורעכענען זיך פאַר זיין טויט.

— קריג! מלחמה ביז צום סוף...

די שיף קאָמפּאַניע האָט איינגעמאָנט איר פאַרזיכערונג־געלט.

זי האָט ניט דערלייגט צום עסק.

אַ מענטש אַ מענטשעלע

אַמאָל איז געווען אַ מענטש — אַ מענטשעלע.

איז ער געווען איינגאַנצן נאַקעט, הויל ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

האָט ער זייער ליב געהאַט דאָס לעבן, געצויגן זיך צו דער וועלט ווי אַ פלאַנץ צו דער זון.

פלעגן אים אָבער צייטנווייז באַפאַלן ספקות. פלעגט ער פלוצלונג פיינט קריגן דאָס לעבן, ניט געוואוסט צוליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט.

האָבן אים קלוגע מענטשן געזאָגט, אַז אים פעלט אַן אַנהאַלט. דאָס איז אַ סוד. דעם סוד מוז ער געפינען.

האָט ער געזוכט אויף אַלע וועגן, ביז ער האָט אַ זקן באַגעגנט.

— זקן, זקן! איך בין הויל און נאַקעט. איך ליב דאָס לעבן. מיר פעלט אַן אַנהאַלט. זיי אַזוי גוט און זאָג מיר אויס דעם סוד.

האָט דער זקן פאַרקנייטשט דעם שטערן, פאַרכמורעט די ברעמען, אַ קלער געטאָן און געזאָגט:

— דיר פעלט אַ שמייכל, אַ ליכטיקער שמייכל אין די ווינקלען פון די ליפּן. לאַך און דו וועסט זיך מיט דער גאַנצער וועלט באַהעפטן.

האָט דאָס מענטשעלע גענומען שמייכלען, אַרומגעגאַנגען אַ הויי־לינקער און געלאַכט.

האָבן זיך די מענטשן מיט זיין שמייכעלע אָנגעשטעקט, האָבן זיי אַזוי לאַנג געלאַכט ביז זיי האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן פליעסקען מיט די הענט, אונטערטאַנצן און האָבן זיך פאַנאַנדערגעגאָסן מיט אַ משוגענעם געלעכטער.

האָט זיך דאָס מענטשעלע מיט די ציין אין די שמייכלענדיקע ליפּן איינגעשטשעמעט.

— נאַרישע ליפּן וואָס איר זייט! וואָס קוועלט איר?

— און איר, ליפּן־ווינקעלעך, וואָס קרימט איר זיך אַזוי? איך ווילט זיך דאָך וויינען...

האָט דאָס מענטשעלע געזען, אַז דער זקן האָט געזאָגט אַ ליגן, איז ער געגאַנגען ווייטער זוכן.

האָט ער אויף די שייד־וועגן אַ שטאָלצן גבור באַגעגנט.

— גבור, גבור! איך בין הויל און נאַקעט, איך ליב דאָס לעבן און זוך אַן אָנהאַלט. אַנטפּלעק מיר דעם סוד.

האָט דער גבור אַ צי געגעבן מיט די פּלייצעס, אַרויסגעשטעלט זיין ברוסט און געזאָגט:

— גיס אויס אַ ציגל, טראָג אים מיט דיר שטענדיק אַרום. אין שווערע מינוטן זאָלסטו דעם ציגל ענגער צום האַרצן צודריקן. דאָס וועט זיין דיין אָנהאַלט.

האָט דאָס מענטשעלע אַזוי געטאָן. אַרומגעגאַנגען אַ נאַקעטער און אין די הענט אַ ציגל געטראָגן.

איז אים איינמאָל אַ מרה־שחורה באַפאַלן, האָט ער דעם ציגל צום האַרצן צוגעדריקט, איז אים געוואָרן גרינגער. אַ צווייטן מאָל איז דער ציגל שוין געווען צו לייכט. האָט ער זיך אַ צווייטן ציגל געמאַכט.

און אַזוי איינס נאָך דעם אַנדערן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ הוילער און אויף די נאַקעטע פּלייצעס שורות מיט ציגל געשלעפּט.

ביז ער איז איינמאָל פון דער שווערער משא אין אָנמאַכט אויף דער גאַס געפאַלן.

האָט דאָס מענטשעלע געזען, אַז דער גבור האָט געזאָגט אַ ליגן. איז ער געגאַנגען ווייטער זוכן.

האָט ער אויף די שייד־וועגן אַ מחנה וואַנדערער געטראָפן.

— וואַנדערער, וואַנדערער! איך בין הויל און נאַקעט, איך ליב דאָס לעבן. מיר פעלט אַן אָנהאַלט. זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר אויס דעם סוד.

די וואַנדערער האָבן אפשר זיין פראַגע געהערט, זיי האָבן אים אָבער גאָרנישט געענטפערט.

האָבן זיי ענגער איינער דעם אַנדערן די הענט פאַרדריקט און גע־גאַנגען זייער וועג ווייטער.

און איינער פון זיי האָט אים זיין האַנט אויסגעשטרעקט, האָט אים אין דער מענטשן־קייט אַריינגעצויגן און שטילערהייט אין אויער גע־פּליסטערט:

— מיר זיינען די אייביקע זוכער. צוזאַמען גייען מיר אויף די ברייטע וועגן און צוזאַמען וועלן מיר געפינען...

מאַשוטקע

זיבן זיינען זיי געבאָרן געוואָרן אין אַ גרויסן אָנגעשטאָפּטן זאַק שמאַטעס, פלאַקס און לייוונט, — ס׳באַלעבאַטישקייט וואָס דעם קוילן־גרעבערס ווייב האָט געהאַלטן אין אַ ווינקל פון שטוב: זיבן בלינדע רעצעלעך מיט פאַרשפּיצטע אויערלעך, מיט פעדים־עקעלעך. אַ הויט איז ביי זיי געווען אַ ראָזעווע, אַ ברוינע האָריקייט איז נאָך ניט אָנגעוואַקסן האָט זיך ס׳בלוט פון אינעווייניק, דורכן הייטל, געשפּיגלט און געשפּילט. פיר זיינען גלייך דערשטיקט געוואָרן, פאַרטשעפּעט זיך מיט די קעפּלעך אין די קנעפּ פונעם קוילן־גרעבערס העמד; האָט זיי די באַלעבאָסטע געפונען און אין אַ שמוץ־הויפן אַנטקעגן שטיבל אַרויסגעוואָרפן. געבליבן זיינען איינגאַנצן דריי.

נאָכדעם האָט זיך די משפּחה ווייטער צעטיילט: די עלטסטע, צעראַפּע, האָט דעם קוילן־גרעבערס זון, וועלכער האָט זיך פאַר אַ מאַטראָס אויפן ים פאַרדונגען, גענומען מיט זיך, אין זיין זעקל אָנגע־שטאָפּט מיט ברויט און מיט אַ העמד. דאָרטן איז זי, נאָך עטלעכע וועלט־רייזעס, צום דעק געגאַנגען, צוזאַמען מיטן קוילן־גרעבערס זון און מיט דער שיף. די צווייטע, סקרעבון, איז מיט דעם קוילן־גרעבערס טאָכטער, אין אַ קליינעם אויפגעוויקלטן האַנט־פּעקל אַוועק אין דער גרויסער ווייטער שטאָט זוכן גליקן. דאָרטן האָט זי זיך באַזעצט אין אַ רער פון אַ געדיכטן הונדערט־פאַמיליענדיקן טענעמענט־הויז און איר געדעכעניש, צוזאַמען מיטן געדעכעניש פונעם קוילן־גרעבערס טאָכטער, איז פאַר־לאָרן געגאַנגען. פון דער גאַנצער פאַמיליע איז איבערגעבליבן נאָר מאַשוטקע אַליין...

איז זי געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אַ ברוין רעצל, מיט פאַרשפּיצטע אייגלעך, מיט שטיפערישע פלינקע לאַפּקעס, וואָס האָבן אומרואיק גע־סקרעבעט און עסן געזוכט.

געשפּייזט האָט זי זיך צוזאַמען מיט דער ראַצן־משפּחה, וואָס איז אין יענע געגנטן געוואַקסן און האָט זיך שנעל פאַרמערט, מיט טרוקענעם

ברויט, און וועלכן זיי פלעגן איינגריזשן שאַרף־ציינדלדיק, באַטעמט, שמאַלע טיפע גריבלעך. און דער קוילן־גרעבער מיט זיין ווייב האָט נאָכדעם, מיטן זעלביקן אַפּעטיט, גרויסע הונגעריקע ציינער איינגעביסן אויפן אָרט, וואו ס'האָבן זיך געשפּילט די דריבנע געדיכטע ראַצן־ציינדלעך; איז ניט געווען קיין ברויט, האָט מען ברעטער פון דיל געזעגט, אָדער לייוונטענע שמאַטקעס געגריזשעט. זעלטן־ווען האָט מען אַ פליישיקע סעודה אָפּגעריכט: פאַרזוכט בגנבה ס'איינגעשרומפּן הויטיק לייב פון אַ שלאָפנדיקן קוילן־גרעבערס קינד... און אַן אויפגעלייגטער שטימונג האָט דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע צוגעוואָרפן שטיקער ברויט דער טונקל־האָריקער משפחה (היימיש זיינען זיי דאָרטן געווען, אין די טונקעלע ווינקלען, ווי מחותנים אַרומגעשפּאַצירט) און הנאה געהאַט, ווי מ'האָט זיך איבערן ביסן געריסן און מיט די לאַפּקעס איינע די אַנדערע געשטיקט...

אַז מ'איז הונגעריק געבליבן, האָט מען ביידערנאַכט אַרומגעטאַנצט און געפּישטשעט אומרואיק מיט אַ קוויטש.

נאָר איינמאָל איז געלונגען מאַשוטקען אַ געשמאַקן ביסן צו פאַר־זוכן. געווען איז עס אַזוי:

דעם שכן פון צווייטן הויז האָט מען צוגעשיקט פון שטאָט אַ מתנה, אַ ווייס הילצערן קעסטל מיט אַ טרוקענעם שטיק קעז. מאַשוטקע האָט זיך צוגעגנבעט, דורכגעזעגט דאָס קעסטל און אָנגעגעסן זיך צו זאַט. די באַלעבאָסטע האָט דעם היזק מיט בלוטיקע טרערן באַווײנט. נאָכדעם האָט זיך צווישן דער ראַצן־משפּחה פאַרשפּרייט אַ נייס:

— ס'איז פאַראַן אַ קעזן־לאַנד!

— קעז איז געשמאַק...

פון יענעם טאָג אָן האָט שוין מאַשוטקע דעם טעם ניט געקענט פאַרגעסן. ניט ס'טרוקענע ברויט, ניט די לייוונטענע און פלאַקסענע שמאַטעס, און אַפילו ניט די פליישיקע סעודה, וואָס מ'האָט בגנבה געפּראַוועט ציטנוויז איבערן קוילן־גרעבערס שלאָפנדיקן קינד, האָבן געקענט אַרויסשלאָגן פון איר זכרון דעם ריח און געשמאַק פון יענעם אָנגענעמען ביסן. גנבישע מייזן־אייגעלעך האָבן שוין דערשפּירט און האָבן זיך מיט איר אַלעמאָל געריצט:

— נו מאַשוטקע! וואָס הערט זיך מכח דעם קעזן־לאַנד?

— ברעטער גריזשעט מען דאָרטן אויך? אַזוי ווי ביי אונדז?...

— ראַצן האָבן דאָרט ביילעך אָנגעשטאָפּטע, רונדיקע, פעטינקע? ניט אמת, מאַשוטקע? פון קעזלעך ווערט מען דאָך פעט...

און אַזוי זיינען יאָרן אוועקגעגאַנגען. דער געשטאָפּטער זאַק, ס'באַלע־

באַטישקייט פונעם קוילן־גרעבערס ווייב, איז אַלץ געוואַקסן. געוואַקסן דאָרטן, צווישן די קנעפּ פונעם אַרויסגעוואָרפענעם געלעכערטן העמד, איז אויך דאָס ראַצן־געזינד. נאָר קיין ברויט איז ניט צוגעקומען: ס׳זעלבע האַרטע שטיק ברויט, אין וועלכן מ׳פלעגט גריזשען שמאָלע גריבעלעך. רץ־רץ־רץ! — אַ ברעט איבערגעזעגט, אַ זאַק דורכגעפּליקט, סאַמעטדיק קינדער־לייב צעביסן, און אינמיטן דער אַרבעט קומט מאַשוטקען אויפן זינען אַרויף:

— ס׳קעזן־לאַנד!

— דאָרטן איז אַנדערש.

— קעז איז געשמאַק...

* * *

צוויי יאָר האָט מאַשוטקע ביים קוילן־גרעבער אין שטיבל אָפּגעלעבט; אויפן דריטן יאָר האָט עפּעס פּאַסירט:

אַפּריער איז אַ פייער אָנגעקומען און האָט דעם קוילן־גרעבערס שטיבל, צוזאַמען מיט אַלע הייזלעך, וואָס האָבן זיך מיט אים געהאַרבעט, אָוועקגעשיקט מיטן רויך. פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט זיינען געבליבן געבריאַזגעטע טעפּ און גלעזער, קופּעס ציגל און צעסאַרפּעטע האָלעוועשקעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צוזאַמען אונטערן איינגעפאַלענעם פונדאַמענט.

די באַלעבאַטים האָבן זיך איבערגעקליבן אין געצעלט, און די ראַצן אינאיינעם מיט זיי.

אַז דער רויטער זשאַר האָט זיך אָפּגעקילט און די פּוסט־געוואָרענע פּלעצער זיינען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילד־גראָז און קראָפּיווע, און גרין־הויטיקע זשאַבעס האָבן זיך שוין אין בלאָטיקע ערטער פאַרפּירט, האָט צווישן די איינוואוינער אויסגעבראָכן אַ מגפה; די ערשטע איז אָוועקגעפאַלן דעם קוילן־גרעבערס ווייב.

איז שוין קיין האַרט ברויט אויך ניט געווען אין ביידל; און די ראַצן האָבן דאָרטן פריי אַרומגעשפּאַצירט און געקוקט מיט גנבישע אייגלעך אין די ווילדע גלאָזיקע אויגן פונעם קוילן־גרעבער, וועלכער איז געזעסן און געקוקט ניט־זעענדיק אַרום זיך...

און איינמאָל האָבן די ראַצן־אייגלעך דערזען, ווי די אַלטע באַלעבאַטים האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון די אַלטע אָפּגעברענטע היימען און אָוועקגעלאָזן זיך אויפן ברייטן וועג.

מיט שטעקנס אין הענט, ווער מיט אַ פּעקל אָנגעבונדן אויפן שפּיץ שטעקן, ווער מיט גאָרנישט, נאָר מיט אויגן זוכנדיק אַרונטערגעלאָזענע

אויף וועגן שטויב, האָט מען זיך געשלעפּט מיט די פיס איבערן זאַמד, אומעטיק געריבן און געשאַרט...

אַ קינד, וועמען מאַשוטקע האָט אַמאָל אין גלאַט־לייביקער ליטקע איינגעביסן, האָט די נייגעריקע אַנגעשפּיצטע ראַצן־אייגלעך באַמערקט און האָט מיט התפעלות צו טאַטע־מאַמען געשריען:

— שטשורעס! קוקט...

נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. עמיצער האָט דאָס קינד ביים הענטל אָנגענומען, אומגעדולדיק אַ צי געטאָן, און מ׳איז ווייטער אַוועק...

שפּעטער איז אַ פּאַרפּלייצעניש אָנגעקומען; ס׳דערבייאיק טייכל, ווי פאַרשעמט, האָט פּלוצלונג זיין ברעג, ווי דעם זוים פון אַ שמוציקער פּאָלע, אויפגעהויבן און האָט דעם טאָרטשעדיקן שטיין, די צעבר־אַזגעטע פּיצלעך טעפּ און גלעזער, די שוואַרצע אויסגעגעסענע האָלאָוועשקעס מיט וואַסער פאַרדעקט.

זיינען אָנגעקומען הונגעריקע טעג פאַר דעם ראַצן־געזינדל; די אַמאָליקע צייטן האָט מען שוין דערמאָנט מיט בענקשאַפט און פאַרדרוס.

— דעם קוילן־גרעבערס ברויט! דער געשטאָפּטער זאַק שמאַטעס! די טרוקענע ברעט, וואָס האָט זיך אונטער שאַרפע ציינדלעך אַזוי פריילעך געזעגט...

האָבן ראַצן הונגעריק געפּישטשעט און אַרום אייגענע עקלעך גע־דרייט זיך און אין מיילכל זיי געכאַפּט. האָבן אַנדערע דעם הונגער ניט אויסגעהאַלטן און אַוועקגעלייגט זיך מיט די פיסלעך פאַרריסן אינדערהייך. שלעכטע צייטן זיינען אָנגעקומען. אַלע האָבן געליטן און מאַשוטקע צוזאַמען מיט זיי...

* * *

אינמיטן הונגער־ברען איז מאַשוטקען אויפן זינען אַרויף:

— ס׳קעזן־לאַנד...

און פון פאַרחלשטן מויל האָט זיך עס צעטראָגן:

— פאַראַן אַ קעזן־לאַנד...

איבער די בלאָטעס, וואו פון מוטנעם געשוואָלענעם וואַסער האָבן אַרויסגעשטעקט בינטלעך גראָז, קראָפּיווע, וואָרצלען פון אָפּגעברענטע הייזער, אָפּגעפּייערטע האָלאָוועשקעס, האָבן ראַצן־אייגלעך איינע מיט די אַנדערע זיך איבערגערעדט:

— אַנטלויפן פון דאַנען!

— אַהין!

— אין קעזן־לאַנד...

און איין טאָג האָט עס פּאַסירט:

פון די נאָרעס האָבן זיך מיטאַמאָל אַרויסגעשאָטן ראַצן טויזנטער, טויזנטער אין צאָל. טונקל־ברוין איז געוואָרן די שוואַרצע טאָפּיקע בלאָטע און צעפּישטשעט ווילד און קלאָגעדיק האָט זיך דער זומפּ. אַ כמאַרע האָט זיך איבער דער ערד צעשפּרייט, אַ ברוינע, אַ שווערע, אַ נאַכטיקע. די כמאַרע האָט זיך מיט טויזנטער לאַפּקעלעך פאַנאַנדער־געשאַרט און גערירט זיך פון אָרט.

— אַז פּינצטער און חרוב איז געוואָרן דאָס לאַנד, אַז די ברויט־געבערס זיינען מיטן שטעקן אין האַנט אויפן שליאַך אַוועקגעגאַנגען, גייען מיר איצטער נאָך זיי...

פייער און פלאַם, זומפּ און בלאָטעס, און פון חורבן אַנטלויפן און קלאָגן פּישטשענדיק די מייז...

— קיין ליכט פאַרטראָגן מיר ניט; דעם קוילן־גרעבערס שטיבל איז געווען אונדזער היים, זיין ברויט — אונדזער שפּייז, זיין קינדס לייב — אונדזער פלייש; נאָר דאָס האָט מען אויך פון אונדז צוגענומען. איצט — גאָרנישט ניטאָ...

— און ערגעץ איז פאַראַן ס׳קעזן־לאַנד...

אַ ברוינע כמאַרע האָט זיך אַוועקגעטראָגן, און מאַשוטקע, די פּירעריץ — פּאָרויס...

און דער מבול האָט אַוועקגעפלייצט, כוואַליע נאָך כוואַליע, ריי נאָך ריי. דער ברוינער קאָליר האָט פאַרלייגט ס׳גרינס פון פעלדער, און די ערד איז געוואָרן שווייבלענדיק, טונקל־ברוין; שטילקייט איז צעריסן געוואָרן פונעם סקרעב פון טויזנטער פּיסלעך, פון פּישטשעריי און קוויטש...

און עס איז געשען אויפן וועג: קראָליקעס און האָזן זיינען אויף די שפּיצן בוימער אין באַהעלטעניש אַנטלאָפן, הינט האָבן ניט געוואַגט צו בילן, און אויפהייבנדיק צעצאָפּלטע עקן, האָבן זיי זיך אין טויט־שרעק געיאָגט; אַ צופעליקער מענטש, אַ פאַרבייגייער, האָט פאַרלייגט די הענט אויפן קאָפּ און מיט ווילדע אויגן, מיט שרעק־צעגאָסענע אויערן, געזוכט זיכערקייט פון ברוינער פאַרפלייצונג אויף די זייטן פון וועג...

— שטשורעס גייען!

— אַ מבול פון שטשורעס איבערן חורבן פון אַ וועלט.

און די מחנות האָבן זיך געטראָגן ווייטער און ווייטער; מאַשוטקע, די פּירעריץ — פּאָרויס...

קנאַכלס נסיעה

1

גאַנצע פערציק יאָר איז פּריץ קנאַכל, אַ זון פון אַן איינגעוואַנדערטן דייטש, וועלכער האָט שוין דעם טאַטנס לשון אינגאַנצן פאַרגעסן, אָפּ־געזעסן אויף איין אָרט אין אַ ווינקל פון לאָנג־איילאַנד; אויפן איין־און־פערציקסטן יאָר האָט אים אַן אומרו געפּאַנגען...

אַז זיין באַשלוס איז אינגאַנצן צייטיק געוואָרן, איז ער איינמאָל געקומען ביינאַכט אַהיים, צו זיין פרוי, אַ פלאַך־ברוסטיקע, אומעטיקע ווייב מיט אַ פּנים ווייס ווי אַ רעטעך, און ער האָט איר פּלוצלונג דערקלערט:

— ווייב! דו ווייסט? מיר פאָרן, אין דער ווייטער „וועסט" פאָרן מיר אַוועק...

האָט זי אויף אים אַ פּאָר וואַסערדיק־בלויע אויגן אויסגעשטעלט, ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט.

— מאַן! וואָס מיינסטו? וואָס רעדסטו אַזעלכע ווערטער? ביסטו ביים זינען, אָדער אפשר „פאַרריקט"?

האָט ער דעם קאָפּ עטוואָס אַויף אַהינטער פאַרוואָרפן, די קאַלטע, געמישט־שטאָלענע אויגן האָבן מיט ווילדער עקשנות זיך אַ טיף געטאָן און ער האָט באַפעלעריש דערקלערט:

— ס'איז שוין באַשטימט! גאַנץ זיכער, אין דער „וועסט" פאָרן מיר אַוועק.

האָט זיך שוין די אָרעמע פרוי צעיאָמערט און צעוויינט:

אַן אומגליק איז אויף איר געקומען אַ פּלוצימדיקער, אויף וועלכן זי האָט זיך גאָרניט געריכט. דאָ איז איר היים; דאָ האָט זי אַ האַלבן לעבן אויסגעבראַכט; איינגעפונדעוועט זיך, געבויט אַ באַלעבאַטישקייט, פאַרפעסטיקט זיך, ווי אַ טשוואָק אין וואַנט. וואוהין רופט ער זי? וואָס און וועמען זאָל זי גיין זוכן? און וואָס וועט מיט די קינדער די בלאָנד־האָריקע זיין?

האָט דאָס ווייב געוויינט און געשריען און קנאַכל איז ביי זיינס פאַרבליבן...

ער האָט איר ניט דערציילט, וואָס עס ציט אים אַהין, אינעם פרעמדן מערב־לאַנד; אַז ביינאַכט אין דער פינצטער הערט ער קולות רופן, ווי דאָס האַרץ פון דער ערד, וואָס אונטער זיין צוקאָפּנס, וואַלט זיך געצאַפּלט פאַר בענקשאַפט און געבעטן זיך ביי אים: „קנאַכל, מיין זון! קום צו מיר, אַהין צו מיר...” ווייל די אומרו, וואָס האָט זיך צו אים אין האַרצן פאַרקליבן, איז געווען קלוג און כיטרע; זי האָט אים געלאָקט און גערופן, געמאָלן גליקן פון אַ לאַנד, וואָס טריפט מיט מילך און האָניק, און די גאַנצע צייט האָט זי כלומרשט ניט אין איר אייגענעם, נאָר גאָר אין קנאַכלס נאָמען גערעדט און דערציילט...

האָט ער זי גענומען איבעררעדן מיט גוטן און מיט בייזן, געטענהט און אויפגעוויזן, אַז וואָס הייסט? אַזאַ מאַן ווי קנאַכל, אַזאַ פרוי און אַזעלכע קינדער, איז גאָר קיין אַנדער אָרט פאַר זיי ניטאָ, ווי די ווייטע „וועסט”. ער האָט זי געלאָקט מיט מילך און האָניק, דערציילט איר כלערליי אויסגעטראַכטע גליקן און וועגן זיין אייגענער אומרו האָט ער קיין וואָרט ניט דערמאָנט...

וואָס איז עס געווען, וואָס איז געקומען צו אים פּלוצלונג אויפן איינ־און־פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן? אַ ציטער פאַרן צופוסיזנדיקן טויט און עלטער, אָדער דער אויפשוואונג פון מיטליאָריקן כח, וואָס האָט דערגרייכט זיין שפּיץ? אַ פאַרשפּעטיקטער חלום, וואָס קומט צוריק מיט אימפּעט פון אויפשטאַנד אָדער גלאַט אַזוי, אַ צוקנאַק פון אינעווייניקסטן זשאַווער? קנאַכל האָט זיין אייגן האַרץ ניט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אָבער געריסן מיט אימפּעט און ברען.

שפּעטער האָט ער געזיגט. די פאַמיליע האָט זיך גענומען גרייטן מיט האַק און פּאַק און קלייבן זיך אין וועג צום מערב־לאַנד...

2

ס'איז איבעריק צו דערציילן, אַז די מעשה מיט קנאַכלס אומרו און פּלוצלונגדיקן אַוועקפאָר איז ניט קיין געוויינלעכע, טאַקע גאָר ניט גלאַט...

ווייל ער איז קיינמאָל ניט געווען פון אַזעלכע, פון די שפּרינגענדיקע. איין צופעליקער בליק אויף אים האָט גלייך איבערצייגט, אַז דער מאַן איז ניט גלאַט אַ מענטשל, נאָר אַ שטייפער, איינגעוואָרצלטער באַק־צאָן, וועלכער וועט מיט צוואַנגען ניט רירן זיך פון אָרט. ניט אומזיסט

האָט ער זיך גאַנצע צוואַנציק יאָר געהאַלטן אויף איין אָרט, געאַרבעט פאַרן זעלביקן באַלעבאָס.

ער איז געווען אַ גוטער מעכאַניקער און האָט געאַרבעט אין פאַבריק, וואָס די ציגלנע ווענט אירע זיינען געווען באַהאַנגען מיט גרינעם איינגעשפּאַרטן, אַרויפּפּויזנדיקן בלאַט. אַהין איז ער צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד, ניט אויפגעוועקט פון קיינעם, אַלע אינדערפרי געגאַנגען צו דער אַרבעט. דאָרטן, אין דער „אָוקלאַנד פּיינדינגס קאָמפּ.", האָט מען געמאַכט טיילן און פּיצלעך פאַר אַלערליי מאַשינען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַ דאַנק זייער בייקייט און גרויסן געברויך אַרויפגעקליבן אויפן אויבנאָן. אין דעם רעשטלעך־פּלאַץ האָט מען געמאַכט קלאַפּאַנען, צושטעפּערס, ספּרונזשינקעס אַלערלייאיקע פאַר גראַמאַפאָנען, אויטאָמאָבילן, ראַדיאָס, קלייניקע אברימלעך פאַר שטאָלענע גופים. יעדעס איז פריער געווען געפּלאַנעוועט, דורכגעטראַכט און געמאָסטן, איידער ס'האָט דערזען די וועלט.

פריץ, אַ דינער און אַ שלאַנקער, אין אַ פּאָר בלויע „אָוועראָלס", וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט זיין שטייפן קערפּער, האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ פּריסטער אין דינסט פון עפּעס אַ סודותדיקן גאָט. זיצנדיק ביי דער אַרבעט, דער נאַקן אַן איינגעשפּאַרטער, דאָס פּנים אָנגעשטרענגט, די וואַסערדיקע פּוסטע אויגן פון געמישטן בלוי פּאַרטיפט אין איין פּינטל, האָט ער אין זיינע געדאַנקען געפּאַסט און געמאָסטן די איינצלנע טיילכעלעך, געזען זיי שוין פּאַרטיפטע אין דער אַרבעט און געפרייט זיך מיטן מעכאַנישן לעבן, וואָס אין זיי.

אַמאָל פלעגט מען קנאַכלען אין קאַנטאָר אַריינרופן, וואו געניטע מעכאַניקער זיינען געזעסן און געפּלאַנעוועט נייע זאַכן. מען פלעגט אים באַווייזן צייכענונגען געמאָלן מיט בלויער שריפט.

— וואָס דענקסטו, קנאַכל, ס'וועט אַרבעטן? יאָ, צי ניט?...

און פריץ פלעגט צונויפציען אַ טייל הויט פונעם שטערן, קוקן צעמישט מיט זיינע וואַסערדיקע בלויע אויגן, וועלכע פלעגן דעמאָלט ווערן שטאַרק פאַרגרעסערט, און האָט אין די געדאַנקען געמאָסטן די איינצעלנע טיילכלעך און געזען דאָס מעכאַנישע לעבן, וואָס אין זיי.

אין זיינע געדאַנקען האָט ער שוין געזען ווי דער טייל פאַראייניקט זיך מיטן גאַנצן: דער אויטאָמאָביל יאָגט זיך, די ראַדיאָ כאַפּט אויף קלאַנגען, דער קאָמפּאַס פון עראָפּלאַן שווימט, וויגט זיך און ציינט אַלץ איינגעשפּאַרט צו צפון־זייט. ער האָט געריבן די הענט פון צופרידנקייט, ווייל ער האָט געזען לעבן און באַוועגונג אין די אויסגעאַרבעטע שטיקלעך שטאָל.

אַפילו אינדערהיים נאָך דער אַרבעט האָט ער ניט צונויפגעלייגט לײדיק די הענט. אין דער באַלעבאַטישקייט, צווישן ווייב און קינדער, האָט ער זיך געפירט, ווי אַמאָל זיין טאַטע, אַן איינגעוואַנדערטער דייטש, וועמעס לשון ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. אַ שטילער איינזאַמער מילב, האָט ער פאַר זיך אַליין געמייסטרעוועט, געגראָבן אַ פונדאַמענט, געשלעפּט קראָקווע צו קראָקווע, אויפגעלייגט אַ הויז, שטיבלעך, קעמערלעך פאַרשיידענע, אַרומגעפּלאַנצט אַ גערטנדל. ערגעץ האָט ער אַן אויטאָמאָביל אַן אַלטפרענקישן געקראָגן; האָט ער אויף אים וואָכן נאָכאַנאַנד געאַרבעט, אויפגעריסן דאָס האַרץ, געביטן גלידער, אַריינגעשטעלט אברים נייע, גאַנצע. ס'איז אַרויסגעקומען אַ לעבעדיקע, לויפנדיקע מאַשין. דער צופרידענער קנאָכל האָט אין האַלב־געשאָרענעם געלן וואָנס געשמייכלט, ווען ער איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער מאַשין.

אָט אַזוי איז זיין באַלעבאַטישקייט געוואַקסן, פאַרפעסטיקט זיך און געלאָזן טיפע זאַפטיקע וואָרצלען אין דער ערד. ביז וואַנען ס'איז אים אויפן איינאונפערציקסטן יאָר פון זיין לעבן אַן אומרו באַפאַלן, ווען ער האָט דערהערט אינמיטן דער שלאָפנדיקער נאַכט רופנדיקע קולות, ווי ס'האַרץ פון דער ערד אונטער זיין צוקאָפּנס וואָלט זיך געצאַפּלט פון בענקשאַפט און געבעטן זיך ביי אים: „קנאָכל, זון מיינער! קום צו מיר אַהין...״ ס'האָט אים צעמישט די געדאַנקען מיט אַ הונגעריקייט נאָך אַן אומבאַקאַנטן לאַנד פון מילך און האָניק, ס'האָט צעגראָבן זיין פאַרוואָרצלטע טיפקייט און ווי אַ לייכט שפענדל אַוועקגעטראָגן אויף נייע אומבאַקאַנטע וועגן צו דער ווייטער „וועסט״.

3

האָט זיך פריץ ווייטער גענומען צו דער אַרבעט. די טאַראַרייקע זיינע, וואָס האָט אים געדאַרפט אַוועקפירן, האָט ער איינגאַנצן איבערגעבויט. ס'איז פאַרטיק געוואָרן אַ בנין מיט עטאַזשן העכערע און נידעריקערע. פאַר ווייב און קינדער, פאַר פעק און פעקלעך, פאַר קליידער און עסנוואַרג. אַ קיך, אַ גאַז־אויוועלע, אַ גראַמאָפאָן, אַ הודזשענדיקער — אַלץ האָט געפונען פלאַץ אין דער מאַשין.

שכנים האָבן געקוקט און געוואונדערט זיך. ביי פריצן האָט געבלישטשעט אין דער פוסטקייט פון די אויגן און ער האָט געשמייכלט פאַר זיך אין געלן וואָנס.

— אין דער „וועסט״ קלייבן מיר זיך אַריבער. דאָס גרייטן מיר זיך אַהין.

און מיטן פינגער, ווי מיט אַ פייל, האָט ער אין מערב־ריכטונג געצילט.

אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער דעם באַלעבאָס זיינעם, פאַר וועלכן ער האָט צוואַנציק יאָר געאַרבעט, פּלוצלונג דערקלערט, אַז ער גייט פון אים אַוועק. יענער האָט זיך ניט געקענט אַפּוואונדערן און גאָרנישט ניט געקענט פאַרשטיין.

— וואָס הייסט עס? דו! פריץ? וואָס פעלט דיר דאָ און וואָס פאַרסטו ערגעץ אַנדערש זוכן? האָסטו נאָך אין דער „וועסט" אַ שטעג־דיקערן „דזשאָב" פון מיינעם געפונען? ווייסט נאָך אַלץ ניט, אַז די גאַנצע וועלט איז איינס...

קנאָכל האָט אים גאָרניט דערציילט פון זיין אומרו און וואָס ס'ציט אים אינעם אומבאַקאַנטן לאַנד. ער האָט אים געוואָלט פאַררעדן מיט מעשהלעך פון מילך און האָניק: געזונטע לופט זוכט ער דאָרטן, פרישערע מאַראַנצן און ציטראָנען; אָבער יענער, אַ ביטרינקער, אַן אַלץ־פאַר־שטייענדיקער, האָט צוגעקוועטשט מיט די פּלייצעס און גאָרנישט ניט געגלויבט.

איין זאַך איז נאָר איצט דעם באַלעבאָס געוואָרן קלאָר:

אויף אַ לעבעדיקן מענטשן, אויף אַן אַרבעטער טאָר מען ניט פאַרטרויען, אַ באַלעבאָס קען זיך נאָר אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין שטאָלענער מאַשין!

קנאָכל איז געקומען אַהיים, האָט איינגעפּאַקט אין אויטאָמאָביל זיינע זאַכן, האָט אַריינגעזעצט אַהין זיין פלאַך־ברוסטיקע אומעטיקע ווייב מיט די בלאַנד־האָריקע קינדערלעך, ייִנגלעך און מיידלעך; ער האָט זיך אוועקגעזעצט צום ראָד און מיט אַ פאַרעקשנט ווילדן בליק אין אויג, מיט אַ ברענענדיקן אימפּעט אין האַרצן, אַוועקגעלאָזן אין וועג פון זיין אומרו, צום ווייטן רופנדיקן מערב־לאַנד.

4

ס'זיינען אַוועק גאַנצע וואָכן. קנאָכל האָט זיך נאָך אַלץ געשלענגלט אויף די וועגן, וואָס פירן צו דער „וועסט".

אין האַרצן האָט אים געקילט אַ שטילע מורא. קנאָכל האָט אַ טעות געהאַט: דאָס געלט זיינס, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף עסן, טרינקען, גאַזאָלין און גומענע רערן, האָט גענומען צעקריכן, צע־שוואומען געוואָרן פאַר דער צייט ביי אים אונטער די הענט.

אַביסל שולדיק איז געווען די מאַשין זיינע, וואָס האָט זיך אויפן

וועג צעזופּט און מאָדנע פֿאַנאַנדערגעשפּייט. שולדיק איז אויך געווען דאָס בלאָנד־האָריקע קליינוואַרג מיטן פלאַך־ברוסטיקן ווייב זייַנעם, וועלכע האָבן אויפֿן וועג אַ זעלטענעם אַפּעטיט אַרייַנגעקראָגן. ביינאַכט, אויף אָפּשטעל, ווען מען האָט זיך ביים זייט וועג אויסגעלייגט און די צעקנייטשטע גלידער מחיהדיק געגליכן, דעמאָלט ווען דער אימפּעט פֿונעם גאַנצן טאָג יאָגן זיך איבער וועגן האָט נאָך דאָס האַרץ געהויבן און געוואָלט אָוועקרייסן און געשמאַק געקיצלט דאָס ווייך־פֿלייש פֿון פֿוס און ווען מען האָט זיך צוגעריסן צום פּעקל עסן, האָט מען געפּיצלט, געריסן און געשלונגען, געקייט געשמאַק, ווי די ווילדע היינט אין פּריירי, און גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיקן דעם הונגער.

אפילו קנאָכל אַליין איז אויך אויפֿן וועג גאָר אַן אַנדערער געוואָרן. קען מען זיך דען העלפֿן, אַז מען איז טעג נאָכאַנאַנד אויפֿן ברייטן שליאַך? נאָך דיר יאָגט זיך אַ וועלט אַ גאַנצע און אַרום דיר קרייזלט זיך טאַנצנדיק נאָך אַן אַנדער וועלט. דרייען זיך יונג־מיידלדיק בערג־רינגלעך פֿאַרשייטע, גרין־לאָקיקע, קייטלען זיך, הענטלען זיך, טענצלען אייַנציקווייז אין רונדן שווינדל אַרום, לאָזן פּלוצלונג איבער און שפּרינגען אַריין אין אַ טאָל. נאָכדעם באַנאַכט, ווען מען לייגט זיך אויף אָפּרו ביים זייט וועג, צעשפּרייט זיך דאָס הויזגעזינט ווי געראָטענע סנאָפּעס אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד, קומען געשמאַקע באַנאַכטיקע ווינטן און באַלעקן זיך מיטן בייטאָגיקן שוויס, הויבט דאָס לייב אָן צו קילן, וויקלט מען זיך אין קאָלדרע און מען ווערט זיך שפּילנדיק קעגן דעם ביינאַכטיקן ווינט. פֿאַרמאַכט קנאָכל די אויגן און עפֿנט זיי ווידער, פֿאַרקוקט זיך אויפֿן צעשטערנטן הימל, הויבט אָן צו ציילן די שטערן און פֿאַרגעסט זיך אויף אַלץ.

אָבער ווען ער פֿאָרט פֿאַרביי געזאָלין־סטאַנציעס און גאַראַזשן, ווען ער פֿלאָנטערט זיך אין שטאָטישע גאַסן אויפֿן וועג צום אָפֿענעם פֿעלד, דעמאָלט קנעט זיך אַ יסורים־קנייטש אין זיין שטערן, ער דערמאָנט זיך אויף זיין אומגליק און קלאָגט זיך פֿאַר זיין ווייב:

— ווייב! ס׳איז שלעכט, זייער שלעכט! דאָס געלט גייט אויס און גאַזאָלין דאַרף מען האָבן. מיר וועלן איבערבלייבן, ניט דערציען צום מערב־לאַנד.

דאָס פֿלאַך־ברוסטיקע אומעטיקע ווייב זייַנע שווייגט. וואָס זאָל זי אים ענטפֿערן און וואָס קען זי דען אים העלפֿן? זי קוקט מיט חיה־ליידן אויף אירע קינדער, בלאָנד־האָריקע ייִנגעלעך און מיידעלעך, און שלינגט אַ טרער.

אַן אָפּגעהיטער איז קנאָכל ביז איצט געווען, געהיט זיין מאַשין,

ווי אַן אויג פֿון קאָפּ; איצט איז ער שוין אומרואיק, צעררייצט און האַפּערדיק. ער טרייבט זיך איבערן וועג ווי אַ רוח יאָגט איבער אויטאָמאָבילן, שטעלט אָפּ פֿאַרבייפֿאָרער. ער פֿרעגט זיך נאָך:

— ווי ווייט? נאָך זייער ווייט צו דער „וועסט“?

מען ציִיגט אים אָן מיטן פֿינגער אין איין ריכטונג:

פֿאַר גלייך, גלייך אַהין, וואוהין דער פֿייל דער געצילעוועטער צייגט. עס איז איין וועג. דו וועסט דערפֿאָרן.

ס'גייען אַוועק טעג נאָך טעג, עס לויפֿן שוין אַוועק די לעצטע מטבעות און דאָס מערב־לאַנד איז נאָך ניטאָ, נאָך אַלץ ניטאָ.

און אויפֿן וועג, לעבן זיין רויט־געפֿאַרבטן גאַזאָלין־אוהל, שטייט דער באַלעבאָס מיטן גומענעם שפּריצער אין האַנט, אַ שמייכלענדיקער, אַ פֿאַרטיקער. ער ציִיגט אַלץ קאַלטבלוטיק אין איין ריכטונג:

— פֿאַר גלייך, גלייך אַהין, וואוהין דער פֿייל דער געצילעוועטער צייגט. דער וועג איז אַ גלייכער, וועסט זיכער דערפֿאָרן...

איז ער געוואָרן געפֿאַלן ביי זיך, ווייל דאָס האַרץ האָט אים צוגעזאָגט אומגליק און ביינאַכט ליגנדיק אין פֿאַמיליע־ראַד, האָט ער זיך באַקלאָגט פֿאַר זיין פֿרוי:

— ווייב! אַ מעכאַניקער בין איך אַ גוטער, אַן אַרבעטער אַ געניטער. אין דער „וועסט“ וואָלט איך באַגליקט געוואָרן און מיט מיר אַלע אינאיינעם. אָבער דאָס געלט איז שוין באַלד אויסגעגאַנגען; קיין גאַזאָלין וועט ניט זיין, די מאַשין וועט זיך אָפּשטעלן; דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיר וועלן אין וועג בלייבן, מיר וועלן ניט דערציִען.

האָט זיין אומעטיקע ווייב גאָרנישט ניט געענטפֿערט און די בלאַנדהאָריקע יינגלעך און מיידלעך האָבן הפּנים דעם טאַטנס אומגליק דערשמעקט, האָבן זיי זיך ביינאַכט צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, ווי שעפּסן פֿאַרלאָרענע, און אין מיטן פֿעלד פֿאַרגאַנגען זיך אין וויינען.

האָט פֿריץ קנאָכל נאָך אַלץ ניט דערקלערט זיך באַזיגט. ער האָט מיטן עקשנותדיקן נאַקן געקעמפֿט, געדרייט זיך אויף אַלע זייטן, געוואָלט אויסכיטרעווען די מאַשין, פֿאַלשעווען מיט צוגעמישטן וואַסער. אָבער איינמאָל אַוונט־ צייט, אויף אַ גרויסן שאָטן־פֿלעק אין מיטן וועג, ווען דער לעצטער טראָפּן גאַזאָלין אין מאָטאָר איז אויסגעגאַנגען, האָט די מאַשין אַ כריפּ געטאָן, אונטערגעריסן די לעצטע כחות און געבליבן שטעקן.

שוין אינגאַנצן אַ באַזיגטער, האָט זיך קנאָכל ניט אונטערגעגעבן:

— עי, פרעמדער! זיי אַזוי גוט, שטעל זיך אָפּ; זאָג מיר: איז נאָך ווייט, זייער ווייט צום „וועסט"־לאַנד?

— פאַר גלייך, גלייך אַהין, מיטן גראַדן וועג, מיט דער פייל, דער געצילעוועטער, וועסט שוין זיכער פאַרפאָרן.

— ווייב! וואָס טוט מען? מיר קענען זיך פון אָרט ניט רירן, מיר זיינען געבליבן אינמיטן!

האָט דאָס אומעטיקע ווייב גאָרנישט ניט געענטפערט און די קינדערלעך האָבן געוויינט און געיאָמערט...

5

יענע נאַכט האָט קנאַכל געזען אַ חלום.

אין חלום איז צו אים געקומען זיין טאַטע, אַ דייטש אַן איינגעוואַנדערטער, וועמעס לשון ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן. קנאַכל האָט אים אָבער גלייך דערקענט.

ער האָט געהאַט אויף פּעטע לאַכנדיקע ליפּן אַ פּאָר ווייסע, ווי פון וואַטע אויסגעוויקלטע וואָנצעס און די ווערטער זיינע זיינען אַזוי מאָדנע, ווי דורך די וואָנצעס געשוואומען אין דער הויך.

האָט קנאַכל דעם טאַטן זיינעם דערציילט פון זיין אומרו, פון זיין וואַנדערן אין דער „וועסט", ווייל ער האָט געזען, אַז דער טאַטע פאַרשטייט אים און פילט אים מיט.

האָט דער דייטש דורך די דיקע וואָנצעס אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— קנאַכל דאַרף אַ קרבן ברענגען, ווי אין די אַלטע ביכער שטייט געשריבן: אברהם ברענגט פאַר אַ קרבן זיין איינציקן זון...

אויף מאָרגן אינדערפרי איז פריץ אויפגעשטאַנען, האָט מיטגענומען מיט זיך איינעם פון די בלאָנד־האָריקע יינגלעך זיינע, אַריינגעזעצט אים צו זיך אין מאַשין און דעם איבעריקן עולם האָט ער געהייסן וואַרטן ביז ער קומט צוריק.

האָט זיך דאָס ווייב דערשראָקן:

— מאַן, וואוהין גייסטו? האָסט אפשר איבערגעלאָזן דיין הויזגעזינד אויף הפקר און אַליין ווילסטו אַנטלויפן פון דאַנען? און וואוהין נעמסטו דעם עלטסטן יינגל מיט? מאַן, זאָג אויס דעם אמת, דערצייל.

— שוויג, ווייב! אין דער „וועסט" פאָרן מיר. אַמאָל איז מען אויף אָקסן און פערד געפאָרן, איצט פאָרט מען אויף אַ שטאָלענער

מאַשין, דער גאַזאָלין איז אויסגעגאַנגען, איז מוז מען זיך אַן עצה געבן, מען מוז דערגרייכן...

איז קנאָכל אַוועקגעגאַנגען אין דער נאָענטסטער רויט־געפאַרבטער גאַזאָלין־סטאַנציע. געקומען און געהייסן אָנפילן דעם צאַפּן מיט גאַזאָלין, אַריינגיסן אויל און אָנשטאָפּן מיט לופט די גומענע רעדער. נאָכדעם האָט ער פאַר גלייכן געלט געקויפט אַ פּאָר רעדער, געדונגען זיך, דורכגעקומען; נישקשה, ס׳וועט שוין צוביז קומען אויפן וועג.

— נו, פרעמדער! איצט זיי מוחל און באַצאָל.

— זיכער דאַרף מען באַצאָלן; אָבער זע נאָר, וואָס ס׳קען זיך טרעפן: דאָס פּעקעלע אַסיגנאַציעס האָט ער ביי זיך אונטערן קישן פאַרגעסן, אין האָטעל־צימער אונטערן קישן; דאָס ווייב, די קינדער זיינען נאָך אַלע דאָרט. אָט לויפט ער אַריבער, ברענגט דאָס געלט און צאָלט זיך גלייך פאַנאַנדער.

— ע, טאָמער האָט דער באַלעבאָס מורא? גערעכט, טאָקע גע־רעכט, ער קען דאָך אים ניט, זעט אים צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַ וואַנדערער, היינט דאָ און מאָרגן העט־העט ווייט; איז וואָס? אָט נעמט ער און לאָזט אים איבער אַזאַ מין משכון.

פריץ נעמט אַריין דעם קינדס פלישיק קעפּל צווישן די פינגער און גלעט אים איבערן שטרוי־בלאָנדן קאָפּ האָר.

— וועט דער זונעלע אַ ווײַלע צוואַרטן ביז דער טאַטע וועט דעם פּעקל אַסיגנאַציעס פון אונטערן קישן אַרויסנעמען, פאַנאַנדער־צאָלן זיך און פאָרן ווייטער אַהין...

דערפאַר וועט אים דער טאַטע ליב האָבן, קויפן צוקערקעלעך זיסינקע, אַ לאָלי־פּאָפּ אַ היפּשינקן, אָט־אַזוי די גרויס...

קנאָכל זיצט שוין ביים ראָד, האָט מורא אַרומצוקוקן זיך אַהינ־טער, טראָגט זיך האַסטיק, מיט אומגעלומפּערטן אימפּעט אַהין, וואו ער האָט פריער איבערגעלאָזן זיין פאַמיליע אויפן פרייען פעלד.

— ווייב! גיכער! זעץ זיך אַריין מיט די קינדער! מיר פאָרן שוין ווייטער אין דער „וועסט״.

איז די פרוי צעשראָקן און צעציטערט געוואָרן:

— מאַן! זאָג מיר, וואו האָסטו דעם ייִנגל איבערגעלאָזן? זאָג מיר, וואו איז דאָס קינד?

— ווייב! שווייג! זעץ זיך גיכער אין מאַשין אַריין! צו דער „וועסט״ איז שוין נאָענט, אַהינצו מוזן מיר אָנקומען. שפּעטער וועסטו אַלצדינג וויסן. דערווייל שווייג!

האָט זיך דאָס פלאַך־ברוסטיקע אומעטיקע ווייב אין מאַשין אַרייַנ־

געזעצט, האָבן די איבערגעשראָקענע קינדער אַן אומגליק דערשפּירט און צוגעקוועטשט זיך מיט באַנומענע קולות אויפן גאַנצן וועג; און קנאָכל איז געזעסן ביים ראָד, געטריבן די מאַשין מיט אומגעלומ־פּערטן אימפּעט אויפן ווייס־אַספּאַלטענעם, ווי קברות־זאַמדיקן וועג. בערג געקייטלטע זיינען אים רינגלדיק נאָכגעלאָפן, אַ וועלט אַ גאַנצע האָט זיך הינטער אים געיאָגט. ער האָט אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער און דורכפאָרער און נאָכאַנאַנד זיך געפרעגט:

— ווי ווייט? איז נאָך זייער ווייט צום „וועסט"־לאַנד?

מען האָט אים געצייגט מיט אַ פינגער אין איין ריכטונג:

— פאָר גלייך, גלייך אַהין, וואוהין דער פייל דער געצילעוועטער צייגט. דער וועג איז אַ גלייכער און די „וועסט" איז ניט ווייט; וועסט דערפאָרן, וועסט שוין זיכער דערפאָרן...

צום יום־טוב

ביים זוים פון שטאָט איז געשטאַנען אַ וואַלד, ביימער העלדן־שטאַמיקע, טיף־פאַרוואָרצלטע, גאָלע דעמבעס.

זיינען די ביימער געווען צעשטעלט אין שורות; קאָפּ צו קאָפּ האָט זיך ניט אָנגעריִרט, וואָרצל צו וואָרצל האָט קוים דערגרייכט, און די שטאַמען, אַקסלען אויסגעגלייכטע, שטאָם אַנטקעגן שטאָם, ברודערדיקע שורות.

האָט מען פון שטאָט דעם וואַלד ניט געזען; נאָר אַז מען האָט זיך אויף פלאַכע דעכער פון הויכע בנינים אַרויפגעשטעלט, האָבן קינדערלעך מיט אַ הענטל אָנגעציַיגט: „דאָרטן איז אַ וואַנט אַ שוואַרצע״, און עלטערע, שוין דערפאַרענע מענטשן האָבן דערציילט: „דאָרטן הויבט זיך אָן דער וואַלד דער גרינער״. אמת גוט אָנקוקן דעם וואַלד האָט מען פון דאָרטן ניט געקענט, ווייל ווייטלעך איז ער פון שטאָט געווען און אָפּט פאַרשטעלט מיט רויך און נעפּלען.

ביידע זיינען אָבער געווען צווישן זיך פאַרבונדן: איבער וועג, פאַזע וואַלד, זיינען שינעס ווייס־בלישטשענדיקע געשלאָפן אין פאָרן. אין באַשטימטע מינוטן פון טאָג אָדער נאַכט האָט אַן אומרואיקער שטאָל־ציטער די פאָרן אויפגעוועקט. זיי האָבן איבער די רוקנס שורות וואַגאָנעס מיט קייטן געטשעפּעטע אַריבערגעפירט און אַליין אַוועק־געלאָזט זיך נאָך זיי שנעל־שלאָגיק לויפן. האָבן אין די וואַגאָנעס פלעמלעך מאָדנע, אומרואיקע געבלישטשעט און אויגן האָבן זיך צו די שויבן געטוליעט און אַ גערוס אַ פרעמדן דעם וואַלד איבער־געלאָזן. ביים זייט וואַלד זיינען געשטאַנען צעוואָרפן טעלעגראַפישע סלופעס; זיי האָבן אויסגעקוקט ווי פלוצלימדיק פאַרגליווערטע אינ־מיטן אימפּעטיקן לויפן, אויסגעצויגן אומגעלומפּערט־דינע, שוואַרצ־דראָטיקע הענט, אָנגעכאַפּט זיך האַנט ביי האַנט, געזשומעט נאָכאַנאַנד אַן איינטאָניק ציטער־דראָטיק ליד, ניט פאַר זיך און צו זיך, איינער צום צווייטן...

האָט דער וואַלד אַלץ געזען און זיך געוואונדערט, געקוקט און ניט פאַרשטאַנען, ווייל בלויז פונדערווייטנס האָט ער די שטאָט געזען און אַליין איז ער שטענדיק געווען פאַרטיפט אין זיינע אייגענע וואַלדיקע געדאַנקען.

איז דאָרט דאָס לעבן געגאַנגען זיין אַלטן איינגעשטעלטן סדר: ווינטער האָט פאַרביטן דעם זומער, שטילקייט דעם שטורעם און קאָפּ־געקרייזלטקייט — הוילע נאַקעטקייט. האָבן ביימער געבאָרן בלעטער און חזיר־ניסלעך און סוף־זומער זיי באַגראָבן. זיינען ריזיקע דעמ־בעס געשטאַנען אין טיף־פאַרוואָרצלטער באַוועגלאָזיקייט; האָבן זיי געוואָרט בייטאָג אויף דער טיפקייט פון דער נאַכט, ביינאַכט — אויף דער בלויקייט פון טאָג, האָבן זיי אַלעמאָל געטרויערט זייער שטילן ווייסנדיקן טרויער; ווייל דער וואַלד איז אַן אַלטער און אַ געניטער געווען, געגנוג זומערס און ווינטערס האָט ער אין זיין שטאַם און קאָרע איינגעקאָרבט; ער האָט זיך אויסגעלערנט צו ליידן רואיק, שטיל און געדולדיק; ניט געוואוסט פון קיין ווילדע פריידן און קיין שאַרפע ווייטיקן...

איז טאַקע שווער געווען פאַר די דעמבעס צו טראָגן טיפע הימל־בלויקייט איבער די קעפּ, שווער געווען מיט די וואָרצלען צו עגבערן זיך און מעסטן די אונטערערדישע טיפקייט; שווער געווען איבער־צוטראָגן אין שטילקייט זומערס און ווינטערס, שטורעמס און זאַווע־רוכעס, רו און באַוועגלאָזיקייט, האָבן זיי אָבער אויף אַלץ צוגעשאָקלט ווייטיקדיק־פרום מיט זייערע צווייגן:

— וואַלד־מזל! באַשערט! פונעם אייגענעם גורל קען מען ניט אַנטלויפן!...

בלויז דעמאָלט, ווען אַ שטורעם פלעגט מיט אַ לייכטזיניקן צו־פייף, פון ערגעץ־וואו, פון אַ קייט זיך אַראָפּרייסן, פלעגט דער וואַלד מיט אים שותפות מאַכן און אַרויסשרייען זיין העזה און ווייטיק.

דער וואַלד פלעגט גיין דעם שטורעם אַנטקעגן, טרייסלען מיט אַ הודזשעריי די צווייגן, באַפליקן דעם אייגענעם קאָפּ, און טרייבן אויפן ווינט זיינע בלעטער; רייסן זיך פון ערד־געפאַנגענשאַפט מיט די וואָרצלען, קרעכצן פון אָנשטרענגונג און פאַרגעניגן, אַז אָט איז שוין די העזה־שעה געקומען צו שטעלן זיך אַנטקעגן דעם אַלטן פאַר־האַסטן וואַלד־סדר; ס'איז שווער געווען דעמאָלט צו דערקענען, אַז דאָס רעדט דער אַלטער געניטער וואַלד. ער האָט געמאָנט מיט יעדן צווייגן־כוואַשטש:

— מיר ווילן ניט קיין הימל־בלויקייט, דערעסען איז אונדז איי־

ביקע פֿאַרוואַרצלטקייט! געבונדענע זיינען מיר! געפּענטעטע! פֿאַר־שטיקטע! און מיר רייסן זיך פֿון דאַנען, מיר ליידן און מיר האַסן...

נאָר דער שטורעם פֿלעגט שנעל איבערגיין; דער אָפּגעפרישט־בלויער הימל פֿלעגט צוריק אויף דער ערד מיט אַ טיף־צאַרט שמייכעלע אַ קוק געבן. דער צעשויבערטער וואַלד פֿלעגט זיך באַרואיקן און אויף זיך אַליין אַ קוק כאַפּן: געפּלאַצטע צווייגן, אויפגעריטע קאָרטשעס, אַראָפּגעריסענע קאָרע, פּאַסמעס בלעטער אויסגעפליקט און צו די פיס אַוועקגעוואָרפן. דעמאָלט פֿלעגט זיך דער וואַלד פֿאַרשעמען און פֿון זיך אַליין, מיט שטעכעדיקן אײַז־ווײַטיק חוזק מאַכן:

נאַריש געמאַכט זיך! ניט שיין! ס'פּאַסט ניט פֿאַרן אַלטן און גענייטן. צייט שוין צו וויסן, אַז אונדזער מזל איז אַזאַ: רואיקייט, שטיל־קייט און געדולד; און אַז שווער, איז וואָס? פֿונעם אייגענעם גורל קען מען דאָך ניט אַנטלויפן.

איז אָבער די שטאָט, וואָס ביים גרענעץ פֿון וואַלד, אַן אויפרעגנ־דיקע געוועזן און ביסלעכווייז, טאָג נאָך טאָג, האָבן זיך אַהער, אין דעמבע־וואַלד, פֿאַרטראָגן אירע אויפגערייצטע קולות...

* * *

ווען דער צאָרן פֿון שטאָט פֿלעגט זיך אין אַ רויך צום הימל אויפהויבן, גליווערן זיך אין שטיקער וואָלקנס און מיט אַ שוועבל־ריח צוריק אויף דער ערד אַראָפּסמאַליען, פֿלעגן די ווינטן די שטאָט־רויכן אויפכאַפּן, פֿאַנאַנדערטראָגן אין אַלע זייטן און אויך איבערן דעמבע־וואַלד פֿלעגן זיך צעהענגען זייערע אומרואיקע שטיקער.

האָבן די דעמבעס געאָטעמט דעם נייעם רייצנדיקן שאַרף־שיכורן ריח און ניט געוואוסט, וואָס איז געשמאַקער; די זאַפט, וואָס רינט זיסלעך דורך די וואָרצלען פֿון דער ערד, אָדער ביטער־סמאַליענדיקע רויכן? רו, וואָס טריפט פֿון טיף־הימלדיקער בלויקייט אַראָפּ, אָדער וואָלקנדיקע אומרו? אומבאַוועגלעכקייט פֿון איינגעוואָרצלטן וואַלד, אָדער ווייט־רוישנדיקע שטאָטישע באַוועגונג?...

און דורכן רויכנדיקן טשאַד, ווי אַדורך אַ דינער זיפּ, פֿלעגן פֿאַלן אַהער, אין שטורעם־שווייגנדיקן וואַלד, ווייטע שטאָטישע קולות:

איניקע, ווי אַן אויפרייס פֿון אַ פֿעלדז, מיט אַ טעמפּיקן פֿאַנאַנ־דערפֿאַל פֿון אָפּגעריסענע שטיקער; אַנדערע, ווי געפּלאַצטע זייד־קעסלען; איניקע — אַ שפּיל פֿון אַ ריז, שליידערנדיק און כאַפּנדיק צוריק אין די הענט קיילעכדיקע שטיינער, אַנדערע — אַ וואָיען פֿון וועלף־טשאַטעס; קולות געלאַסענע, אויסגעציילט דורך הילכיקע זעצן

פון האַמערס, און קולות צעווילדעוועטע, סוויסטשענדיקער טומל; אַ
סקריפּ פון שטאָל, אַ קוויטשיקער פּיף, אַ חיהדיקער קרעכץ, אַ פאַר־
לוירענער זיפץ, אַ זעץ אין פּויק, אַ הודזשעריי פון טרובעס, אַ דין־
קוויטשעדיק קול פון פידלען און האַרמאָניקעס, וואָס שפּרינגען אַריין
אינדערמיטן און שנײַדן דעם האַרטן קייקלענדיקן טומל מיט אַ שנייד־
מעסער, דורך און דורך...

זיינען געפאַלן די קולות אויף דעמבע־קעפּ, צערודערט דעם
וואַלד און אָפּגעענטפערט צוריק מיט אַ הילכיקן אויפרעגנדיקן געליאַ־
רעם:

— אַ־האַ־אַ־אַ! אַ־אַ!

האָט דער וואַלד געשטיקט זיך און מקנא געווען דער שכנטע־
שטאָט מיט איר ליאַרעם, אומרו און סמאַליענדיקן צאָרן, און גע־
ווען געפאַלן ביי זיך, וואָס דעמבעס בלייבן אַלעמאָל אומבאַוועגלעך
און שטום.

אין די נעכט פלעגט זיך דער צאָרן פון שטאָט צעצינדן און
אַרומכאַפּן דעם הימל מיט רויטע, צונטער־פינטלדיקע פלאַמען. דע־
מאָלט איז אויפן הימל ניט געווען קיין בלויקייט, קיין וואָלקן־גרויקייט,
קיין שטערן און לבנה. אַלץ איז געווען איבערגעפאַרבט אינעם נאַכטיק־
אומרואיקן ליכט, וואָס האָט זיך געמיניעט, אויפגעהויבן אַ פייערדיקן
ברעם, געוואונקען דראָענדיק צו פאַרטרינקען די שטאָט מיט אַ פלו־
צימדיקן רעגן פון גאָלד־גלימצערדיקע פונקען...

און אין אָפּשיין פון נייעם קופערנעם ליכט האָט זיך די שטאָט
געשליידערט. פאַרשטיקטע נאַכט־קולות האָבן זיך אויפגעמישט צו־
זאַמען און געברומט מיט אַ שוואַרץ־בעריקן הונגעריקן האָוו־וו...
ערגעץ־וואו האָט שטאָט־ערד געהאַלטן אָפּן ס׳מויל און פאַרשלונגען
אַלע קולות. ס׳זיינען אויסן געבליבן ניט קיין פאַרשלונגענע, און גע־
בלאָנדזשעט אין דער נאַכט, דאָס טומלדיקע געזאַנג פון שיכורים און
אַ דינינקע פאַלשע קוויטשעריי פון פליטן און פידלען.

מאָדנע איז דעמאָלט געווען צו זען ווי הימל שפּיגלט זיך אין הימל,
הימל קוקט אַריין אין הימל און ביידע הימלען בלייבן זיך איינע די
אַנדערע פרעמד און דערווייטערט: די געדיכטע טונקעלע בלויקייט
פון וואַלד האָט אָפט געכאַפּט אויף זיך אַן אויפבליץ פון דער ווייטער
צעשמאָלצענער רויטקייט, געכמורעט אַ שווערן פאַרטיפטן ברעם און
געבליבן ביי זיך אומצופרידן, שטאַרק אומצופרידן...

נאָר די דעמבעס, פאַרטונקטע אין רינענדיקער שוואַרץ־שאָטנקייט

פון דער נאַכט, האָבן זיך ווייטיקדיק געריסן פון זיך אַליין, פאַרשיכורטע פון אָפּגלאַנצנדיקער אומרו.

זיי האָבן געהויבן אינדערהויך די שפּיצן פון זייערע קעפּ, גע־כאַפּט אויף זיך אַן אויפבליץ פון ווייטן, צונטערדיקן ליכט, וואָס האָט זיך געמיניעט און געקנייטשט ווי פייערדיקע ברעמען; אַ צווייג פלעגט זיך מיטאַמאָל אָנצינדן מיט קופּער־ליכט, בלעטער פלעגן זיך צענעמען און איינציקווייז פלאַך־גאָלדיק אויפשיינען; אַ שווידער פלעגט דע־מאָלט דורכגיין דורך די שטאַמען:

— אָ! ווי גוט! ווי שיין!

האָט זיך דעמאָלט די דעמבעס געוואָלט אויפטאַנצן אַנטקעגן דעם פלאַמענדיקן ליכט, אָפּטונקלען דאָרטן זייער שטאַם און צווייגן, אויס־ברענען פון זיך די קלעפּיקע פּעכיקייט פון דער נאַכט, וואָס האָט פון ערגעץ פון קעסלען שוואַרץ־רויכערדיקע גערונען און גערונען...

און צווייגן האָבן זיך מיטן אייגענעם צאָרן־אימפּעט גערירט:

— אַ קללה אויף די וואָרצלען אונדזערע! פאַרבונדן אונדז צום אייביקן ליידן!

פאַרשאָלטענע שטילקייט! סם אין די זאַפטן פון דעמבעס!

— אָן דאָרטן איז גוט! אַלע אָפּגעטשעפּעטע און דאָך אויפגע־מישטע צוזאַמען. דאָ — אַ וואַלד אַ גאַנצער און אין איינזאַמקייט איז יעדערער באַזונדער...

* * *

אין שטאָט איז אַ יום־טוב געווען, אַן אומגעוויינלעכער יום־טוב.

שוין מיט עטלעכע טעג פריער האָט זיך געפילט, אַז אין שטאָט קומט פאָר אַזוינס, וואָס איז ביז איצט נאָך ניט פאָרגעקומען.

פאַרשטומט זיינען געוואָרן די געלאָסענע, דורך האַמער אויסגע־קלאַפּטע בוי־קלאַנגען; ס׳האָבן ניט געפּלאַצט קיין קעסלען, ס׳האָבן זיך מער ניט געברעקלט קיין אויפגעריסענע פעלדזן. רויכן גרויע טשאַדיענדיקע האָבן טאָג און נאַכט פאַרשטעלט דעם הימל און פון צווישן די רויכן האָט זיך געגאָסן, ווי אַ שטיין־רעגן, דין צעמאָלענער טומל פון פאַרשטיקטע טריט, צאַרנדיקע אויסרופן. הייסער אָטעם און צעהוליעטקייט פון באַפרייטער דערוואַרטונג. ס׳האָט זיך נאָכ־אַנאַנד געהערט אַ קול, דאָס רייבן זיך פון שפּיציקן געשאַרפטן שטאָל, שטיל, דין, שנאַהדיק, מיט אָנגעשטרענגטער עקשנות, ביז וואַנעט שטאָל האָט זיך געטעמפּט, אָדער אויף שטיקער געבראָכן.

נאָכדעם האָט עס אויסגעפּלאַצט.

מיט אַ ים קולות און סוויסטשענדיקע אויסרופן, מיט אַן אויס־שפּריץ פון פייערן פון כלערליי קאָלירן, מיט אַ ברומעריי פון פּויקן, מיט אַן אויפשפּיל פון ריזיקע מעשענע טרובעס, מיט טופעריי פון צעטאַנצטע פיס, מיטן פריילעכסטן כאָרן־געזאַנג, מיט צונטערדיקע, ווייס־צעגליטע פלאַקערן, וואָס האָבן צעצונדן דעם הימל אַרום און אַרום און פאַנאַנדערגערעגנט זיך מיט אַ שפּריי פון גאָלד־גלימצערדיקע פונקען...

האָט געטאַנצט און געדרייט זיך שווינדלדיק דער קרייז פון צע־צונדענער שטאָט, געשמייכלט און געפינקלט מיט פייערלעך ראָז, בלוי, גרין און פלאַמיק־ווייס, האָבן פריילעכע פלאַקער־צונגען גערייצט זיך מיטן נאַכטיקן וואַלד, וואָס האָט פון ווייטן אַלץ געזען און געהערט, און די זאַפט פון דער ערד איז געוואָרן אַ שיכורער געטראַנק אין זיינע אָדערן...

האָבן זיך דעמבעס געהויבן אינדערהויך. אויפגעטאַנצט אַנט־קעגן דעם נייעם אויפפלאַמענדיקן ליכט, געוואָלט אַראָפּוואַשן פון זיך די רינענדיקע שוואַרצקייט פון דער נאַכט, די פאַרהאַסטע רואיקייט פון אייביקע פאַרטיפטע הימלען.

די צוויגן האָבן זיך מיטן אייגענעם צאָרן־אימפּעט גערירט:

— אַ קללה אויף די וואָרצלען! פאַרשאָלטן זאָל זיין וואַלד־רו־איקייט!

— סם אין די אָדערן איז אונדזער שטומקייט און באַוועגלאָזי־קייט.

— הערט נאָר: דאָרט איז פריילעך; געזאַנג און טענץ.

— אַהינצו, אין שטאָט אַריין! לאָמיר זיך פון אונדזער וואָרצל־דיקייט באַפרייען

— אויפשטאַנד און אייניקייט פון דעמבעס!

שטאַמען האָבן געקרעכצט; וואָרצל־קנוילן האָבן זיך אָנגע־שטרענגט, געפּלאַצט און געריסן זיך פון טיף־ערדיקער צעצווייגונג. קאָרטשעס האָבן זיך פון ערד־טיפקייט אויסגעהוילט, קנופּן צווייגיי־קע, נאָר־וואָס באַפרייטע, מיט ערד־קופּעס נאָך אַלץ אַריינגעקלעפּט צווי־שן צעשפּרייטע פינגער. דעמבעס זיינען געשפּרונגען אינדערהויך, גע־טונקט קאָפּ אין ווייס־פייערדיקער צעשמאָלצנקייט. ריי נאָך ריי האָט באַפרייטער וואַלד געשפּריזט, געאיילט זיך צום גרויסן שטאָטיישן יום־טוב...

אינהאַלט

פאָרוואָרט — א. גאָלדבערג 5
דער קנייפער 11
נקמה 17
פרנסה 23
באַרסאָן און מיקאָלאַיעף 29
אַ פאָרשטעלונג 36
אַ מלחמה 41
אויפן שיפל 46
אַנטלאָפענע 51
געוועזענע קינדער 59
צווישן חיות 83
גאָלדמאַן 104
אויף די וועגן 124
לויפנדיקע שאָטנס 133
זשאַבאַ 138
איידלשטיינער 144
זון־פאַרגאַנג 150
הינטישע דערציאונג 157
רובין 171
הימעלע לערנט 181
גוטהאַרציקע 189
די באָבע און דער טעלער 203
דער קליינער מאַטראָס 203
אַ מענטש אַ מענטשעלע 209
מאשוטקע 211
קנאָכלס נסיעה 216
צום יום־טוב 226

(די ערשטע אַכט דערציילונגען זיינען פון דער סעריע „נאַקעטע פיאַטעס”)